בית הכנסת היה מעוטר מבפנים בקישוטי־ קיר, שהציגו כל מיני חיות וציפורים, אשר עליהם מדובר בתנ"ך. תמונה גדולה על הקיר המערבי, מעשה־ ידי אמן, העבירה לפנינו את הסיפור על הלוויים, שתלו בגלותם את כנורותיהם על הערבות ושרו את קינתם "על נהרות בבל, שם ישבנו גם בכינו".

בין עתיקות־הפאר שקישטו את הקירות משך את עין הצופה הארון־הקודש גדול־ממדים עם עיטוריו, מעשי־ידי אמן נועז בעל כשרונות גדולים, ונושאיו שאב מסיפורי התנ"ך, יצרו גם אווירה של חיי רוח תנ"כיים ועוררו להתבוננות בקדושה המקיפה את כל החיים והתלויה בדברי אלוקים חיים.



חזית בית הכנסת

צויר ע"י משה צחי — משה ר' אפרימל'ס



פנים בית הכנסת
הקיר המזרחי
עם ארון הקודש

באמצע האולם של בית הכנסת הגדול עמדה הבמה, אליה הובילו מדריגות משני צדדיה, וגם היא היתה מעוטרת תחריטי־עץ, קורנים הוד ויופי, מיסתורין בזוהר של על־גשמיות, והיה בהם מיזוג של דמיון עשיר ועומק מחשבה. יפה היה לו לאדם לשאת את עיניו אל התמונות והיה קיים מעין דו־שיח בין היצירות לבין המתפללים והשכלה יוצאת מן הכלל לגבי חידושה של הקדושה בחיים. הנוגה הבוקע מהויטראז׳ים המה חזיונות נסתרים ויצר הרמוניה נפלאה. כשעמדתי בין המתפללים וקולם גובר ומריע, חשתי גם אז את דממת־הקדושה ואיזו שלוות־קדומים ירדה והרגיעה את לבבי הסעור.


בתוך ארון־הקודש היו ספרי־תורה רבים וביניהם כאלה שנכתבו מלפני מאות שנים. והיו צפונים בארונות תשמישי־קדושה שונים, עשויים מכסף ומנחושת, בידי אומנים יהודים בתקופות שונות. הרבה מהם נשארו אלמונים והיו גם כאלה שחרטו את שמותיהם. כזה היה יהודה לייב, שחתם על אחד ממעשי־ידיו את

שמו יחד עם התאריך התק״כ (1760), השנה, בה שיקמו וחידשו את בית־הכנסת, שנבנה מאות שנים לפני התאריך הזה.

אל כל אשר אלך עומדת לפני עיני חמדה גנוזה זו. כמו קיטע, שנכרתו פרקי ידיו ולאחר הרבה שנים עוד יחוש את עוויתם בכל תאי המוח, כן חש אני את כאב החורבן. בדרכים, במדינות וערים בהן עברתי, תמיד מצאתי לבבות כסופים ולהוטים להקשיב לסיפורי על בית הכנסת המפואר שלנו. ובספרי — ממרחקים אשמע את הגווילים רוגשים עם חצות, גוילי הסידורים והמחזורים בני מאות שנים.

סופות רבות כל־כך עברתי, ובכל זאת לא שכחתי ולא אשכח את המראה של הוד ויופי, עמוד־של־אור בחשכת הלילה.


אורות ערים רבות ספגו עיני, אולם עת זכרי את בית הכנסת, מיד תחשכנה כל התמונות של נדודי ורק אורו כנר־תמיד יבער לי.



פנים בית הכנסת
הקיר המערבי
עם ציור
״על נהרות בבל״

נחמיה דייטשמן, תל־אביב

די הילצערנע שיל



מראה בית הכנסת לצד מערב

די פיל־דורותדיקע שיל אין פשעדבאָזש איז געווען געבויט פון האָלץ און האָט זיך גערעכנט צווישן די שענסטע בתי־כנסת, וואָס יידן האָבן אויפֿגעבויט אין צענטראַל פּוילן. קונסט־פאָרשער, יידן און נישט־יידן, פלעגן קומען פון גאַנץ פּוילן באַטראַכטן דעם קינסט־לערישן מאָנומענט פון יידן אין פשעדבאָזש. די שיל איז באשריבן געוואָרן ווי אַ קונסט־ווערק דורך יידישע און פוילישע שרייבער. זי איז געווען געבויט פון אַ מין נאָדל־בוים, וואָס לאָזט נישט צו קיין ווערעם. די ווענט זענען געווען געבויט פון בוילן־האָלץ, סלופּעס, וואָס זייער לענג איז דערגאַנגען ביז פערצן מעטער און דרייסיק סינטימעטער די ברייט. מען קען זיך פאָרשטעלן ווי הויך די ביימער

האָבן געדאַרפט זיין און האָבן געהערט צום שטאַרקסטן סאָרט האָלץ אין דער וועלט.

די שיל איז געשטאַנען ביים ברעג פונעם טייך פיליצע און האָט געהאַט צוויי אַריינגענג, איינע פון צפון־זייט און די צווייטע פון מערב. דער הויפּט־אַריינגאַנג איז געווען פון צפון־זייט און מען איז אַריינגעקומען אין פּוליש, אַ פּירקאַנטיקער זאַל, אין דער וואַנט איז געווען איינמאָנטירט די ״קונה״ פון אייזן, איינע צו פאַרשליסן אַרום דעם האַלדז און די צווייטע צו פאַרשליסן ביים פוס.

די צוויי האַלבע טירן פונעם אַריינגאַנג אין שיל זענען געווען באַצירט מיט שניצערייען פון הויכער קינסטלערישער ווערט. אויף דער מערב־וואַנט איז געווען אויסגעמאָלן אַ גרויס בילד, וואָס האָט פאָרגעשטעלט די לוויים, וועלכע האָבן, ביים פאַרטריבן ווערן אין גלות, אויפגעהאַנגען אויף די ווערבעס זייערע פידלען און הארפעס און געזונגען דאָס קלאָג־ליד ״על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו...״

מיט גרויס מייסטערשאַפט איז געווען געבויט דער סופיט, האַלב רונדיק, מיט שמאָלע ברעטער, אויף וועלכע עס האָבן זיך געצויגן שמאָלע לייסטן פונקט אַזוי געבויגן פון ביידע זייטן. מען דאַרף געדענקען, אַז קיין פרעז־מאַשינען זענען דעמאָלט נישט געווען, אַלץ איז געווען אויסגעאַרבעט מיט דער האַנט און מיט אַ גענויער סימעטריע, באַצירט מיט שניצערייען, וואָס האָבן פאָרגעשטעלט פאַרשידנערליי פייגל און חיות, וועלכע ווערן דערמאָנט אין תנ״ך.

אויף דער מזרח־וואַנט איז געשטאַנען אין זיין גאַנצער הויכקייט דער קינסטלעריש אויסגעפאַרטיקטער ארון הקודש מיט די געשניצטע קרוינען, פייגל און לייבן. דורך די האַלב־רונדע פענצטער־וויטראַזשן איז געגאַנגען אַ געדעמפטע שיין, וואָס האָט צוגעגעבן דער אַטמאָספער קדושה און ערפורכט.

אינדערמיט איז געשטאַנען דער בלעמער, צו וועלכן עס האָבן געפירט טרעפּ פון ביידע זייטן און פון אים האָבן אַראָפּגעשיינט קינסטלערישע האָלץ־שניצערייען. אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפן אַ וווּנדערלעכע האַרמאָניע.

אין ארון הקודש האָט זיך געפונען אַ גרויסע צאָל ספרי־תורה און צווישן זיי אַזעלכע, וואָס זענען שוין אַלט געווען הונדערטער יאָרן. צווישן די פילצאָליקע פרוכתן איז געווען אַ פרוכת, וואָס איז געווען געמאַכט פון אַ פאָן פון נאַפּאָלעאָנס אַ פּולק און אויף אים איז געווען אויסגענייט פון גאָלדענע פעדעם אַ פּוילישער אָדלער. דאָס פרוכת האָט מען אויפגעהאנגען איין מאָל אין יאָר, שמחת תורה.

עס זענען געווען אויך אַנדערע חפצים און פאַרשידנערליי תשמישי קדושה, אויסגעאַרבעט פון זילבער און קופער, פון יידישע קינסטלער אין פאַרשידענע

הקופות. איינער פון זיי איז געווען יהודה לייב, וועמענס נאָמען איז געווען אויסגעקריצט צוזאַמען מיט דער דאַטע התק״כ (1760) אויף איינער פון זיינע קינסטלערישע אַרבעטן. אין יענעם יאָר האָט מען די שיל פונסניי רעמאָנטירט און דעקאָרירט.

אויפגעבויט איז די שיל געוואָרן מיט אַ סך יאָרן פריער אויפן אָרט פון דער ערשטער שיל, וועלכע איז פולשטענדיק פאַרברענט געוואָרן אין אַ שריפה, וואָס איז אויסגעבראָכן אין שטעטל.

די שיל איז פאַרברענט געוואָרן אין 1636 און פונסניי אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1638 (לויט דער רוסיש־יידישער ענציקלאָפעדיע).

צו די אוצרות אין דער שיל האָבן אויך געהערט די סידורים און מחזורים פון פאַרמעט, וועלכע זענען שוין אַלט געווען הונדערטער יאָרן.

די יידן אין שטעטל האָבן שטאָלצירט מיט די אוצרות און האָבן זיך צו זיי באַצויגן מיטן גרעסטן יראת הכבוד. אויך די צענטראַלע פוילישע מאַכט האָט זיך באַצויגן צו דער שיל אין פשעדבאָזש ווי צו אַ וויכטיק קונסט־ווערק און זי האָט גענאָסן פון דער אויפזיכט פון די ספּעציעלע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט נאַציאָנאַלע קונסט־אַנטיקן.

חזנים

די שיל. אין איר פולער פראַכט איז געבליבן איינגעקריצט אין זכרון פון יעדן פשעדבאָזשער ייד. אין זכרון זענען אויך געבליבן די חזנים. דער חזן ר׳ משהל, וועלכער האָט געהאַט אַ שטאַרקע טענאָר־שטים. ער איז געווען אַ הויכער, מיט אַ לאַנגער געלבלעך־גרויער באָרד, וואָס איז אין די ראַנדן אַרום מויל און וואָנסעס געווען פאַרברוינט פון רויכערן. ער איז געווען אַ תלמיד חכם, באַרימט מיט זיין לומדות, אַ ראַדאָמסקער חסיד.

אין שטעטל זענען געווען אַ סך יידן, וואָס דער גורל האָט זיי נישט געצערטלט, אָבער מער פון אַלע איז ר׳ משהל געבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון ווי די פאַרקערפּערונג פון טיפע ליידן. איך האָב אים געקענט פון דער נאָענט. אַ גאַנץ לעבן איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אַ פאַרשעמטער און געשטראָפטער. ער איז ווירקלעך שווער געשטראָפט געוואָרן. מיט זיין ערשטן ווייב האָט ער געהאַט צוויי טעכטער, וועלכע האָבן זיך אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע מיידלעך אין שטעטל דערמיט, וואָס פון קליינערהייט אָן זענען זייערע פּנימער געווען באַוואַקסן און זיי האָבן זיך ממש געדאַרפט יעדן טאָג ראַזירן. פאַרשטייט זיך, אַז די בושה איז געווען גרויס און נאָך גרעסער דער צער פון טאַטע־מאַמע. זיי האָבן געוווינט אין אַ נידעריק הייזל ביים ברעג פון דער פּיליצע. דורך די

קליינע פענצטערלעך האָט זיך קוים אַדורכגעריסן די ליכטיקע שיין פון טאָג. אַזוי זענען זיי געוואקסן אין נויט און אין איינזאַמקייט, די יאָרן זענען געגאַנגען און עס איז געקומען די צייט פון חתונה האָבן. דאָס איז מסתמא נישט אָנגעקומען גרינג.ביידע, חנה און חיה, האָבן טאַקע חתונה געהאַט, אָבער נישט אַזוי ווי עס האָט געפּאַסט פאַר קינדער פון אַזאַ שיינעם ייד ווי ר׳ משהל חזן.

חנהס מאַן, נח שניידער האָט גענייט תכריכים און האָט זיך פאַרהאַקט ביים רעדן. חיהס מאַן האָט געלעבט פון דעם וואָס ער האָט אין באָד געשמיסן מיט אַ בעזעם.

אַזוי האָבן זיי געלעבט אַ פאַרשעמט לעבן אין נויט און אין אָרעמקייט. חיה האָט קיין קינדער נישט געהאַט. די עלטערע חנה האָט געהאַט מיידלעך און יינגלעך און אויך ביי די מיידלעך זענען געוואָקסן בערד, אַזוי ווי ביי דער מוטער. דאַקעגן די יינגלעך האָבן געהאַט שיינע גלאַטע פּנימלעך.

מיטן דאָזיקן ווייטיק און פאַרשעמטקייט איז ר׳ משהל אַרומגעגאַנגען זיין גאַנץ לעבן. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט, ער זאָל זיין באַליבט ביי אַלע אין שטאָט און ווען ער איז געשטאָרבן עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה האָט דאָס גאַנצע שטעטל אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו.

קידוש השם פון חיה דעם חזנס טאָכטער

דעם 3־טן סעפּטעמבער 1939 זענען די דייטשן אַריין אין שטעטל און באַלד האָבן זיי זיך גענומען צום שיסן אויף פאַרבייגייער און אונטערצינדן הייזער. די גאַנצע באַפעלקערונג איז אַנטלאָפן אין די אַרומיקע דערפער, בלויז געציילטע זענען געבליבן און צווישן זיי חיה דעם חזנס טאָכטער. קיינער האָט זי פּשוט נישט גערופן, זי זאָל אַנטלויפן. ווען די דייטשן האָבן אונטערגעצונדן די שיל, האָבן זיי קיינעם נישט צוגעלאָזט צום ברענענדיקן בנין. בלויז צוויי מענטשן, ר׳ מרדכי כלאפּיצקי און חיהלע דעם חזנס האָבן באַוויזן אַריינצושפּרינגען אין פייער און ראַטעווען די ספרי־תורה, אָבער ביים אַרויסגיין זענען זיי אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון די פלאַמען און זענען פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט דער שיל. אַזוי איז חיהלע דעם חזנס נשמה אויפגעגאַנגען אין די פלאַמען פון הייליקן אָרט פונוואַנען איר פאָטערס תפילות האָבן געריסן די הימלען.

אין מיין דמיון הער איך דעם רעש וואָס איר עלית נשמה האָט אָנגעמאַכט אין די הימלען, ווען די מלאכים האָבן איינער דעם אַנדערן אָנגעזאָגט: ״חיה בת משה איז אומגעקומען אויף קידוש השם!״

צוזאַמען מיט זיי האָבן אַלע גרויסע צדיקים אַראָפּגעבויגן די קעפּ.

ר׳ ישעיהלע און זיין רבישע דינאסטיע

אַקעגנאיבער דער שיל איז געווען דאָס בית המדרש און דערנעבן האָט
יך געפונען די דירה, אין וועלכער עס האָט אַמאָל געוווינט דער פשעדבאָזשער
יב און רבי ר׳ ישעיהלע, וועלכער איז געווען איינער פון די זיילן פון פוילישן
זסידות, אַ תלמיד פון לובלינער חוזה. ער האָט מקרב געווען צום חסידות דעם
עבוירענעם אין פשעדבאָזש ר׳ יעקב־יצחק ראַבינאָוויטש, וועלכער איז שפעטער
עוואָרן איינער פון די מנהיגים פון דער חסידות־באַוועגונג אין פוילן און באַרימט
עוואָרן מיטן נאָמען דער ״ייד הקדוש״.

ר׳ ישעיהלע האָט אויך געפלעגט זיין אין לובלין, געפירט וויכוחים איבער
זסידות מיטן פאַרביסענעם מתנגד, דעם גאון ר׳ עזריאל הורוויץ, דער באַרימטער
״אייזערנער קאָפּ״. נישט געקוקט אויף זיין חריפות האָט ר׳ ישעיהלע אין די
וויכוחים מיט אים, אים גובר געווען (לויטן היסטאָריקער הרב הובערבאַנד).

אין יענער תקופה איז די יידישע קהילה אין פשעדבאָזש געווען אין איר
פולן אויפשטייג. צו ר׳ ישעיהלען פלעגן קומען אַ סך עילויים, וועלכע זענען
געווען זיינע תלמידים, צווישן זיי דער ראַדאָמסקער רבי, ר׳ שלמה ראַבינאָוויטש,
דער בעל ״תפארת שלמה״. פון נאָענט און ווייט זענען געקומען צו אים גדולי
התורה.

די דירה פון ר׳ ישעיהלען איז פונקט ווי דער בית המדרש געבליבן נישט
געענדערט. די יידן אין פשעדבאָזש האָבן אָפּגעהיטן מיט גרויס פּיעטעט זיין
יחידות־חדר, אין וועלכן עס זענען געבליבן שטיין דאָס בעטל, אין וועלכן ער
איז געשלאָפן; דער טיש, ביי וועלכן ער האָט געלערנט טאָג און נאַכט. אויף
דער וואַנט איז געהאַנגען זיין שטעקן און דער ווייסער זיידענער כאַלאַט.

הרב ר׳ עמנואל

נאָך ר׳ ישעיהלעס הסתלקות האָט דעם כסא הרבנות פאַרנומען זיין זון
ר׳ עמנואל, צו וועלכן עס זענען געקומען ר׳ ישעיהלעס אַלע חסידים און תלמידים.

דאָס צורעדן ר׳ עמנואלן צו פאַרנעמען דעם כסא הרבנות איז נישט
גרינג אָנגעקומען. ער האָט אין אָנהייב זיך קעגנגעשטעלט, און דערפאַר
איז אַ געוויסע צייט געווען רב אין פשעדבאָזש דער רבי ר׳ בער פון ראַדאָשיץ.
ערשט אַ צייט שפעטער האָט ר׳ עמנואל מסכים געווען איבערצונעמען דעם
כסא הרבנות.

ווען ער איז נאָך אַ קורצער צייט קראַנק געוואָרן זענען קיין פשעדבאָזש
געקומען זיינע חסידים פון וואַרשע און אים מיטגענומען, מיט דער האָפענונג
אַז די וואַרשעווער דאָקטוירים וועלן אים אויסהיילן. געשען איז אָבער, אַז דער

רבי ר׳ עמנואל איז נפטר געוואָרן אין וואַרשע און דאָרט איז ער געקומען צו קבורה.

הרב ר׳ משה

זיין זון, ר׳ משה האָט אויפן פאַרלאַנג פון די חסידים כּאַרנומען דעם כסא הרבנות, ער האָט אָבער געהאַט קעגן זיך די ראַדאָמסקער און אַלעקסאַנדער חסידים. זיי האָבן געהאַלטן, אַז ער איז צו יונג, איז ערשט נישט לאַנג געריטן אויף אַ קאָזע אין שטעטל און עס האָט זיי נישט געפּאַסט, אַז אַזאַ יונגער שנעק זאָל ווערן זייער מרא דאתרא. עס איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת און כאָטש אויף זיין זייט זענען געווען די מערסטע באַלעבאַטים פון שטעטל, האָבן אָבער די אַנדערע אים פאַרביטערט דאָס לעבן. בראש פון זיינע קעגנער איז געווען דער מורה הוראה ר׳ יוסף יהודה צוקער, אַ ראַדאָמסקער חסיד.

דעם רבס קעגנער האָבן אים שטאַרק מצער געווען, אָבער ער האָט געזאָגט: ״איך בין זיי מוחל, אָבער זיי דאַרפן בעטן מיינע אבות, זיי זאָלן זיי מוחל זיין זייערע שווערע זינד פון מבייש זיין אַ רב״.

דעם רבס אַנהענגער זענען נישט געזעסן מיט קיין פאַרלייגטע הענט, אָבער דער רב האָט געהאַט דערפון גרויס צער און עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט כּאַרלאָזט די שטאָט, אין וועלכער זיינע אבות זענען געזעסן אויפן כסא הרבנות און פאַרשפּרייט תורה און חסידות איבער גאַנץ פּוילן.

די מחלוקת האָט זיך נישט איינגעשטילט. אויך פון צווייטן צד, דער מורה הוראה ר׳ יוסף יהודה האָט געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט און האָט זיך באַזעצט אין קראָקע.

ר׳ משה האָט זיך באַזעצט אין ראספשע, אַ שטעטל, פופציק קילאָמעטער פון פּעשדבאָזש. מען האָט אים טאַקע גערופן דער ראספשער רבי.

יאָרן זענען געגאַנגען און מיט זיי זענען אויך אַוועק אויפן וועג פון אַלע שטערבלעכע די אַלע וואָס זענען געווען פאַרמישט אין דער מחלוקת. מיט דער צייט האָט זיך דאָס פייער איינגעשטילט. דער רבי ר׳ משה איז שוין געווען אַ זקן ווען זיין משפּחה און זיינע חסידים, וואָס האָבן געוווינט אין פּשעדבאָזש האָבן געפּועלט ביי אים, ער זאָל זיך צוריק באַזעצן אין זיין געבוירן־שטאָט. דאָס איז געווען אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיר געדענקען ווען דער רבי איז צוריקגעקומען אין שטאָט באַגלייט פון אַ גרויסע מאַסע חסידים. אַלע האָבן אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד און פריידי. יידן האָבן אָנגעטון די שבתדיקע בעקעשעס און אַקעגנגעריטן אויף פערד, וועלכע מען האָט באַצירט מיט פאַרשידענע קאָלירטע זיידענע בענדער. יואל קאַטשקע איז געריטן בראש

אויף אַ ברוינעם אגער. עס זענען אויך אַקעגנגעגאַנגען דעם רבין די קינדער פון די חדרים מיט זייערע מלמדים.

הרב ר׳ אליעזר

דער רבי האָט נאָך געלעבט עטלעכע יאָר און נאָך זיין פטירה האָט זיין זון ר׳ חיים אליעזר פאַרנומען דעם כסא רבנות און אויך געפירט דאָס רביסטווע. חסידים זענען געקומען פון נאָענטע און ווייטע שטעטלעך.

דאָס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. עס איז געווען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אין שטעטל איז אויסגעבראָכן די טיפוס־עפידעמיע און דער רבי איז קראַנק געוואָרן און איז יונג נסתלק געוואָרן. מיט אים האָט זיך געענדיקט די קייט פון די פשעדבאָזשער רביים.

ווי עס גיט איבער דער היסטאָריקער הרב הובערבאַנד, ווערן פשעדבאָזשער רבנים דערמאָנט אין די ספרי שאלות ותשובות פון 16־טן יאָרהונדערט. ר׳ שמואל פייוויש פון ווין דערמאָנט פשעדבאָזש אין זיין ספר ״טיט היוון״, וואָס שילדערט די גזירות פון ת״ח ות״ט. ער שרײַבט: ״...און פון דאָרט זענען זיי געגאַנגען קיין פשעדבאָזש און דאָרט זענען געווען פופציק באַלעבאַטים, וועלכע זענען אַלע אויסגעהרגעט געוואָרן״. פשעדבאָזש ווערט דערמאָנט ווי אַ גרויסער יידישער ישוב.

דוד דווידוביץ׳ אין זיין ספר ״בתי כנסת בפולין וחורבנם״ שרייבט צוו.אַנד., אַז די יידישע קהילה אין פשעדבאָזש ווערט דערמאָנט אין דער רבנישער ליטעראַטור פון 16־טן יאָרהונדערט. לויט אַ ריי היסטאָרישע מקורות איז וואַרשיינלעך די פשעדבאָזשער קהילה חרוב געוואָרן בעת דער שוועדישער אינוואַזיע.

פשעדבאָזשער רבנים האָבן זיך באַטייליקט אין אַלע אסיפות פון ועד ארבע ארצות. דער פשעדבאָזשער רב ר׳ שאול איז געווען צווישן די צוועלף רבנים, וואָס האָבן געחתמעט דעם חרם פון ועד ארבע ארצות קעגן דעם משומד יעקב פראנק.

אין דער גאַנצער געגנט איז פשעדבאָזש געווען באַקאַנט אַלס אַן אַלטע יחוסדיקע קהילה מיט אַ רייכער געזעלשאַפטלעכער פאַרגאַנגענהייט. ביים רב. ר׳ נתן גרינבוים האָט זיך געפונען אַן אַלטער פנקס, אין וועלכן עס זענען געווען באַשריבן געשעענישן און תקנות אין משך פון הונדערטער יאָרן. דער פנקס איז צוזאַמען מיט דער שיל און מיט דער גאַנצער יידישער עדה אוועק אין פלאַמען.

נחמיה דייטשמן, תל־אביב

דאס געזאנג פון מיין שטעטל

איך בין נישט ראוי צו מאַכן אַ הספד נאָך דער קהילה קדושה, פשעדבאָזש, אָבער די, וואָס וואָלטן געווען באַרופן דערצו — זענען נישטאָ... טו איך אויס די שיך פון מיינע פיס און דערצייל וועגן צוויי דורות יידיש פשעדבאָזש, וואָס כ׳האָב מיט זיי צוזאַמען געפּרייט זיך און צוזאַמען געליטן און וואָס זענען דורך די דייטשע רוצחים און זייערע צוהעלפער טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן פון דער וועלט. אויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען, טיפע וואָרצלען פון 700 יאָר. ס׳וואָלט זיך וועלן זיי אויפשטעלן אַ דענקמאָל, אַ דענקמאָל וואָס זאָל דערציילן וועגן שטילן, ערלעכן לעבן פון די יידן אין פשעדבאָזש, וועגן זייער אומקום אויף קדוש־השם; אַ דענקמאָל, וואָס זאָל זיין ווי אַ נר תמיד ביזן סוף פון אַלע דורות.

פשעדבאָזש — דער נאָמען שטאַמט פון פוילישן פאַר־וואַלד. פריער איז דאָ געווען נאָר וואַלד. אין די וועלדער איז קאַזשימיעזש דער גרויסער אַוועק אויף געיעג פון דעם נישט ווייטן אסתרקעס אפּאצנא, און ביי די ברעגעס פון טייך פיליצע האָט דער פוילישער קעניג אויפגענומען אַ דעלעגאַציע פון דעם דעמאָלסט שוין פאַרהאַנענעם יידישן ישוב אין פשעדבאָזש. זיי האָבן געבעטן אַ דערלויבעניש אויפצובויען אַ שיל, ווייל די קאַטוילישע אָנפירער פונעם שטעטל האָבן נישט דערלויבט די יידן צו בויען א שיל. קאַזשימיעזש דער גרויסער איז נאָכגעקומען דעם פאַרלאַנג פון די יידן.

אין באַגינען פון יידישן באַזעצן זיך אין פוילן, ווען אַ לעגענדאַרע האַנט האָט אויפגעשריבן אויף די פוילישע הימלען: פּ ה ־ ל י ן — דאָס זאָלסטו נעכטיקן, האָבן יידן אין פשעדבאָזש אין משך פון 700 יאָר נאָר גענעכטיקט, ווייל די טעג זענען ווייט נישט געווען קיין ליכטיקע.

אין אָנהויב פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווען די טעכניק פון מערב האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען קיין פוילן און אין פוילישע שטעט האָט זיך געבויט

און אַנטוויקלט די אינדוסטרי, זענען אין פּשעדבאָזש אויך אויפגעבויט געוואָרן אייניקע טעקסטיל־פאַבריקן. נאָר זיי האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן, ווייל די אייזנבאַן־וועגן, וואָס זענען דעמאָלט געלייגט געוואָרן אין פוילן פון שטאָט צו שטאָט, האָבן אויסגעמיטן דאָס שטעטעלע צוליב איר געאָגראַפישער באַזונדער־קייט, און וויפל פרוּוון עס זענען געמאַכט געוואָרן פון אויפבויען פאַרשידענע פאַבריקן, האָבן זיי נישט מצליח געווען צוליב די שווערע פאַרבינדונגען מיטן דרויסן. אַזוי זענען אין שטאָט געשטאַנען פוסטע געביידעס פון וואַנען מען האָט אַרויסגענומען די מאַשינען. ביי אונדזערע צייטן זענען דאָס שוין געווען חורבות, צווישן זיי די, וואָס מען האָט אין געסל גערופן "פאַרשאָלטענע הייזער". עס האָט געהייסן, אַז דער פשעדבאָזשער רבי האָט זיי פאַרשאָלטן צוליב דעם, וואָס די יידישע אַרבעטער אין דער פּאַבריק זענען "קאַליע געוואָרן", ד.ה. זיי זענען אָוועקגעגאַנגען פון דעם שטרענג־פּרומען לעבן אינעם שטעטל. זינט יענער קללה פון פשעדבאָזשער רבין איז דאָס שטעטל געגאַנגען פון ירידה צו ירידה. דער נאַטירלעכער צוווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אינעם שטעטל איז געוואַקסן, אָבער נישט געקענט זיך אויסלעבן אין שטעטל, נאָר זיך באַזעצט אין די אַרומיקע שטעט, באַזונדער אין לאָדזש, וואָס איז 100 ק"מ פון פשעדבאָזש.

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה איז נישט געווען קיין שום יידיש געזעל־שאַפטלעך לעבן אין שטעטל. די יידישע קהילה ד.ה. הרב ר׳ לייביש חריף און די דאַזאָרעס, באַשטימטע דורכן גובערנאַטאָר אין ראַדאָם, האָבן אָנגעפירט מיטן יידישן לעבן אין שטעטל.

צווישן די דאָזאָרעס — שתדלנים, איז געוואָרן דערציילט וועגן ר׳ חיים מערמולשטיין, וואָס פלעגט זאָגן, אַז די טירן פון גובערנאַטאָר זענען פאַר אים אָפן. דער גובערנאַטאָר האָט אין אים געזען אַ טרייעם פּאַטריאָט.

געווען איז דאָס דעם 1־טן מאַי 1905, ווען לייבל ראַנצקער האָט געבראַכט דאָס מילכיקס אין שטאָט און זיך געשטעלט מיט די קאַנען ווי יעדן טאָג אויף דעם זעלבן אָרט, אינמיטן מאַרק, אונטערן דעכל פון דער רינע, וואָס האָט אים געשיצט פון רעגן און זון. ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן פאַרקויפן דאָס מילכיקס, זענען צו אים צוגעקומען שניידער און שוסטער־יונגען און נאָך עפּעס פרעמדע און צו אים געזאָגט: "אַראָפּ מיט דער מילך, היינט איז יום־טוב!" טאָמער וועט ער נישט פאָלגן, האָבן זיי אים געדראָט, וועלן זיי אים אויסגיסן די מילך. "וואָס טוט מען און ווו גייט מען?" — פרעגט לייבל דער מילכיקער זיין יידענע, וואָס שטייט נעבן אים. זי ענטפערט אים גלייך: "וואָס שטייסטו? גיי צו ר׳ חיים דאָזאָר".

ר׳ חיים מערמולשטיין איז טאַקע גלייך געקומען צולויפן מיטן שטעקן אין

דער האַנט, ער האָט גענומען צוהילף די יידן, וואָס זענען געגאַנגען צום דאַווענען מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם, און אַז ר׳ חיים דאָזאָר רופט, גייט מען צום קאַמף קעגן די לאָבוסעס, וואָס וואַגן מורד צו זיין קעגן צאַר ניקאָליי...

ר׳ חיים האָט שיער נישט טייער באַצאָלט כּאַר דעם. פיל טעג איז ער געווען באַהאַלטן אויפן בית־הקברות. אויך די אַנדערע יידן, וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט האָבן געמוזט זיך אויסקויפן מיט אַ געלט־שטראָף, וואָס די רעוואָלוציאָנערן האָבן אויף זיי אַרויפגעלייגט. ערשט ווען די רעוואָלוציאָנערן זענען דורך די רוסישע זשאַנדאַרן געוואָרן אַרעסטירט, האָט ר׳ חיים זיך צוריקגעקערט פון זיין באַהעלטעניש אין שטוב.

גאַנץ אָפט פלעגט מען זען לויפן אויף דער קראַקאָווער גאַס, אין דער ריכטונג צו ר׳ חיימס הויז, אַ קרעמער אָדער אַ דאָרפסגייער און אַממיינסטן פלעגן דאָס זייערע ווייבער לויפן מיט צעפלאַמטע פנימער, דאָס טיכל אויפן קאָפּ אַראָפּגערוקט טיף אויפן שטערן. פלעגט אַריינפאַלן צו ר׳ חיימען אויסליסן דאָס פאַרביטערט האַרץ און בעת זי האָט גערעדט צו אים פלעגט זי מיטן עק פונעם פּאַרטוך ווישן די אויגן און דערביי דערציילן, אַז דער זשאַנדאַר, אָדער דער טשינאָווניק לאָזט נישט לעבן, אַז זי האָט נישט דאָס קערבל צו באַצאָלן אַן צוליב ״פּאָדאַטקעס״ האָט מען ביי איר צוגענומען די לייכטער, דעם קידוש־בעכער אָדער אַנדערע שטוב־זאַכן. ווען די יידענע האָט מער נישט גערעדט, נאָר געווישט די אויגן מיט דם פאַרטוך, האָט ר׳ חיים זיך אויפגעשטעלט, אַ הויכער, שנעל באַוועגלעכער ייד, מיט אַ ברייטער שיטער באָרד און איר געזאָגט גיך, ווי עס איז געווען זיין טבע צו רעדן:

״גייט אַ היים!״

עס איז געווען ווי אַ באַפעל און ר׳ חיים האָט שוין נישט גערוט. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מען האָט געזען, ווי ר׳ חיים גייט צוריק פון מאַגיסטראַט. זיין שטעקן האַלט ער אונטערן אָרעם און אין די הענט טראָגט ער די זאַכן צו דער שטוב, פונוואַנען דער טשינאָווניק האָט זיי פריער אַרויסגעטראָגן.

גייענדיק איבער דער גאַס מיט די זאַכן אין די הענט, האָט ר׳ חיים גערעדט הויך, כאָטש ער איז געגאַנגען אַליין. גערעדט האָט ער יידיש, פויליש, אַריינגעמישט רוסישע ווערטער. אויף יידיש האָט ער געזאָגט, אָדער געמיינט צו זאָגן: ״ווי לאַנג איך בין דאָ, וועט קיין ייד קיין שלעכטס נישט געשען״ אויף פויליש און רוסיש האָט ער ״געמוסרט״ די יידן, זיי זאָלן דערפילן דעם בירגערלעכן חוב.

מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה זענען קיין פשעדבאָזש אַנגעקומען פיל יידישע פליטים פון די גרעסערע שטעט און פיל אָרטיקע זענען

אויך געבליבן אָן מיטלען צום לעבן, איז אין שטאָט אָרגאַניזירט געוואָרן אַ באָלקס־קיך פאַר די באַדערפטיקע. די לייטער פון דער קיך האָבן אָנגעקלאַפּט אין די טירן פון די עסטרייכישע אָקופּאַציע־מאַכט־האבער אין שטאָט און זיי געבעטן הילף צו באַקומען פּראָדוקטן פאַר דער פאָלקס־קיך. זי איז געווען טעטיק עטלעכע יאָר און פלעגט אַרויסגעבן מיטאָגן און ברויט פאַר די פּליטים, פאַר ווייבער מיט קינדער, וואָס די מענער זענען געווען מאָביליזירט אין דער אַרמיי און פאַר נאָך אַנדערע נויט־באַדערפטיקע. אַזעלכע האָבן אין יענער צייט ניישט געפעלט.

אין יענער צייט איז אין פשעדבאָזש שוין געווען אַ יונגער דור, וואָס האָט געזוכט אַן אַנדער שטייגער יידיש לעבן. זיי האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די פאַרגליווערטע מנהגים פון דעם אַרום. געווען זענען דאָס קינדער פון פאַר־מעגלעכע עלטערן, וועלכע האָבן באַקומען דערציאונג אין אַ גרעסערע שטאָט. זיי זענען געקומען צוריק אין שטעטל מיטן אומרו איבערן יידישן גורל און יידישער ווירקלעכקייט. זיי האָבן זיך דערצויגן אויף ביאַליקס שריפטן און געפילט דעם ביס פון פרצס בין. און זיי זענען דאָס געווען די ערשטע ״לאָמפּן־צינדער״. זיי האָבן זיך פאַרבלוטיקט די פיס ביים אויסטרעטן אַ סטשעזשקע צו אַ יידיש געזעלשאַפטלעך לעבן אין שטעטל. זיי זענען דאָס געווען די, וואָס וואָס האָבן גערופן די יידן פונעם שטעטל אין שיל זאָגן הלל, אין 1917, ווען מען האָט ־באַקומען די באַלפור דעקלאַראַציע. איך גערענק זיי פון די פריע פאַרנעפלטע קינדער־יאָרן. געווען צווישן זיי: מאיר שטיינהארן, שלמה קופּער־מינץ, שיינדל ווייסאַן, אברהם וויינמאַן, משה וויינמאַן, משה טשעטשארע, הללווירטשעל, ברידער לעפקאָוויטש, העניך פרידמאַן א. א.. זיי האָבן געגרינדעט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע ״צעירי־ציון״ און דעם קולטור פאַריין א.נ. ״שלום עליכם ביבליאָטעק״, וואָס איז צווישן די צוויי וועלט מלחמות געווען די איינציקע פאַרהעלטנישמעסיק גרויסע עפנטלעכע יידישע ביבליאָטעק אין שטאָט.

געשאַפן מיט אייגענע כוחות אַ דראַמאַטישן קרייז און אויפגעפירט צום ערשטן מאָל אין שטעטל זאַכן מיט אַ נאַציאָנאַל־דערציערישן באַדייט. ווי: בר־כוכבא און שולמית פון אברהם גאָלדפאַדען. געשפּילט זענען געוואָרן די פאָרשטעלונגען אין דער הילצערנער געביידע, וואָס איז געשטאַנען רעכטס נאָך דער בריק און דער גאַנצער איינקופט פון די בילעטן איז געגאַנגען אויף איינקויפן ביכער פאַר דער פריש־געשאַפענער ביבליאָטעק. באַלד האָט זיך פון די קליינע פענצטערלעך פון די בעל־מלכהשע שטיבער געהערט דאָס געזאַנג: ״וויינט שוין, קלאָגט שוין, ציונס טעכטער״.

צו יענער צייט האָט זיך אין פשעדבאָזש באַזעצט זיסמאַן טיבערג. דער

שפעטערדיקער לאַנגיאָריקער ראש הקהל. אַ טעמפּעראַמענטפולער, ווירדיקער ייד און געזעלשאַפטלעכער עסקן, אַ ציוניסט נאָך פון לעאָן פינסקערס אדעסער קאָמיטעט. אַ ייד, וואָס איז געווען ראוי צו שטיין בראש פון אַן עדה יידן. ער האָט אָרגאַניזירט די בעל־מלאכות און געשאַפן דעם האַנטווערקער פאַריין.

די ערשטע יאָרן האָבן זיי געהאַט אַן איינקויפס־מאַגאַזין־קאָאָפּעראַטיוו ביי דערהאַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע. נאָר באַלד זענען זיך די וועגן פון דער יוגנט־גרופּע פונאַנדערגעגאַנגען. דער גרעסטער טייל האָט זיך געווידמעט דער ציוניסישער אָרגאַניזאַציע. אַ גרופּע מיט משה וויינמאַן און הללווירשטעל האָט באַהערשט דעם קולטור־פאַראיין. זיי זענען געווען אָנהענגער פון נח פּרילוצקיס פאָלקיסטן־באַוועגונג. צווישן דער יוגנט פון שטעטל האָבן זיי נישט געפונען קיין אָרט פאַר דער טעטיקייט פון זייער באַוועגונג. מיט אַ פאַנאַטישן גלויבן האָט משה וויינמאַן זיך געווידמעט דער יוגנט פון די אָרעמע האָראָפּאַשניקעס, וואָס האָבן קיין שולן נישט באַזוכט און דעם "חדר" אויך ווייניק. פון די קינדערשע יאָרן האָבן זיי זיך שוין געפונען אין ווערקשטעל אויף דער דער פון אַ פאַך. משה וויינמאַן פלעגט גיין פון איין בעל־מלאכה צום צווייטן, פליגט רופן די יינגלעך אין קולטור־פאַראיין, וווּ ער פלעגט זיי געבן קורסן עטלעכע מאָל אין דער וואָך. געלערנט זיי שרייבן יידיש, פּויליש, רעכענען, געהאַט פאַרלעזונגען פון געאָגראַפיע, געלערנט זיי לייענען אַ צייטונג. ער האָט די צייטונג אַבאָנירט פון וואַרשע און זי אַרומגעטראָגן צווישן די יינגלעך.

אַרום 1920 איז קיין פּשעדבאָזש געקומען יצחק לעווין און וואָלף טיבערג, א ברודער פון זיסמאַן טיבערג. זיי מיט נאָך אַנדערע האָבן ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע געגרינדעט די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע "הגבור", וואָס איז באַלד געוואָרן אַ היים פאַרן רוב יוגנט פון שטאָט. אָפט פלעגט מען זיי הערן און זען מאַרשירן אין די גאַסן, אין דער שפּיץ אַ פאָן־טרעגער מיט א ווייס־בלויער פאָן, אונטערן קלאַנג פון העברעישע לידער.

די פוסבאָל־מאַנשאַפט "הגבור" איז געווען די שטאַרקסטע מאַנשאַפט אין שטאָט. דער גויאישער פוסבאָל־מאַנשאַפט האָט זיך נישט איינגעגיבן צו באַזיגן "הגבור" און דאָס וואָס זיי האָבן נישט געקענט מיטן באַל, האָבן זיי געפּרווּט מיט די פויסטן. אויך אויף דעם געביט האָט מען זיי געענטפערט.

אין דער צווייטער העלפט פון די 20־ער יאָרן האָט דער רוב פון דער אָנפירנדיקער יוגנט פאַרלאָזט דאָס שטעטל. די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע "הגבור" האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן קולטור פאַראיין און די לינק־געשטימטע יוגנט, וואָס האָט זיך דאַן גרופּירט אין דעם קולטור־פאַראיין און אין דער "שלום־עליכם"־ביבליאָטעק האָט זיך נישט געווידמעט דיר ספּאָרט־טעטיקייט. זייער טעטיקייט

איז געווען אַ פּאָליטישע. אונטער דער שילד פון קולטור־פאַראיין איז געוואָרן געפירט די קאָמוניסטישע טעטיקייט אין שטאָט.

די יידישע באַפעלקירונג האָט געציילט איבער 60% פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין שטאָט. די יידישע ראַטמענער זענען געווען אַ מערהייט אין שטאָט־ראַט. דאָך האָט מען זיי ״געראַטן״, אַז זיי זאָלן נישט פרווון אַרויסשטעלן אַ ייד, אַ קאַנדידאַט אויף בירגערמייסטער. איינמאָל איז דורכן שטאָט־ראַט אויסגעוויילט געוואָרן אַלס וויצע בירגערמייסטער אברהם וויינמאַן. נישט לאַנג האָט ער אַמטירט, נאָך דעם ווי ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ער קאָן נישט דורכפירן און רעאַלעזירן קיין איינעם פון זיינע יידישע פאָדערונגען, ווי צ. ב. אַז די באַקאַנטמאַכונגען צו דער יידישער באַפעלקערונג זאָלן זיין געשריבן אין דער יידישער שפּראַך. און אַזוי ווי די יידן זענען דער רוב שטייער־צאָלער, זאָלן זיי האָבן באַאַמטע אין שטאָט־ראַט, ווי אויך אַנדערע גערעכטע פאָדערונגען. ווען ער האָט געזען, אַז דער פּוילישער בירגערמייסטער לאָזט אים נישט ווירקן לטובת דער יידישער באַפעלקערונג, האָט ער דעמיסיאָנירט.

אברהם וויינמאַן איז געווען אַ שטאָלצער ייד און האָט די פאָדערונגען געשטעלט קלאָר און אָפן. איך געדענק דעם ענטפער, וואָס ער האָט געגעבן דעם רעפערענט פון סטאַראָסטע, ווען דער לעצטער האָט אין זומער 1939 צוזאַמענגערופן די יידישע פאָרשטייער און זיי גערופן צו פירן די אַקציע פאַר דער ״ליגע פאַר לופט פאַרטיידיקונג״ אין אַנבליק פון דער געפאַר, וואָס דראָט פּוילן. אברהם וויינמאַן האָט געבעטן דאָס וואָרט און צווישן אַנדערע געזאָגט:
״איך וועל פירן די אַקציע, אָבער דו — האָט ער זיך געוואָנדן צום רעפערענט — זאָלסט ווירקן, אַז עס זאָלן באַזייטיקט ווערן די אַנטי־יידישע לאָזונגען און באָיקאָט־אויפרופן געגן יידן, מיט וועלכע די ווענט פון דער שטאָט זענען באַדעקט. דער רעפערענט האָט ביי אים דאַן פאַר דער ״חוצפּהדיקער פאָדערונג״ צוגענומען דאָס וואָרט און דאָס האָט אין דעמאָלדיקן פּוילן זיך געקענט ענדיקן מיט קאַרטוז־בערעזע, אַ באַקאַנטער פייניקונגס־לאַגער אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן.

ער איז געווען אַן אייגנטימער פון אַ פאַבריק און איז געווען געאַכטעט פון אַלעמען. אין יאָר 1941 האָט מען אים געזען אַ באָרוועסן, אַ דערשלאָגענעם אין לאַגער סקאַרזשיסק.

אין וואַל־קאַמף אויף דער יידישער גאַס צום פּוילישן סיים אין יאָר 1928 איז אונטער דער ווירקונג פון זיסמאַן טיבערג און אפרים גרינבוים, דער זון פון הרב ר׳ נתן גרינבוים, גערופן געוואָרן צום ליבן אַ נייע ציוניסטישע באַוועגונג אין שטאָט. דאַן איז געגרינדעט געוואָרן די ״צעירי מזרחי״. דאָס איז געווען אַ טעמפּעראַמענטפולע יוגנט, וואָס האָט געשטאַמט פון חסידישע היימען.

געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן יאָרן געלערנט אין ישיבות אין אַנדערע שטעט און אין בית־המדרש אין שטאָט. אפרים דעם רבס, וואָס האָט מיט די בחורים געלערנט, האָט בעת די הפסקות ביים לערנען מיט זיי גערעדט און זיי געגעבן דעם שטויס צום דעם. אפרים איז געווען אַן עילוי, מען האָט גאָרנישט געוווסט ווען און ווו ער האָט דאָס איינגעשלונגען אַזוי פיל וויסן אויף פיל געביטן.

צו מיין באַדויערן האָב איך ווייניק געהערט זיינע שמועסן. ווייניק בין איך בייגעווען ביי זיי, נאָר וויפל איך האָב געהערט פון אים, איז דאָס מיר געבליבן אין זכרון, ווייל דאָס זענען געווין פראָבלעמען, וועגן וועלכע איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט רעדן. וועגן וואָס האָט ער נישט גערעדט? וועגן דאַרווין, וועגן משה מינדעלסאָן, משה העס, פרץ. איך געדענק ווי ער האָט אַמאָל צו מיר געזאָגט: "איך בין דיך מקנא, ווייל דו קענסט פאַרדינען אַ זלאָטע מיט דיינע הענט, דו אַרבעטסט און איך בין אַן אומנוצלעכער מענטש". ער איז שוין גראָד געווען אַ נוצלעכער מענטש. ער האָט דאָך זיינע תלמידים, מיט וועלכע ער האָט יאָרן געלערנט, זיי אויך עגלערנט, אַז ווייטער קוועטשן די באַנק איז נישט קיין תכלית און אַז דורך די פענצטער פון "צעירי ציון" זאָלן זיי זען אַן אַנדער יידיש לעבן — אַ לעבן פון תורה ועבודה.

עטלעכע יאָר איז די "צעירי מזרחי" געווען די איינציקע טעטיקע ציוניסטישע באַוועגונג אין שטאָט. איר אָרגאַניזאַציאָנעלע און קולטורעלע טעטיקייט האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין דער צייט ווען נח גאָטעסמאַן און יוסף העניג זענען געשטאַנען בראש. די רעפעראַטן וועגן אַקטועלע ענינים יעדן שבת און די קעסטל־אָוונטן אונטער דער זשורי פון נח גאָטעסמאַן, זענען געווען אַ מין פאָלקס אוניווערסיטעטן. אָדער זיינע שמועסן יעדן יום־טוב וועגן נאַציאָנאַלן זין פון יידישן יום־טוב אין אַמאָליקן און אין היינטיקן ארץ־ישראל. גאָר אינטערעסאַנט זענען געווען זיינע ליטעראַרישע שמויסן וועגן דוד פרישמאַן, ח. נ. ביאַליק. נח איז געווען אַ חבר, אַ פריינט צו יעדן און ער האָט געווירקט, אַז עס איז געווען פריינטשאַפט פון איינעם צום צווייטן אַרום אים. ווער עס האָט זיך צו אים געווענדעט איז נישט אַוועק לער. ער האָט דאָס געירשנט פון זיין פאָטער ר' דוד גאָטעסמאַן, וועלכער האָט געזוכט אין די אָרעמע יידישע געסלעך באָרוועסע יידישע קינדער, כדי זיי אָנטאָן שיכלעך. נח איז געווען געאַכטעט פון אַלע שיכטן אין שטאָט.

אין יאָר 1930 האָבן די "צעירי מזרחי" אויפגענומען דעם שליח פון ארץ ישראל, הרב יאקובזאָן, וועלכער האָט געבראַכט אַ גרוס פון ישוב נאָך די בלוטיקע אומרוען פון יאָר 1929. די "צעירי מזרחי" האָט איינגעאָרדנט דעם

רעפעראַט פון הרב יאקובזאָן שבת אין דער שול אונטער דעם פּאַטראָנאַט פון ראש הקהל זיסמאַן טיבערג. דער עולם איז טאַקע געקומען הערן, ווייל אין שטעטל איז דאָס געווען אַ געשעעניש. אין דעם דעמאָלטיקן ראַשיקן פּאַרטייאישן לעבן אין פּוילן האָבן אויך נישט געפעלט די קאָמוניסטן פון שטעטל און אַנדערע לינקע גרופּירונגען. זיי האָבן דעם רעדנער נישט געלאָזט קומען צום וואָרט און ווען די חברים פון "צעירי מזרחי" האָבן זיי געוואָלט באַרואיקן זענען געקומען קלעפּ. קלעפּ זענען אויך געפאַלן איבערן קאָפּ פון פאַרזיצער נח גאַטעסמאַן. אַ דערשיטערטער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן בעלעמער דער ראש הקהל, זיסמאַן טיבערג, און געזאָגט: "מיטן שלאָגן נח גאָטעסמאַן האָט איר געשלאָגן מענדעלען און שלום עליכם אונטער וועמענס שילד איר גרופּירט זיך".

אַ טראַגעדיע האָט איבערגעלעבט דאָס הויז פון זיין פאָטער, דוד גאַטעסמאַן: 4 פון זיינע 7 קינדער זענען קראַנק געווען אויף טובערקולאָז און 2 זענען יונג געשטאָרבן דערפון. נח איז געווען געזונט. ער האָט געהאַט אַ פרוי פון דער פאַמיליע יוסטמאַן און איז געווען אַ טאַטע פון אַ טאָכטער. צוליב דער טראַגעדיע פון זיין משפחה האָט ער זיך נישט געקענט שיידן מיט זיינע עלטערן און עולה זיין אין לאַנד, צו וועלכן ער האָט מיט זיין וואָרעם האַרץ אַזוי שטאַרק געשטרעבט.

אַ לעבהאפטע טעטיקייט איז געוואָרן געפירט אין סוחרים־און קליינהענדלער־פאַראיין, ווו בראש זענען געשטאַנען די עסקנים מאיר הענער און דוד פרידמאַן. דאָ האָבן זיך גרופּירט סוחרים, קליינהענדלער, דאָרפסגייער, קצבים, בעקער. קומען פלעגן זיי דאָ ווען שרייבן אַ ביטע אויף די צו גרויסע שטייערן און דער עיקר נאָך אַ הלוואה פון דער גמילת־חסד־קאַסע, וואָס האָט עקזיסטירט ביים קליינהענדלער־פאַראיין. דער דזשאָינט האָט צו דעם צוועק צוגעשטעלט אַ געוויסע סומע־געלט.

דער סוחר־און קליינהענדלער־פאַראיין איז אויך געווען דאָס אָרט, פונוואַנען עס איז געוואָרן געפירט די פאַרטיידיקונגס־אַקציע קעגן באָיקאָט, וואָס די פּוילישע אַנטיסעמיטן האָבן געפירט קעגן יידישן האַנדל. אין יענער פאַרסמטער באָיקאָט־אַטמאָספער פון פאַרן מלחמה־אויסברוך איז די גמילת־חסד־קאַסע געווען ממש אַ רעטונג פאַר די פאַראָרעמטע הענדלער. דער רוב פון דער יידישער באַפעל־קערונג אין שטאָט זענען געווען בעלי־מלאכות, אָרמע הענדלער און דאָרפסגייער. ס׳זענען געווען נאָר עטלעכע געציילטע גרויסע סוחרים פון האָלץ־מסחר. זיי פלעגן די קלעצער פון די אַרומיקע וועלדער שניידן אין די טאַרטאַקן און דאָס אַוועקשיקן אין די גרויסע שטעט.

דער עקאָנאָמישער אויסראָטונגס קאַמף געגן דער יידישער באַפעלקערונג איז געוואָרן געפירט אויפן גאַנצן פראָנט. און צו דעם צוועק האָט מען געשאַפן

געזעצן ווי אַזוי נישט צוצולאָזן און צודערווייטערן יידן פון דער מלאכה, דאַן איז אַנטשטאַנען אַ ראַט צו פאַרטיידיקן די יידישע מלאכה, ווו עס זענען געווען פאַרטראָטן פאָרשטייער פון אַלע גרופירונגען אין שטאָט. דאָס פעלד פון טעטיקייט איז געווען: אַז אַ יינגל, וואָס איז אין דער לער ביי אַ בעל־מלאכה זאָל זיין פאַרשריבן אין האַנטווערקער־קאַמער פון דער געגנט; אַ יינגל, וואָס האָט שוין געענדיקט די לער, זאָל דער באַלעבאָס, ביי וועמען ער האָט זיך געלערנט, נישט מאַכן קיין שוועריקייטןביים באַשטעטיקן דאָס מיט די געהעריקע אונטערשריפטן: דער ראַט האָט געהאָלפן די, וועלכע האָבן גערדאַרפט ביילייגן אַן עקזאַמען אויף אויף אַ געזעלן דיפּלאָם, אָדער האַנטווערקער־קאַרטע נר׳ 2.

שטיל איז געווען שבת אין שטעטל. קיין גוי פון די אַרומיקע דערפער איז שבת אין שטאָט נישט געקומען, ער האָט געוווּסט, אַז שבת האָט ער דאַ נישט וואָס צו מאַכן. און נאָך דעם, ווי די וואָס האָבן געדאַוונט דעם צווייטן מנין אין בית־המדרש האָבן שוין אויך אַ היים גענומען דעם טשאָלנט פון בעקער און עס איז שטילער געוואָרן דאָס געזאַנג פון זמירות, וואָס האָט זיך געטראָגן פון שבתדיקן טיש, האָט מען פאַרמאַכט די לאָדנס און דאָס שטעטל האָט געדרימלט. ס׳האָבן גערוט די מידע דאָרפגייער און בעלי־מלאכות.

עטלעכע שעה האָט געדויערט די שטילקייט ביז עס האָבן זיך דערהערט די טריט פון די שווערע שטיוול אויף דעם שטיינערנעם ברוק פון די יידן, וואָס גייען אין שול זאָגן תהילים. אין דער זעלבער צייט, אַזוי שבת נאָך שבת און יאָר נאָך יאָר איז געגאַנגען דער געלער נתן, אַ דעמבענער ייד, מיט אַ ברייטער לאַנגער געלער באָרד און אַ שוואַרץ סאַמעטן היטל אויפן קאָפּ. הינטער אים איז געגאַנגען זיין אייניקל און געטראָגן דעם סידור, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט אַ רויטער פאַטשיילע. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז שוין נישט געגאַנגען הינטער אים זיין אייניקל. ער האָט דורכגעמאַכט די נאַצישע טויט־לאַגערן, און על־פּי־נס אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, עולה געווען קיין ישראל, דער־גאַנגען ביז גוש עציון און אין כפר עציון איז ישראל מיעדזשינסקי געווען איינער פון די גבורים און קדושים פאַר דער באַפרייאונג פונם לאַנד.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ר׳ נתן בעל־עגלה געגאַנגען אַליין. די רויטע פאַטשיילע איז געווען ביי אים אַרומגענומען אויפן האַלדז. כאָטש אין שטאָט איז געווען אַן עירוב, נאָר זינט אפרימ׳ל ר׳ אַלטערס איז עולה געווען קיין ירושלים האָט ער קיין צוטרוי נישט געהאַט צום עירוב. ווען ר׳ אפרימ׳ל איז געווען אין שטאָט, האָט ער געוווּסט, אַז איידער די זון פאַרגייט פרייטיק, האָט ער איבערגעקוקט די ווינקלען פון דער שטאָט.

נאָר איין שבת איז ר׳ נתן נישט געגאַנגען אין שול אין דער זעלבערצייט.

געווען איז דאָס אַ זומערדיקן שבת בייטאָג, נאָך דער סעודה, ווען ר׳ נתן האָט שוין געענדיקט דאָס בענטשן און גענומען אַראָפּציען די שווערע שטיוול פון די פיס, כדי זיך צוצולעגן. פלוצלינג הערט מען, אַז דער געוואלט־גלאָק האָט זיך צעקלונגען: אַ שרפה. אַ שוואַרץ־גרויער רויך־וואָלקן האָט זיך אויפגעהויבן פון אונטער די וועלדער פון קאָנסקער וועג. די פייערלעשער האָבן אַרויסגעשלעפּט פון די שאַפּעס די פייערלעשער־כלים און פעסער, נאָר מען דאַרף האָבן פערד איינצושפּאַנען אין די וועגענער. כאָטש אין גאַס, ווו ר׳ נתן האָט געוווינט האָבן זיינע שכנים, די גויים אויך געהאַט פערד, זענען די פייערלעשער זיי פאַרביי־געגאַנגען און גלייך אַריין אין הויף פון געלן נתן צו צום שטאַל פון זיין מידן פערד. ר׳ נתן האָט זיי געגעבן דעם שליסל, ווייל די קלענסטע פאַרזוימונג פון זיין זייט, וואָלט גורם געווען דאָס אויפרייסן דעם שלאָס. ער האָט גאָרנישט גערעדט, נאָר זיינע אויגן פון אונטער די לאַנגע, העלע ברעמען האָבן מיט אַ טיכן רחמנות געקוקט אויף זיין מידן פערד. ער האָט געבעטן די שכנים זיינע, די גוישע פייערלעשער, זיי זאָלן דאָס פערד נישט שלאָגן. וואָלט דאָס נישט געווען שבת — וואָלט ער אַליין גענומען די לייצעס און געפאָרן, נאָר וואָס קען ער מאַכן — עס איז שבת.

זיין יידענע, אַ הויכע, דאַרע, אין דער שוואַרצער זיידענער שבתדיקער קופּקע אויכן קאָפּ, וואָס פון פאָרנט איז געווען אַ שוואַרץ סאַמעטן שלייפל, אין וועלכן ס׳האָבן געשטעקט שפּילקעס מיט ווייסע פּערלמוטערנע רונדע קנעפּ, איז געשטאַנען און געציטערט, וואָס מען נעמט איר צו דעם פרנסה־געבער. זי איז געשטאַנען און געשוויגן און מיט די ציטערנדיקע פינגער פון אירע צוויי לאַנגע הענט האָט זי זיך געצויגן אָפּגעצאַרטע באַקן. ווען מען האָט דאָס פערד אַרויסגעפירט פון הויף, איז זי נאָכגעלאָפן דעם פּאַס וואַסער, אין וועלכן איר פערד איז געווען איינגעשפּאַנט. ווען זי האָט געזען, אַז די גויים שלאָגן דאָס פערד האָט זי זיך געבעטן ביי זיי: ״שלאָגט מיך בעסער, נישט אים״, זיי האָבן אָבער דאָס יידישע פערד געשלאָגן מיט אַ באַזונדער הנאה.

ר׳ נתן איז נאָכגעגאַנגען ביז אַ תחום שבת, ד.ה. ביז די וועגן האָבן זיך געקרייצט אויף דעם קאָנסקער שאָסיי און דאָרט איז ער געשטאַנען און געוואַרט אויף זיין ווייב און אויף זיין פערד. ווען די יינגלעך זענען צוריקגעלאָפן פון דער שרפה, האָט ער יעדן געפרעגט וועגן זיין פערד. אַ פאַרשטערטער שבת איז דאָס געווען ביי ר׳ נתן. פאַרנאַכט־צו האָט ער דערעזן צוריק זיין ווייב און דאָס פערד. אין איילעניש איז ער אַוועק אין זיין וואַרשיווער שטיבל צו מנחה.

אַמאָל איז דאָס געווען אַ מנין פון בעלי־מלאכות, וואָס האָבן זיך גערופן חברה מנחם בלום. נאָר ווען עס איז געקומען אין שטעטל אויף אַ שבת דער

רבי ר׳ נחום פון די טריסקער און געזען אַ קלויז מיט יידן אָן אַ רבין, האָט ער מיט זיי געשלאָסן אַ ברית און פון דאַן אָן האָט עס געהייסן דאָס וואַרשיווער שטיבל.

פון די פריסטע ייִנגלשע יאָרן, ווען מען פלעגט גיין שבת נאָכן שלאָף אין ״חדר״ צו איטשל מלמד זאָגן פרק, האָט מען אין זיך איינגעזאַפּט די האַרציקע טענער פון תהילים־זאָגן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער הילצערנער שול און פון די חומש יידן, מיט וועלכע דער רבי ר׳ נטעלע האָט געלערנט אין קעגנ־איבערדיקן בית־המדרש, מיט זיין אייגנאַרטיקן ניגון. נישט קיין טרוקן חומש לערנען איז דאָס געווען. אַלע נישט פאַרענטפערטע פראַגן פון זייער שווערן לעבן פון אַ גאַנצע וואָך, האָבן זיי די חומש־יידן געבראַכט צום טיש און ר׳ נטעלע האָט זיי דאָס אַלץ פאַרענטפערט.

זינט דורות האָבן דאָרט אין די געסלעך אַרום דער שול געשוועבט אין חלל די קלאַנגען פון די מתפללים. דער טייך, וואָס איז געפלאָסן עטלעכע שפּאַן פון דער שול, האָבן זיינע כוואַליעס געררוישט מיטן ניגון פון די תפילות. אַזוי ווי די טליתים האָבן אַראָפּגעהאַנגען פון די קעפּ פון די מתפללים אין דער שול, אַזוי זענען די ווערבערס און די אָלכעס פון יענער זייט ברעג טייך געשטאַנען געבויגן אַהער צו מזרח און פון די קעפּ פון די בוימער זענען די צווייגן אַראָפּ־געהאַנגען און די בלעטער האָבן אונטערגעטאַנצט אויף די פליסנדיקע כוואַליעס ווי ביי קדושה, קדוש, קדוש, קדוש.

שבת פאַרנאַכט זענען זיי געזעסן די האַרציקע עמך־יידן, אויסגערוטע, אויף דעם שטיינערנעם פונדאַמענט פון דער שול און פלעגן זיך דערציילן מעשהלעך וועגן פאַרשידענע פּאַסירונגען אין שטעטל און אין דער וועלט. קעגנאיבער, פון דעם האַלב־טונקעלן בית־המדרש האָבן זיך געטראָגן די ניגונים פון שלוש־סעודות.

פאַרשוויגן און דערשטיקט זענען די הייליקע ניגונים, נישטאָ מער די זינגער און דערציילער פון די פאָלקס־מעשיות אין די טונקעלע בין־השמשותן, וועלכע זענען געווען פול מיטן געבעט פון דער נשמה־יתירה. אייביק וועלן מיר אָפּהיטן דעם אָנדענק פון די קדושים פון אונדזער פאַרשניטענער היים.

חיים אופטובסקי

בית הרב

בית הרב ר׳ נתן־דוד גרינבוים היה פתוח לרווחה לכל דיכפין, ובאמת הסתובבו שם במשך כל היום אנשים שונים בענינים שונים, החל בשאלה על טיפת דם בביצה, מחט בקורקבן, עד דין תורה בין שני בעלי דין בעניני ממונות, ענינים שבינו לבינה שבאו גם מהעיירות שבסביבה לפשדבוז׳ לסדר גט לאשה, היות ועבר שם הנהר פיליצה, או כתם יהודי שחזר מהתפילה בבית המדרש סר לבית הרב להגיד ״בוקר טוב״. ועוד יותר משהיה הרב ר׳ נתן־דוד גרינבוים (שנקרא בפי הבריות ר׳ נאָסעלה) מקבל את האורחים היתה הרבנית רייזלה מקבלת את כל הנכנסים לבית באדיבות רבה.

הרב ר׳ נאָסעלה היה תלמיד חכם גדול שלא הצטמצם רק בארבע אמות של הלכה, אלא ידע גם פרק בהוויות העולם וצרכי הזמן והמקום, היה מקובל ומכובד על כל תושבי פשדבוז׳ מכל השכבות והמעמדים, וכמעט שלא היה לו מתנגדים. צנוע היה בהליכותיו ותמך בו כל הצבור היהודי בעיירה, היה נערץ וחביב על כל יודעיו, תמיד נוהג כבוד בזולת ומרחיב דעתו של כל מי שבא עמו במגע.

הרבנית רייזלה שמוצאה ממשפחה עשירה ואצילה במחוז לובלין, התאקלמה יפה בנוף העיירה, וקשרה קשרים ידידותיים עם מרבית האוכלוסיה. הרבה אנשים באו לשאול בעצתה בענינים שונים, השתתפה וגם הביעה דעתה בענינים ציבוריים שונים שעמדו על הפרק וגם התחשבו בדעתה. מוחה היה ער והיתה קולטת מהר, ובבהירות, כל תופעה.

הבן הבכור אפרים, קיבל חינוך טוב ובעל כשרונות היה, למדן מופלג ומעורב בין הבריות ,ידע פרק בדברי ימי ישראל ואף בדברי ימי העולם, ישב בבית המדרש הסמוך לביתם ועסק בהוויות דאביי ורבא. אפרים התחיל להכניס את חבריו, בחורי בית המדרש לתוך ביתם ותיכף הושפעו מאוירת הבית, אוירה אצילית וליברלית, שהשפיעה הרבנית על כל באי ביתה.

האוירה הקסימה מאד את בחורי בית המדרש, והתחילו להכנס לשם לעתים קרובות עד שנהיו בני בית בבית הרב. לקבוצת בחורי בית המדרש זו השתייכו: ליבוש סיני, הלל ווישינסקי, אברהמטשה גנצרסקי ועוד. כאשר בחורים אלה,

התחתנו ועזבו את פשדבוז׳, ואפרים — מסיבות שונות — טרם השתדך, התחיל להכניס הביתה קבוצת בחורי בית המדרש יותר צעירים, שגם הם הושפעו עד מהרה מהאוירה הרוחנית והאריסטוקרטית שבבית, ונהיו נכנסים ויוצאים בבית הרב. על קבוצה זו נמנו: משה ליב ווינמן, ליבל ווישינסקי, משה יוסל בלומנקרנץ, חיימל קורנברג, הלל שטינשנידר ואחרים. רבות־ענין היו שיחותיהם וויכוחיהם.

הבן השני ישראל, או כפי שקראו לו ישראלקה נאָסעליס, לא נפל בכשרונותיו ובידיעותיו מאחיו הבכור, ובשטחים מסויימים אף עלה עליו. בנוסף להיותו למדן מופלג, שקיבל סמיכות להיות רב בישראל אצל סבו הרב מביחובה, היה גם בן בית בספרות אידיש ועברית והתעניין גם בספרות הכללית. למרות גילו הצעיר הגה בספרות המחקר והפילוסופיה, והגיע להתפתחות רוחנית בהרבה מקצועות.

זכה כותב הטורים האלה להיות נמנה על חבריו ותלמידיו של ישראלקה נאָסעליס, וביחד עם חבר־תלמיד שלישי נחמיה גנצרסקי טיילנו לעתים קרובות ביער בדרך קונסק וניהלנו שיחות ארוכות ומייגעות, מלאות חכמה וטעם על בעיות הזמן של הימים ההם, ולא פעם נתמשכו השיחות שעות ארוכות. מפי ישראלקה למדנו פרקים מובחרים של ביאליק ויל״ג, ספרי השכלה של אברהם מאפו ואחרים, המלאים פתגמים ומאמרי חז״ל ועוד. ביחד למדנו בסתר את השמונה פרקים להרמב״ם, וניסינו למצוא מענה לשאלת הנצח של ״ידיעה ובחירה״ שמעלה הרמב״ם ב״הלכות דעות״. ידיעותיו של ישראלקה היו כמעין המתגבר בהרבה שטחים.

גם הקבוצה שלנו נמנו על באי בית הרב, והרבנית בחושה האינטואיטיבי ידעה לעודד ולדרבן אותנו להוסיף דעת. לקבוצה שלנו השתייכו גם: סנדל בוכשריבר, אלטר יצחק קריבוס, חיימל טרנובסקי ועוד מנערי המשי, בני־טובים, מן העיירה.

הבת ריבצ׳ה מחוננת במדות טובות עזרה על יד אמה בעבודות הבית, בחורה שקטה וצנועה, אבל יושבת בית וכמעט שלא היו לה חברות. לעומת זה אדיבה וטובת לב היתה.

הבת הצעירה מאשה היתה כבר קרוצה מחומר אחר. בניגוד לאחותה הבכירה ריבצ׳ה, היתה מאשה עירנית ואוהבת לצאת עם חברות, ואמנם נראתה לעתים קרובות מטיילת עם חברותיה בין בנות העיר, חיוורות הפנים ושחורות העין, ומסיחות בדברים שהם בגדר סוד, סודות נעורים.

משפחת בית הרב אהדה את הציונות בכלל ואת תנועת ״צעירי מזרחי״, שאליה השתייכה האינטליגנציה הדתית של פשדבוז׳ בפרט. את ארץ־ישראל אהבו כל בני־הבית אהבה בלי מצרים. לא פעם התקיימו שם התייעצויות חשובות בעניני

צעירי מזרחי, והרבנית נתבקשה לעתים קרובות להביע דעתה בענין זה או אחר, ותמיד לקחו בחשבון והתחשבו בדעותיה ההגיוניות, אבל כלפי חוץ היו מאד נזהרים להופיע כבלתי מפלגתיים, ולא לקחת שום חלק בענינים השנויים במחלוקת. רק הבת הצעירה מאשה ביקרה לעתים בסתר במועדון של השומר הדתי.

היה בבית עוד בן־זקונים משה, שלא הספיק להתבגר, עד שבא הצורר הנאצי ימ"ש, ובתהליך החורבן והאבדון שהביאה ידו הטמאה על קהילתנו נחרב גם הבית האציל הזה, מלא תורה וחכמה, רווי אמונה, חלום ותקווה; נמחק מעל פני האדמה, שקע תהומה יחד עם המוני בית ישראל בארצות מזרח־אירופה.

ה"שטיבל" דחסידי אלכסנדר

חסידות אלכסנדר תחילתה בדור הרביעי בחסידות פולין וכדרכה של וורקה היתה חסידות של רגש ומידות טובות, שמחה, אחווה בין החסידים ואהבת התורה. חסידי אלכסנדר בפשדבוז׳ בניגוד לחריפותם והתלהבותם של חסידי גור, הצטיינו במתינותם, אם כי אהבו את הלגימה, המקרבת את הבריות, וגם ניצלו כל הזדמנות לערוך "קידוש" בשבת אחרי התפילה, סעודת "מלווה מלכה" במוצאי שבת, סעודת "יארצייט" או סתם סעודת־מצווה, לפעמים שתו "לחיים" גם בין מנחה למעריב ביום חול רגיל. תמיד היה מי שנטל על עצמו ליזום ולארגן את הסעודות האלו. בזמנו היה זה ר׳ בריש מאַלץ, שבעצמו היה מחסידי אמשינוב, אבל היות ובעיירה לא היו מספיק חסידי אמשינוב שיוכלו להחזיק "שטיבל" בפני עצמם, התמזגו יחד ב"שטיבל" דחסידי אלכסנדר והיו נמנים בין מתפלליו.

ר׳ יענקל מאלץ, אחיו של ר׳ בריש, היה בין עשירי העיירה ותמך ביד נדיבה בשטיבל דחסידי אלכסנדר, תרם הרבה לכסות הוצאות החזקת השטיבל.

מקום מכובד בין חסידי אלכסנדר תפס גם ר׳ דוד גוטסמן שבא מדי שבת בשבתו להתפלל בשטיבל, למרות שהיה עליו לעשות דרך רחוקה, לעבור את הגשר שחיבר את שני חלקי העיירה עד שהגיע לשטיבל, בו נקשרה נפשו. הוא גם כן נמנה בין עשירי העיירה וגם הרבה במעשי צדקה וחסד.

התפקיד של "בעל קורא" בשבתות ובחגים היה לר׳ איטשה־מאיר פקטור, תלמיד חכם וירא שמים, היה נמנה על ה"יושבים" אצל שולחנו של הרבי עת הגיעו לאלכסנדר, ואז מילא את מקומו בקריאת התורה בשטיבל ר׳ יוסף זינגר, או כפי שנקרא בפי הבריות: ר׳ יוסף "בעל הגשר".

ר׳ יוסף זינגר, ממשפחת אדמו״רי סוכצ׳וב, היה גם בעל המוסף בשטיבל. החסידים נהנו מתפילתו, היה יודע נגן ובעל קול חזק ונעים, התפלל בכוונה גדולה, מלווה התלהבות והשתפכות הנפש של חמימות מלבבת והשתוקקות אלקית. לשיא ההתלהבות הגיע בעת תפילת נעילה ביום כפור עם אמירת הפסוק: ״בראותי כל עיר על תלה בנויה, ועיר אלקים מושפלת עד שאול תחתיה״. תפילה זו לא נשכחה חיש. בנו ישעיה עזר על ידו בפרקי נגינה מובחרים בכל פעם שעבר לפני התיבה.

ישעיה זינגר כשלעצמו היה בעל מוח חריף ולמדן מופלג. במיוחד הצטיין בפתרון בעיות מתמטיות, אולם הירבה לעסוק בתורה ובתפילה. האמונה החסידית התמימה השרישה בו אורח־חיים מגובש.

ר׳ פנחס איינבינדר היה ג״כ נמנה על שליחי ציבור בשטיבל ומפעם לפעם עבר לפני התיבה לתפילת שחרית או מוסף. ר׳ פנחס מילא את תפקידו באמונה, תפילתו חיממה את לבות המתפללים, הוא היה יודע ספר, בעל טעם, נקי כפיים ובר־לבב. בתפילתו שם את הדגש על הרגש ועל הכוונה.

ר׳ מנדל אברהם ברס היה בעל־תוקע בשטיבל, וכשהגיע לימי זקנותו כבר לא יכול היה להתגבר על השטן שנכנס לו בשופר וסתם לו את התקיעות, וברוב עמל ויגע הוציא תקיעה או שבר של תרועה מפיו. בעצמו חדור חסידות וקנאות אלכסנדרית לא הצליח עם ארבעה חתניו ש״בגדו״ והלכו לחסידי גור והוא ראה בזה כאילו סרו מהדרך הישרה, מן ה״אורחא דמהימנותא״. היתכן? כיצד אפשר להיות חסיד ממש אם לא לנסוע לאלכסנדר. אולם כך ראו אותו גם חתניו, כמו שראו חסידי גור את חסידי אלכסנדר: גם הם חסידים? הרי לא נוסעים לגור...

לעומתם בנו של ר׳ מנדל אברהם ברס, פישל סיני נשאר נאמן לחסידי אלכסנדר והתפלל שם בקביעות, בשבתות כבימות החול. חסידותו נבעה מכוח מסורת משפחתית, תמימה ונאמנה ועם הזמן גם מתוך גיבוש עצמי.

קָרָה פַּעַם ובנותיהם של פישל ושל יעקב דוד רוזנבלום, חתנו של מרדכי ״לעקעך־בעקער״ השתתפו באיזו הצגה של חוג דראמטי וזה משך על האבות את רוגזם של החסידים ואסרו עליהם להיכנס לשטיבל, כי היה איסור מפורש, לפי החלטת חסידי אלכסנדר, לבל ישתתפו בנות המתפללים בכל צורה שהיא בהצגות. ההורים ניסו להשפיע על בנותיהם שיוותרו על השתתפותן בהצגה ואַף נקטו באמצעים, כגון החבאת נעליהן, אולם לשוא. הנערות סירבו לשמוע בקולם, הלכו להצגה ומילאו את תפקידיהן, למרות ש״זרקו״ את אבותיהן מהשטיבל.

אז נתפתה יעקב דוד והלך להתפלל בשטיבל דחסידי גור, שם גם למד בצוותא את דף היומי, עד אשר הורידו את האיסור ואז חזר למקור מחצבתו.

לעומתו ערך פישל סיני ״גלות״. התפלל ועסק בתורה בזמנו הפנוי, אולם

להתפלל בבית המדרש העירוני לא היה לפי כבודו ועל אחת כמה וכמה ללכת להתפלל לשטיבל אחר.

ישראלקה ליפישנר היה מותיקי מתפללי השטיבל עם שני בניו יעקל ומשה. יעקל אלכסנדר ירש את החזקה להיות שליח ציבור לתפילת שחרית בימים הנוראים אחרי מותו של ר׳ מנדל ליפא׳ס. רפאל גנצרסקי, יהודי עניו והצנע לכת, בנו נחמיה — חבר מובהק שלי, וביחד עם עוד חבר שלישי סנדל בוכשריבר החזקנו מעמד והתפללנו בשטיבל עד פריצת המלחמה, לעומת רוב הבחורים הצעירים שנשרו מהשטיבל והלכו להתפלל בבית המדרש.

זלמן הלר, יהודי אדוק בעל חנות מכולת, הדביקו לו בשטיבל את השם ״ששי־איד״. גיסתו, אלמנת מיכאל הלר, היתה נחשבת כבעלת זכויות מלאות בשטיבל אחרי פטירת בעלה, ונהנתה מקופת גמ״ח שהיתה קיימת בשטיבל בהנהלתו של ר׳ יוסף זינגר, שחלקה הלוואות בלי רבית בתשלומים נוחים. אליעזר קריבוס, למרות היותו חזן בית המדרש, ואחר פטירתו של ר׳ משה׳ל חזן, נתמנה כחזן בית הכנסת, נמנה על מתפללי השטיבל והשתתף בכל המסיבות וסעודות מצווה של השטיבל.

אחי כאילו נולד עם צמאון עז לתורה ולחסידות. עוד בימי ילדותו הפליא את כל יודעיו בהתמדתו. ככל שלמד, גברה תשוקתו ללמוד יותר ויותר, ונדמה לי שהיה מתעמק בספרים לא כדי להעשיר את אוצר הידיעות שלו אלא כדי להתעלות באמצעותם. התוכן שבספר היה נקלט בפנימיותו לא רק קליטה של הבנה, אלא קליטה שבחוויה. לא רק את מוחו אלא גם את לבו הוא פתח כדי שתהדור בעדו הרוח המרחפת בדפיו. את חוש ההאזנה הפעיל לא פחות מאשר את חוש ההבנה.

אולם כשהיה צריך להשיב לי על שאלותי המטרידות, כאילו נסתמו אוזניו. ואני זוכר, כשהלכנו שנינו, אחי ואנוכי, בערב יום כפורים, ככל יהודי חרד, למקוה, ואני אז עוד נער צעיר, ממש ילד ובדרך למקוה שאלתי אותו שאלות משאלות שונות, שאלתי על דא ועל הא ובמקום לקבל ממנו תשובה לשאלותי, שאל אותי: "אברהם, האם אתה יודע איזה יום היום?" "בוודאי — עניתי לו ערב יום כפורים היום". "ואם אתה יודע איזה יום היום, אז אני שואל אותך ביום כזה שואלים שאלות שאולי מתאימות לכל ימות השנה אבל לא לערב יום כפורים שאפילו הדגים במים אחוז ברעדה"...

אז באמת הבינותי את גודל היום, ואני מודה, שחיל ורעדה אחזוני והתחלתי לרעוד ממש כמו דג במים...

בחדרו של הרבי מרדומסק נגלה לעיני עולם חדש. אברכים צעירים וישישים באו לימים הנוראים וישבו שם עד למוצאי כל החגים, יושבים ולומדים ומטים אוזניהם לשמוע סיפורי התמימים והחסידים, אימרות ברכות ופקודות הרבי.

וככה עבר עלינו היום הקדוש אצל הרבי בצום, בתשובה ובתפילה, ובמוצאי יום הכפורים, אחרי הסעודה, עלינו לרבי, והפעם בכדי להיפרד ממנו. היה שם שמח, איש לרעהו תקע יד ואמר: "מיר האָבן זיך אַ גוט יאר אויסגעבעטן"... ובשעת חצות בערך נכנסנו, אחי ואני, לרבי בכדי להיפרד ממנו.

הרבי, כדרכו, הושיט ידו קודם לאחי המבוגר ואיחל לו שבעזרת השם תהיה לו ולכל בני משפחתו פרנסה בריווח. אח"כ הושיט גם לי את ידו ואמר: "השם יתברך יעזור לך שתהיה יהודי".

כשיצאנו היו פני אחי קודרים ומיד פנה אלי ואמר: "אברהם, אני דואג לגורלך"...

על תמהיתי ענה לי אחי: "גדול כוחו של הרבי ביחודים ובכוונות. כשבירך אותי שתהיה לי פרנסה, הרי זה מובן, אבל לך איחל שתהיה יהודי. משמע, שאינו בטוח ביהדותך. בוודאי ראה ברוח קדשו שאינך הולך בדרכי ישרים"...

הכרת פניו ענתה בו שהוא באמת מודאג. מיד הוסיף: "חייב אני להגדיל פי כמה את פיקוחי עליך..."

"מה לך לעשות?" — לקחתי לי לב לשאול.

שתק אחי רגעים אחדים ועיניו נתכסו בכסות של הרהורים ולבסוף השיב: "תמה אני, שלא הבנת, שאתה זקוק לסיעתא דשמיא להישאר יהודי..."

אחרי כן חזר לאותו ספק ופירש: "הרי זה מובן שהרבי בירך אותי בבירכת פרנסה. לאיזה יהודי, פרט ליוצאים מן הכלל, הפרנסה מצויה? האם יהודי נולד שיעסוק יומם ולילה בפרנסה? יהודי נולד, כמו שכתוב, שיעבוד את אלוקיו בכל נפשו ובכל מאודו. אבל לך הרבי התכוון בברכתו לפי מה שקרא במסתרי לבך..."

"אני לא מבין על מה אתה מדבר" — מחיתי בפניו, אולם הוא לבש פנים של זעם וגער בי בנזיפה: "אל תחשוב להתחמק מלתקן את נשמתך. אצטרך לעבוד הרבה עליך, שתישאר באמת יהודי".

אבי נפטר עוד בשנת 1930 בפשדבוז'. אמי זכתה עוד לעלות ארצה ומצאה פה בית חם אצל אחותי לאה ובעלה משה דייטשמן־דותן. ואילו אחי, אשתו ושני ילדיהם; אחותי מרים ליברמן, בעלה ושני ילדיהם נספו בשואה.

יהי זכרם ברוך.



משה־חיים גרינבלט, אשתו מלכה וילדיהם. אחותו מרים גרינבלט־ליברמן ושני ילדיהם

הילל פנסקי, חולון

פשדבוז׳ מכורתי

אשר אספר לנכדי

געגועים אני נזכר בעיירתנו, שהיתה עבורנו עולם ומלואו, פשדבוז׳ כמו שהיתה, על יהודיה ומחנכיה, יהודים פשוטים אומרי־תהילים ולמדנים חריפי־מוח, סוחרים ובעלי־מלאכה. כמו חיה היא עומדת לנגד עיני, אף־על־פי שחלפו כבר עשרות שנים מאז שנפרדתי ממנה ומתושביה.

עיירה טיפוסית בגלות פולין, ללא בתים גדולים, ללא בתי־ספר להשכלה גבוהה, צנועה לפי טבע ברייתה ולפי טבע בריותיה, חלקה בעושרו של עולם מועט היה, וכמוה גם האדם אשר בה לא רב היה חלקו במעשים הנעשים על ארץ רבה. מעטים היו אלה ששפעו יזמה ופעלתנות, וכל הנסיונות לפתח שם חרושת גדולה לא הצליחו. מעטים היו ה״גבירים״ ולא התענפו עסקים בעלי־תנופה ומעוף. חייהם הכשרים של רוב יהודי פשדבוז׳ לא היו חיים קלים. עם כל זאת לא זנחו את חינוכם ותרבותם אף ברגעים הקשים ביותר. דאגתם הראשונה של יהודי עיירתנו היתה להקנות דעת לבניהם. החדר היה מוסד החינוך העיקרי. הריהוט בחדר היו שולחן וספסלים בלי משען. זמן הלימוד בחדר כל היום כולו. תכליתו של החדר ללמד תורה לילדי ישראל.

וזאת לדעת שהמושג ״חדר״ בשנים אלו בפשדבוז׳ כלל גם את גן הילדים וגם את בית הספר היסודי, היה מיועד לבנים בלבד, כי עדיין רווח מאמר חז״ל ״כל המלמד בתו תורה כאילו לימדה תיפלות״.

וזה דבר המנהג:

במלאת לילד שלוש שנים הובילוהו למספרה לתספורת ראשונה, תפרו לו חליפה או מלבוש אחר מתקבל על הדעת והחלו להכין אותו למחשבה שאין זה מן התבונה שיתבטל ויבזבז את זמנו ברדיפה אחרי פרפרים וצפורים. הוא כבר גדול ועליו להתחיל ללמוד. אבי המשפחה התקשר אז עם ר׳ איטשה המלמד ואחרי משא־ומתן באו לידי הסכם על גובה התשלום ל״עונה״ אחת. נקבע התאריך בו יובא הילד בפעם הראשונה ל״חדר״ — בשעה טובה ומוצלחת — וכן יתר הפרטים כגון עטיפתו בטלית, קבלת הפנים בחדר וכו׳. ביום המיועד הכל היו

מוכנים לרגע המאושר, מחוץ לילדים, שלמרות כל ההכנות והשידולים לא היו מוכנים לוותר על משחקיהם.

מה היתה תכנית הלימודים בחדר זה של ר׳ איטשל המלמד? האמת היא שקשה לדבר על תכנית ב״חדר״, שם למדו כחמישים ילדים בגילים שונים, אבל במציאות היה הדבר כך: תוך 3—4 שנים, היינו עד גיל שבע—שמונה בערך למדו הילדים לקרוא אלף־בית באותיות דפוס, פרקי תפילה, חומש עם פירוש רש״י וגם אותיות רש״י הקטנות והמוזרות. בגלל מרווח הגילים היה נהוג ללמוד בקבוצות. קבוצות ה״גדולים״ וה״קטנים״ וכו׳. בזכרוני נשארה קבוצת ה״גדולים״, שאני הייתי בה והתחלתי עמה ללמוד חומש עם רש״י.

מצויידים בלימודי יסוד אלה עברתי אחר־כך למלמדים בדרגים יותר גבוהים. אצל ר׳ יוסף ברוך למדתי כבר גמרא עם פירושי רש״י ותוספות. המלמד ר׳ יוסף ברוך היה זה שעמד בראש הפירמידה הלימודית הזו. הוא היה למדן חריף ומעמיק בסוגיות מסובכות, היה קפדן מאוד ודרש הרבה מתלמידיו המעטים, כי רק בעלי כשרונות בולטים נתקבלו אצלו. היינו רק ארבעה תלמידים אצלו והוא גם עסק עם תלמידיו בסוגיות מיוחדות שבתלמוד והכניס אותם בסוד דעתם של פוסקים רבים.

המלמדים המכובדים האלה למרות שלא היתה להם שום הכנה להוראה, היו אמנם אנשים ישרים, רחוקים מהוויות העולם ומסורים לעבודתם, להרבות בתורה וביראת שמים, והשקיעו בעבודתם תמצית לשד חיותם.

יצאנו מ״בתי אולפנה״ אלה שלמים ברוחנו ומצויידים בידיעות יסוד לא מעטות שנתנו לנו הכשרה מינימלית ורצון להרחיב אופקים ולהרבות דעת.

גיל הבר־מצוה היה נחשב בעיירה לגיל פרישה מהחדר, אבל אצל רבים זה לא היה זהה עם פרישה מלימודים. להיפך, השתחררותם מהחדר ורגש האחריות למעשים שבאו בעקבות חגיגת הבר־מצוה הגביר אצלם את הרצון להרחיב ולהעמיק את ידיעותיהם ובתור צעד ראשון עברו ללמוד בצורה עצמאית לבית המדרש של העיירה.

עדיין נחקק בזכרוני בואי לבית המדרש וראשית לימודי שם. הייתי כחולם, מורא המלמדים סר ממני ונדמיתי כצפור דרור. זוכרני שכדבר ראשון התחלתי לעבור על אותן הסוגיות בתלמוד שלמדתי אצל מלמדי, אבל כמה היה שונה הלימוד. אותן הסוגיות, שידעתי אותן כמעט בעל־פה וכמה אחרות היו! הלימוד שטף תוך שלווה ושקט ותוך רצון לחדור בכוחות עצמם לעומקן ואז הרגשתי תענוג גדול בלימוד, בפילפולים ובוויכוחים.

בבית־המדרש ישבו הרבה לומדים צעירים וגם הרבה ותיקים בעלי ידיעות רחבות ומוניטין בתלמוד ובפוסקים. בכל סוגיא שהתקשיתי להבין אפשר היה

לפנות אליהם בבקשת הבהרה שניתנה תמיד ברצון. אני זוכר בגעגועים את הימים ההם, בהם גם אני מסוגל הייתי לחדש חידושים בתלמוד. הלומדים בבית־המדרש היו מקדישים לכך הרבה שעות ביום ולעתים קרובות היו חוזרים למשמרת לילה והיו מקדישים את כל הלילה ללימודים. בתור משתתף בלימודים האלה בלילות יכול אני להעיד עוד כיום שהיו אלה שעות לימוד בלתי נשכחות, מסעירים ומרטיטים. כאן התנהל משא־ומתן בהלכה ולומדים התנצחו בקול, למדו בהתלהבות.

התקופה הזאת נחרתה בלבי ונפשי, היתה זו תקופה פורה של לימודים עצמיים, תקופה של העמקה והתקדמות וכן של התגבשות האופי והלך המחשבות, כי בד בבד עם היותנו בבית־המדרש למדו כמה מאתנו עברית ולימודים חילוניים אחרים, קראנו גם ספרים חיצוניים ביידיש ובעברית. הזדקקנו להרבה כוח רצון כדי להתקדם בצורה כזו, אבל ההתקדמות היתה נפלאה ובעיקר ע״י עבודה עצמית, אוטודידקטית, קריאה מרובה בספרים בעלי־ערך, שגררו אחריהם שיחות חברים על נושאים שעמדו ברומו של עולם. לפעמים נכנס אחד מן האברכים הלמדנים וישב והתחיל לומד, חותר ל״מעמקים״ ומפלס נתיב במים עזים, ואנחנו ישבנו והקשבנו ונוכחנו לדעת, כי מן ההכרח לראות את הגבולות המפרידים בין שני מנינים הדומים באופן חיצוני כשתי טיפות מים, ומייחדים אותם זה ענין לעצמו וזה ענין לעצמו. ידענו שיש ללמוד היקש להכרח זה מדבר אגדת חז״ל: ״הרבה טיפין בראתי בעבים וכל טיפה וטיפה בראתי לה דפוס בפני עצמה, שאלמלא שתי טיפין יוצאות מדפוס אחד מטשטשות את הארץ״.

כסדר בטבע כך בהגיון. אך, כמובן מאליו, לצורך אבחנה זו יש צורך במכשירים שכליים עדינים עד מאוד...

ובזה היה גדול כוחם של חובשי בית המדרש בפשדבוז׳.

בית אבי

ישנן מלים מופלאות, דקות כאלה, אם אך תהגה אותן, תקל עקת לבך. יש והן שרות מפיך מבלי משים:

בית אבי!

כאשר הלב יגע, מבקש מרגוע, מופיע לעיני־רוחי בית אבי, ר׳ שלמה־מאיר, דמותו, הדרת־פניו, עיניו הזוהרות של אב רחום, לבו הטוב, רגיש לסבלו של אנוש דל בוכה, ואני מתפלל: חנני, אל, להיות כמוהו, חזקני בבטחונו, באמונתו התמימה, בשאיפתו הכבירה לעזור לזולת, למעשים טובים. מסירות־נפש למען היהדות וענוות־רות עד תום נסתמנו בכל תו משרטוטי דיוקנו של אבי, וחי בלבי זכרון מסירותו ואהבתו לילדיו, תורתו שהנחיל לנו לבקש תמיד את שביל

הטוהר והשלימות ועליית־הרוח. היה גם סמל של אצילות ויופי־המידות, טוב לבו ואדיבותו היו למופת.

מוותיקי חסידי גור היה. המילה "גור" היתה מילת־קסם להרבה יהודי פשדבוז' וחסידי האדמו"ר מגור היו נוסעים לעיירה הקטנה ע"י ורשה, שנעשתה למרכז חסידי גדול. ואני זוכר שלכל ראש השנה נסעתי לשם עם אבי וראיתי המונים נכנסים אל מעונו ושופכים תחינתם לפני האדמו"ר והוא קיבל את הבאים אליו באהבה כשהוא עומד ליד שולחנו, מדריך ומוביל את חסידיו בבטחון, בחכמה ובדעת.

בבית המדרש הענקי שבגור מצאתי מאות מצטופפים ואלפים הסתובבו בחצר שמסביב לבנין הגדול. מכל הצדדים רעש והמולה מחרישה אזניים, ולפתע — דממת מוות, שומעים אפילו רחש של זבוב. מה קרה? קרבה שעת כניסתו של האדמו"ר לתפילה או לעריכת השולחן. לא תתואר דביקות המוני החסידים ברבם הגדול, האמונה הלוהטת והתשוקה הכבירה לכל הגה שיצא מפיו. הספיק רמז קל, כדי שאלפי חסידים ימסרו נפשם לקיים את הדבר. עמוקה מאוד היתה הכרתם, כי בגור השכינה מדברת מתוך גרונו של האדמו"ר, וכשחזרנו מגור לפשדבוז' היה לנו מה לספר, ודבריו השנונים של הרבי סופרו "מפה אל פה" בשטיבל של חסידי גור.

עם כל זה הקדיש אבי גם זמן למשפחה. בתוך הפעילות המגוונת ורבת המישורים ידע אבא גם למלא תפקיד חיוני במשפחת והשפיע עלינו שפע אהבה ומילא את הבית חיים ותוכן. הוא ראה בבני הבית משענת הזקה מאוד. תמיד הדגיש שאמא היתה זו שחיזקה אותו בעסקיו ובמעשיו.

אמא, רבקה־איטקס לא רק חיזקה אותו, אלא ממש עודדה והמריצה. כן מנה אבא תמיד שבחיה של אמא, שלא מנעה אותו מנסיעותיו להאדמו"ר מגור. בדרך כלל אין אשה נלהבת, כשהבעל יוצא מן הבית לחגים. אך אמא לא רק שלא הפריעה בעדו, אלא קיבלה זאת במאור־פנים.

אמי חינכה אותנו בדרך היהדות החרדית, למידות ומעשים של תורה ושל דרך־ארץ. היא עבדה מבוקר עד שעות הערב. תכופות היו עיניה נפקחות לרווחה, מביטות עלינו מתוך אהבה בלי גבול. היא ידעה לספר על גדולי ישראל, על אהבת האמת והשלימות שלהם, על העיקרון הגדול שלא לשקר, כיצד מעשיהם ודיבוריהם היו שווים וכיצד קירבו כל אדם מישראל, ועוד ועוד, וכל זה מילא תפקיד חינוכי גדול.

כאלו היו דמויותיהם של אבי ואמי והם לא היו בודדים בעיירתנו. לא אלמן ישראל. בדרכם הלכו אחי: אריה־יהודה (לייבל) אברהם ויעקב; אחיותי: ליבה, אסתר, ביילטשה, רייזל וחיה.

מרדכי אורשטיין, תל־אביב

צווישןביידע וועלט־מלחמות

ווייטע, זיסע שטעטלדיקע יאָרן.

יענע יאָרן האָבן געלאָזט טיפֿע שפּורן אין מיין נשמה. די מאָראַלישע שיינקייט פון די יידן אין שטעטל, דאָס אידעאַלע און דערהויבענע, סיי פון די חסידישע יידן און סיי פון די אידעאַליסטישע יוגנטלעכע פון אַלע שאַטירונגען, אינספּירירן און באַגייסטערן מיך ביזן היינטיקן טאָג. תמיד זע איך פֿאַר מיינע אויגן די אינערלעכע גייסטיקייט און קולטור־דורשט, וואָס האָט געלעבט אין די דאָזיקע פשוטע מענטשן. באַשיידן און אָרעם איז געווען זייער מאַטעריעלע עקזיסטענץ, אָבער רייך מיט זייער התלהבות און געטרייקייט צו הויכע אידעאַלן און דערפֿאַר זענען אפילו אין זייער וואָכעדיק לעבן געווען אַזויפיל יום־טובדיקע שעהן, אַזויפיל באַגייסטערונג פֿאַרן שיינעם און דערהויבענעם, מיט וועלכן עס זענען געווען דורכגעוועבט די טעג פון אַ גאַנץ יאָר.

דאָס שטעטל איז געווען צעטיילט אין צווייען: פשעדבאָזש און ווידאמע. אין דער מיט, צווישן ביידע טיילן, איז געפלאָסן דער פיליצע טייך. ביזן יאָר 1915 איז דאָ נישט געווען קיין שאָסיי, קיין מאָטאָריזירטע קאָמוניקאַציע. די פֿאַרבינדונג פון שטעטל מיט די אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך און מיט דער נאָענטסטער באַן־סטאַציע, וועלכע האָט זיך געפונען 28 קילאָמעטער פון שטעטל איז געווען מיט פערד און וואָגן. אין די צייטן פון רעגנס איז דער וועג פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין טיפֿע גרוביקע זומפּן, וועלכע זענען פֿאַר די דורכפֿאָרערס געוואָרן אַ לעבנס סכנה. עס האָט נישט איינמאָל געטראָפן, אַז די פורלעך האָבן זיך איבערגעדרייט און די מענטשן זענען קוים אַרויס מיטן לעבן. מערסטנס איז די פֿאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט אין די צייטן פון רעגנס און שניי־זאַווערוכעס, געוואָרן אינגאַנצן איבערגעריסן.

ערשט נאָכן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די מאַכט אין פשעדבאָזש האָבן איבערגענומען די עסטרייכער, האָט זיך ביסלעכווייז גענומען

ענדערן דאָס פּנים פון שטעטל. מען האָט אָנגעהויבן בויען וועגן און ברוקירן די גאַסן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט נישט אַרומגענומען די יידישע געסלעך, אָבער דאָס בויען האָט געברענגט מיט זיך אַן אויפלעבונג אין שטעטל. יידן זענען געווען באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע אַרבעטן. ביי די שאָסיי־אַרבעטן זענען געווען באַשעפטיקט אויך מינדער־יעריקע קינדער, וועלכע האָבן מיט זייער שווערער אַרבעט געהאָלפן לינדערן דעם מצב פון זייערע עלטערן. אָבער בדרך־כלל זענען יידישע קינדער געגאַנגען אין חדר אַריין, געלערנט. די עלטערן האָבן געשפּאָרט דעם ביסן פון מויל, כדי צו קענען באַצאָלן שכר לימוד.

מתן־בסתר

אין שטעטל זענען אויסער דער שיל און בית־המדרש געווען אויך עטלעכע חסידים־שטיבלעך, וווּ יידן זענען געזעסן שעהן־לאַנג און געלערנט. עס זענען צווישן זיי געווען לומדים. דער גמרא־ניגון האָט זיך דאָרט געהערט פון די פריע מאָרגן־שעהן ביז שפּעט אין דער נאַכט. מען האָט זיך דאָרט דערציילט מעשיות וועגן רבישע הויפן, געפירט וויכוחים איבער פּאָליטישע געשעענישן. אַלע זענען זיי געווען ערלעכע און פרום־אָפּגעהיטענע יידן.

איינער אַזעלכער איז געווען ר׳ אפרימל ר׳ אלתרס. ער האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע יידן, וואָס טראַכטן קיינמאָל נישט וועגן זיך, נאָר זענען תמיד פאַרנומען מיט זוכן ווי אַזוי צו העלפן נויטבאַדערפטיקע. ער האָט שטענדיק געטראָגן ביי זיך אַ זעמל, עטלעכע שטיקלעך צוקער און עטלעכע גראָשן, כדי אַרויסצוהעלפן אַ נויטבאַדערפטיקן, וואָס ער וועט צופעליק טרעפן. ער האָט שוין געוווּסט ווער עס איז קראַנק און נויטיקט זיך אין הילף. עס זענען געווען אַ סך אַזעלכע בכבודיקע אָרעמעלייט, וועלכע האָבן זיך געשעמט מיט זייער נויט און פאַרבאָרגענערהייט געליטן. ר׳ אפרימל האָט זיי אָקעגנגעטראָגן די הילף שטילערהייט, קיינער זאָל זיך וועגן דעם נישט דערוויסן.

גרשון קלעזמער

איינער פון די עלטסטע קלעזמארים אין שטעטל איז געווען גרשון קלעזמער. אין די טעג פון אַ גאַנץ יאָר איז ער געווען באַשעפטיקט ביים ברוקירן די גאַסן. ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ חתונה, האָט ער צוזאַמען מיט זיינע דריי זין: משה־פייוול, יונה און אביגדור געשפּילט, געווען אַ קאַפּעליע אַ גאַנצע. ער האָט געשפּילט אויף זיין פידעלע. קאַפּל בלאַכאַזש האָט געשפּילט אויף אַ באַס. קיינער פון זיי האָט נישט געלערנט אין קיין מוזיק־שול און דאָך האָבן זיי זיך אויס־

געצייכנט מיט זייער מוזיקאַלישן טאַלאַנט און נישט איינמאָל האָט זייער שפּילן גערירט ביז טרערן.

שמעון מארשאליק

אין שטעטל איז אויך געווען אַ בדחן. מען האָט אים גערופן שמעון מאַרשאַליק. ווען ער איז געקומען אויף אַ חתונה און גענומען באַזונגען חתן־כלה איז מיטאַמאָל פאַרשטילט געוואָרן דער גאַנצער חתונה־רעש און אין דער שטילקייט האָט דער עולם געשלונגען זיינע ווערטער אין גראַמען, וועלכע זענען אַריינגעדרונגען אין די הערצער, האָבן גערופן צו חשבון הנפש, אויסגערעכנט די מעלות פון חתן־כלה, דערמאָנט זיי די ערנסטקייט פון דער שעה און באַלד איבערגעגאַנגען צו פריילעכערע מאָטיוון. לעבעדיק און לוסטיק זאָל זיין, אַ חתונה ביי יידן.

פורים־שפילער

שוין פון די פריסטע יאָרן, איידער עס האָט אין פשעדבאָזש זיך אָנגעהויבן אַ מאָדערנע קולטור־טעטיקייט, עס איז נישט געווען קיין קינאָ, קיין טעאַטער, קיין ביבליאָטעק, זענען שוין אָבער געווען קרייזן, וואָס האָבן אָרגאַניזירט פאָרשטעלונגען. דאָס זענען נאָך נישט געווען קיין דראַמקרייזן, פשוטע פורים־שפּילער, אָבער זיי האָבן שוין אָרגאַניזירט ספּעקטאַקלען, ווי מכירת יוסף, אחשורוש־שפּיל א. א. דער רעזשיסער פון די דאָזיקע פאָרשטעלונגען איז געווען בעריש יאָקל נטעס. אין די שפּילן האָבן אָנטיילגענומען בעלי־מלאכות, טרעגערס א. א. מערסטנס איז זייער סעזאָן געווען פורים און שבועות. זיי האָבן נישט געשפּילט אין קיין זאַל, נאָר זענען געגאַנגען איבער די שטובן, על פי רוב צו די רייכערע באַלעבאַטים פון שטעטל.

פעלדשער און אקושערקעס

געווען אין שטעטל פּייוויש פעלדשער, וועמענס אויטאָריטעט האָט איבער־געשטיגן דעם דאָקטאָר. אַלע האָבן צו אים געהאַט אַן אומבאַגרענעצטן צוטרוי. אויך דער דאָקטאָר האָט זיך גערעכנט מיט זיין דיאַגנאָז. ער איז געווען פּאָפּולער נישט נאָר ביי דער יידישער באַפעלקערונג, נאָר אויך צווישן די פּאָליאַקן אין דער גאַנצער סביבה. עס זענען אויך געווען צוויי הייבאַמס: גיטל און זיסל.

עס זענען אויך געווען צוויי "מבקרס", וועלכע זענען געגאַנגען צו קראַנקע. איינער האָט געהייסן יוסף־בער, געוווינט ביי שלמה קראַקאָווסקי אין הויז און האָט מיט זיינע רפואות געלינדערט די ווייטיקן פון די קראַנקע, וועלכע האָבן אין אים געגלויבט נישט ווייניקער ווי אין אַ דאָקטאָר. דער צווייטער איז געווען

וואָלף ברענער, וועלכן מען האָט אָפּט געזען גיין מיט זיין וואַליזקעלע, אין וועלכער ער האָט געהאַט באַנקעס און פֿאַרשידענע שמירעכצער. פֿון פֿאַך איז ער געווען אַ שניידער, האָט געוווינט אויף דער מעלער־גאַס. ווען מען האָט אים גערופֿן צו אַן אָרעמען קראַנקן ווייל נאָר אַזעלכע זענען געווען זיינע פּאַציענטן, זיי האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן דעם דאָקטאָר אָדער פעלדשער, האָט ער גלייך אַוועקגעוואָרפן די אַרבעט און געלאָפן העלפֿן דעם קראַנקן. זיינע חולים זענען ביי אים געווען וויכטיקער פֿון זיין אַרבעט.

אין יאָר 1930 איז ער אַוועק פֿון פּשעדבאָזש קיין לאָדז. ביים ליקווידירן דאָס לאָדזשער יידנטום איז ער מיט זיין משפּחה געווען פֿון די ערשטע קרבנות.

וויצלער

ווי אין אַ פֿילם־טאַשמע שוועבן דורך פֿאַר מיינע אויגן בילדער, טיפּן און געשטאַלטן פֿון שטעטל. ווי נעמט מען דאָס דעם כּוח זיי אַלע צו שילדערן, זייער פֿאַרהאַוועטקייט אין דעם גערודל פֿאַר עקזיסטענץ און זייער שיינקייט, גוטסקייט און סאָלידאַריש צוזאַמענלעבן און געפֿיל פֿון אחדות.

יידן אין פּשעדבאָזש זענען שטענדיק געווען פֿאַרנומען מיט זוכן פּרנסה. אין דעם הו־האַ און טומל זענען אַריינגעצויגן געוואָרן קליין און גרויס, יונג און אַלט, אַלע צוזאַמען האָבן געשאַפֿן דעם קאָלאָריט, וואָס איז געווען אייגנטימלעך פֿאַר אונדזער שטעטל. איך זע זיי פֿאַר זיך, די פּשוטע פֿאָלקס־מענטשן: אַלטער טורעק, שעיה משהל שמאַיס, מאיר העלער, יאַנקל מיעדזשינסקי (קאַפּער), דער הויכער יאָסל געלצמאַן. אַ גאַנצע וואָך זענען זיי געווען פֿאַריאָגט און פֿאַר־האָרעוועט, אָבער שבת פֿלעגן זיי זיך צונויפֿקומען ביי דער בריק און יעדער האָט מיט זיך געבראַכט אַ וועלט מיט ווערטלעך און וויצן און שפּעטער זענען די וויצן איבערגעגאַנגען איבערן גאַנצן שטעטל און עס איז געווען פֿון וואָס צו לאַכן.

וואַסערטרעגער

איך דערמאָן זיך אין די וואַסערטרעגער אין שטעטל, צוויי מענער און צוויי פֿרויען, וועלכע האָבן געצויגן זייער פּרנסה פֿון טראָגן די עמערס וואַסער אין די רייכע שטובן. צום שטאַרקסטן האָט זיך אין מיין זכרון איינגעקריצט מאָטל גולם. האַלבע טעג איז ער געשטאַנען אין וואַסער מיט פֿאַרשאַרצטע הויזן און געכאַפּט פֿיש. ביים וואַסער האָט ער פֿאַרענדיקט זיין לעבן.

אַן ענלעכע געשטאַלט איז געווען דער וואַסערטרעגער מאיר רענאַלדע, וועלכער האָט געוווינט אין ווידאַמע, אָבער נישט געווען קיין איין מענטש אין

שטעטל, וואָס זאָל אים נישט האָבן געקענט. פונקט ווי אַנדערע וואַסערטרעגער האָט מען אים אויך געזען שטענדיק אַרומגיין מיט די קאָראָמיסלעס, אויף וועלכע עס האָבן זיך געהוידעט די פולע עמערס וואַסער.

מיט איינעם פון די וואַסערטרעגער איז אויך פאַרבונדן אַ טרויעריק געשעעניש אין שטעטל. עס האָט פּאַסירט, אַז דער וואַסערטרעגער האָט באַלד אינדערפרי אַריינגעטראָגן די עמערס וואַסער צו דער משפּחה חונה, אַ קינדערלאָז פּאָרפאָלק, וואָס האָט געווינט ביי די וואָלינסקיס קעגנאיבער דעם הויז פון די טורנעס. ווען ער איז אַריין מיטן וואַסער האָט ער אין שטוב געטראָפן דאָס פּאָרפאָלק טויט, דערמאָרדעט. אַ דערשראָקענער איז ער אַרויס אין גאַס מיט אַ געשריי: "יידן, מען האָט דערהרגעט חונה מיט זיין ווייב!" די ידיעה האָט זיך בליץ שנעל פאַרשפּרייט איבערן שטעטל און האָט אַרויסגערופן אַ בהלה.

אין שטעטל האָבן פּאַסירט נאָך אַזעלכע פאַלן. יחיאל דאנעק, אַן אייגנטימער פון אַ טאַרטאַק איז באַפאַלן געוואָרן ביי זיך אין שטוב. די מערדער האָבן אים דערשאָסן אויפן אָרט. אויך יאנקל מאַלצס פרוי איז אויף אַן ענלעכן אופן דערמאָרדעט געוואָרן.

גבורים

דאָס זענען געווען איינצלנע פאַלן. אין אַלגעמיין איז דאָס צוזאַמענלעבן צווישן יידן און גויים געווען אַ פרידלעכס. אָבער עס האָט אויך פּאַסירט אַז פויערים וועלכע האָבן זיך אָנגעשיכורט ביי לעוואַנדאָווסקין אין שענק פלעגן באַפאַלן יידן. איך דערמאָן זיך אַזאַ פאַל, ווען שיכורע פויערים, אַרויסגייענדיק פון דער שענק האָבן זיך גענומען שלאָגן יידן, איז דער ערשטער אַרויס צו זיי וואָלף זיינוול'ס אַלעקסאַנדראָוויטש און האָט זיי גענומען דערלאַנגען קלעפּ אויף רעכטס און אויף לינקס. צוהילף זענען אים געקומען די קצבים און טרעגער און באַלד זענען אויך געקומען צו לויפן פון ווידאמע די בעלי־עגלות. דאָס געשלעג איז פון מינוט צו מינוט געוואָרן אַלץ פאַרביסענער. אויך די יוגנט פון שטעטל איז צוגעשטאַנען און דערלאַנגט קלעפּ די פויערים. דאָס געשלעג האָט זיך איבערגעטראָגן אויך אויף דער פאָדזאמטשע און מאָסטאָווע, ווו די פויערים האָבן זיך געפרווט צוריקציען און געמיינט צו באַפאַלן דאָרטן אומבאַהאָלפענע יידן און אויסלאָזן אויף זיי דעם כעס, אָבער די יידן האָבן זיי נאָכגעיאָגט. אויך איך, אַ צען־יאָריק יינגל, בין מיטגעריסן געוואָרן מיטן געשלעג און צוזאַמען מיט נאָך חברים האָבן מיר אַרויסגעריסן שטיינער פון ברוק און דערלאַנגט די דערוואַקסענע יידן. די פויערים זענען געווען אַ סך מער אין צאָל און האָבן געפרווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד, האָבן נישט געוואָלט רעזיגנירן פון זייערע

רציחות. דאָס האָט געדויערט עטלעכע שעה. די איינצלנע פּאָליציאַנטן, וועלכע זענען געווען אין שטעטל, זענען נישט געווען אימשטאַנד צו באַרויִקן די צעיושעטע געמיטער פונעם המון. ערשט ווען עס איז אָנגעקומען פאַרשטאַרקונג פון קינצק און קעלץ, האָט די פּאָליצײ גענומען באַהערשן די לאַגע און פונאַנדער־געטריבן ביידע קעמפנדיקע צדדים.

וואָכן לאַנג דערנאָך האָט מען אין שטעטל גערעדט וועגן די געשעענישן, וועגן דער גבורה פון די יידישע קצבים און טרעגער. באַזונדערס האָט מען באַוווּנדערט וואָלף אַלעקסאַנדראָווישטס העלדישקייט. ער איז געווען אַ רעליגיעזער ייד, האָט געהאַט פיר זין און צוויי טעכטער.

צעירי־ציון שאַפן דעם קולטור־פאַריין

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט פּשעדבאָזש צוביסלעך זיך אַנטוויקלט. עס זענען אויפגעקומען נייע וואַרשטאַטן און אויך דער האַנדל האָט זיך אויסגעברייטערט, עס איז אַנטשטאַנען אַ קינאָ און עס האָבן זיך געשאַפן דראַמקרייזן. אויך דער אויסערלעכער אויסזען פון שטעטל האָט זיך אָנגעהויבן ענדערן.

אין יאָר 1916, איז געלונגען אַרויסצובאַקומען פון דער עסטרייכישער מאַכט אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ קולטור־פאַראיין וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַ גרופּע פון צעירי ציון. צווישן די אָנפירער זענען געווען: שאַמשע לעווקאָוויטש, מאיר שטיינהארן, שלמה קופּערמינץ, סאלטשע לעווין (וויינמאן). אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז דער קולטור־פאַריין אַריבער צו די אָנהענגער פון דער לינקער ריכטונג, הענעך פרידמאַן, מרדכי יאקובאָוויטש א.א. דער ציל איז געווען צו שאַפן אַ ביבליאָטעק און האַלטן רעפעראַטן, פאָרלעזונגען אויף פאַרשידענע טעמעס, אָבער די שוועריקייטן זענען געווען גרויסע, קודם־כל פינאַנסיעלע. דערצו זענען אויך געווען כוחות, וועלכע האָבן געזוכט צו באַקעמפן דעם נייעם קולטור־פאַראיין, אָבער דער דראַנג צו וועלטלעך וויסן האָט אין שטעטל שוין אָנגעהויבן אַרומנעמען אַ גרעסערע צאָל יוגנטלעכע, וועלכע האָבן געהאָלפן מיט גרויס איבערגעגעבנקייט אַנטוויקלען די ביבליאָטעק און פירן אַ קולטור־טעטיקייט.

דער דראַמקרייז

עס האָט זיך געשאַפן אַ דראַמקרייז, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט הענעך פרידמאַן, וועלכער איז אויך געווען דער רעזשיסער. די הויפּט מיטגלידער פון יענעם ערשטן דראַמקרייז זענען געווען: מלכה מאשלאק, רחל ראָזנבערג, נחמן

ליטוואַק, חיה יאַקובאָוויץ (דיקערמאַן), הילל קליינמאַן, אברהם וואַסערמאַן, יחיאל שלום ניעפּאָמיענטני, משה פוקס, לייבל פּערלמוטער א. א.

דער דראַמקרייז האָט אויסגעפירט פּיעסן פון דער יידישער און וועלט־דראַמאַטורגיע: דער "דיבוק", "די זיבן געהאַנגענע", "די ברויט מיל", "דער בונט אין אויסבעסערונגס־הויז", "דער אורטייל", "הייננטיקע מיידלעך", "די רומענישע חתונה", "מירעלע אפרת". די פאָרשטעלונגען האָבן אַריינגעבראַכט אַ סך לעבן אין שטעטל. די צושויער האָבן אויפגענומען די פאָרשטעלונגען מיט גרויס ענטוזיאַזם. די הכנסות פון די פאָרשטעלונגען האָבן געהאָלפן אַנטוויקלען די ביבליאָטעק און די אַלגעמיינע טעטיקייט פונעם קולטור־פאַראיין.

דער דראַמקרייז האָט אויך געפלעגט אַרויספאָרן מיט זיינע פאָרשטעלונגען אין די אַרומיקע שטעטלעך. עס זענען כסדר צוגעקומען נייע כוחות און עס האָבן געהאָלפן פאַכמענישע כוחות פון אַנדערע שטעט. פון לאָדזשער דראַמקרייז. אויך די ברידער גערשאַנאָוויטש און אהרון דיקערמאַן, וועלכע האָבן געפלעגט קומען קיין פשעדבאָזש אין די זומער חדשים, האָבן געגעבן זייער ביישטייער פאַרן אַנטוויקלען דעם ניוואָ פון אונדזער דראַמקרייז.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן זענען צוגעקומען נייע מיטגלידער צום דראַמקרייז: אַלטער טורעק, מאיר קאַטשקע און נאָך אַנדערע און דער דראַמקרייז האָט געפירט אַ לעבעדיקע טעטיקייט ביזן יאָר 1939.

אונטערערדישע טעטיקייט

פּאָליטישע פּאַרטייען אין פשעדבאָזש האָבן עקזיסטירט שוין ביים אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט. עס זענען געווען אָנהייבן פון אַ ציוניסטישער טעטיקייט. אין די יאָרן 1905—1907, ווען אין די גרעסערע שטעט אין פּוילן און אין רוסלאַנד איז דורך אַ כוואַליע שטרייקן, האָט עס אויך נישט אויסגעמיטן פשעדבאָזש, ווו עס זענען אַנטשטאַנען אחדות־קרייזלעך, וועמענס מיטגלידער זענען פאַר־פאָלגט געוואָרן דורך דער צאַרישער מאַכט און עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן צוליב דעם געמוזט אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. אין יאָר 1917, ווען עס איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, האָט עס זיך אויך אָפּגערופן אויף טיילן פון די יוגנטלעכע אַרבעטער פון פשעדבאָזש. עס זענען געווען אַזעלכע, וועלכע זענען אַוועק קיין רוסלאַנד, כדי אָנטיילצונעמען אין דער רעוואָלוציע.

דער מצב פון די אַרבעטער אין פשעדבאָזש איז אין יענער צייט געווען געוונוג שווער. מען האָט געאַרבעט פון זעקס אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, עס זענען נישט געווען קיין פעסטגעשטעלטע לוינען, שוין אָפּגערעדט פון סאָציאַלע באַדינגונגען. ערשט אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען יידישע יוגנטלעכע

האָבן געגומען אַרויספֿאָרן אין די גרעסערע שטעט זוכן אַרבעט און דאָרט צונויפֿגעטראָפֿן זיך מיט דער טעטיקייט פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג פֿאַר אַ בעסערן לוין און פֿאַר סאָציאַלע באַדינגונגען. האָבן זיי צוריקקומענדיק אין שטעטל זיך געטיילט מיט זייערע דערפֿאַרונגען און דאַן האָט זיך געשאַפֿן אַן איניציאַטיוו־גרופּע צו אָרגאַניזירן אַ פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע בראַנזשעס. צו די סאַמע אַקטיווסטע האָבן דעמאָלט געהערט אברהם אַלעקסאַנדראָוויטש, די ברידער קליינמאַן, שמחה בינעם קאַלבערג א. א.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען די יידן אין פּוילן האָבן דערפֿילט דעם פֿאַרשאַרפֿטן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויך אויף זייער עקאָנאָמישער לאַגע, האָבן זיך אויך פֿאַרשטאַרקט די לינקע שטימונגען צווישן דער יידישער יוגנט אין פּשעדבאָזש. עס האָט זיך געשאַפֿן אַן אומלעגאַלע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וועלכע איז געווען באַזונדערס אַקטיוו אין פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין. אויך דאָ זענען געווען אַקטיוו: אברהם אַלעקסאַנדראָוויטש, יאָסל ראַדאַל, שמחה בינעם שעיה וואַסערמאַן, רעגינע טיבערג, מענדל פֿרידלעוווסקי, אברהם קאַלבערג, ישראל קעמפּנער (גיבער), יואל פֿוקס, יאַנקל פֿוקס א. א.

פֿאַרשטייט זיך, אַז די מיטגלידער פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָבן געהאַט אויסצושטיין רדיפֿות פֿון דער פּאָליציי. עס זענען פֿאָרגעקומען אָפּטע אַרעסטן, אָבער דאָס האָט זיי נישט אָפּגעשראָקן און זיי האָבן נישט איבערגעריסן זייער אַרבעט נישט נאָר צווישן יידן נאָר אויך צווישן די פּוילישע אַרבעטער. צום פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין האָבן געהערט די אַרבעטער פֿון וויינמאַן און וואָיטשיצקי, פֿון די טאַרטאַקן און אויך באַאַמטע אין מלוכהשע אינסטיטוציעס. די אומלעגאַלע קאָמוניסטישע טעטיקייט האָט זיך איבערגעטראָגן אויך אין די אַרומיקע דערפֿער, ווו די פּויערים האָבן געליטן פֿון די שווערע שטייערן. אַזוי האָט עס זיך געפֿירט ביז דעם יאָר 1938, ווען די קאָמוניסטישע טעטיקייט איז געוואָרן אָפּגעשטעלט און די פּאַרטיי איז געוואָרן אויפֿגעלעזן דורכן קאָמאינטערן. אָבער די קאָמוניסטן האָבן נישט אויפֿגעהערט זייער אַרבעט און זי געפֿירט ווייטער אונטערן נאָמען פֿון דער לינקער ריכטונג. ביים אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט מלחמה ווען היטלערס חיילות האָבן פֿאַרנומען פּוילן איז אַלץ געוואָרן אָפּגעשטעלט. אַזוי האָט זיך פֿאַרענדיקט אַ רומפֿול קאַפּיטל פֿון אַ יידיש שטעטל אין פּוילן, פּשעדבאָזש.

בעלי־עגלות

נישט אַלע געשטאַלטן און נישט אַלץ וואָס עס איז געשען אין אונדזער שטעטל איז מעגלעך אַרומצונעמען אין אונדזער יזכור־בוך. פֿאַראַן "קליניקייטן",

וואָס זענען אָפּטמאָל גאַנץ גרויסע און וויכטיקע זאַכן; פֿאַראַן פּשוטע אָרעמע ייִדן, וואָס האָבן זיך פֿאַרדינט דערמאָנט צו ווערן פּונקט ווי גרויסע חסידים, רביים, און רבנים. נישט אַלץ און נישט אַלע זענען מיר אימשטאַנד צו באַשרייבן. מיר גיבן זיך אָבער אָפּ אַ חשבון, אַז יעדער דאַרף לויט זיינע מעגלעכקייטן דערציילן דאָס וואָס ער געדענקט פֿון דעם אַמאָליקן פּשעדבאָזש, כדי דאָס בילד פֿונעם לעבן אין אונדזער חרוב־געוואָרן שטעטל זאָל זיין וואָס פֿולער. יעדער דאַרף דערציילן וואָס עס איז געבליבן איינגעקריצט אין זיין זכרון סיי וועגן די אָנגעזעענע לומדים און סיי וועגן די איינפֿאַכע ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר און ווען מיר טראַכטן וועגן זיי, קאָן מען פֿאַר קיין פֿאַל נישט דורכלאָזן די ייִדישע בעלי־עגלות פֿון אונדזער שטעטל.

קרומע גאַסן און געסלעך האָבן דורכגעשניטן דאָס שטעטל און דערנאָך האָבן זיך געצויגן נישט־ברוקירטע וועגן, איבער וועלכע די ייִדישע בעלי־עגלות האָבן טאָג־איין טאָג־אויס געצויגן מיט זייערע פֿערד־און־וואָגן, געפֿירט מענטשן און סחורות אַ הין און צוריק, אויף יאַרידן און אין דער גרויסער שטאָט איינקויפֿן סחורות, אַמאָל אויך אַ שווער קראַנקן, וואָס מען האָט געדאַרפֿט שנעל איבערפֿירן אין דער גרויסער שטאָט, ווו עס איז פֿאַראַן געווען אַ שפּיטאָל. זיי האָבן מיט זיך פֿאַרגעשטעלט די קאָמוניקאַציע סיי פֿאַר "האַנדלס־טראַנזאַקציעס", סיי פֿאַר אַלערליי אַנדערע קאָנטאַקטן, פֿאַר שידוכים און חתונות.

פֿאַרשטייט זיך אַז זיי זענען נישט געווען קיין לומדים, נישט געהאַט קיין פּרעטענזיעס אויף בילדונג, זייער שפּראַך איז געווען אַ פּשוטע און זאַפטיקע, אָבער נישט קיין ווולגאַרע, נישט באַנוצט זיך מיט קיין לעקסיקאָן פֿון ביליקע רייד, שוין אָפּגערעדט פֿון ניבול־פּה. זיי זענען געווען גאָטספֿאַרכטיקע און טייערע ייִדן, גרייט צו טון אַ טובה, פֿול מיט פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די מאַטערנישן פֿון די יאַריד־פֿאָרער און דאָרפֿסגייער, אין זייערע שטובן איז נישט געווען קיין עשירות, געווען אַזעלכע, וואָס דער דלות האָט ממש אַרויסגעשריגן פֿון זיי.

אַזעלכע זענען געווען הערש דוד, יוסף, אברהם־אהרון, יאָסל באשלאק, דער "לאַנגער קאָפּ", וואָס קיינער האָט נישט געדענקט זיין נאָמען און דער צונאָמען איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן נישט מיט קיין פֿאַראַכטונג, נאָר גוטברודעריש, מיט ליבשאַפֿט.

נח באנקער

עס איז געווען, איך זאָל אויף אַ ווײַלע פֿאַרמאַכן מיינע אויגן און עס שטעלט זיך פֿאַר מיר ווי לעבעדיק די געשטאַלט פֿון דעם בעל־עגלה נח באנקער, וועלכן מען האָט גערופֿן "פּיפּעק", אָן שום כוונה צו באַליידיקן אים. אדרבא, עס איז

געווען אין דעם די היימישע וואַרעמקייט, וואָס יידן אין שטעטל האָבן געפֿילט צום דאָזיקן פּשוטן ייד, וועלכער האָט טאָג און נאַכט געאַרבעט, אָבער אויף קיין איין מינוט נישט פֿאַרגעסן אין זיין יידישקייט און נישט איינמאָל האָט ער עס געבערענגט צום אויסדרוק מיט זיין התנהגות, סיי אין די טעג פֿון דער גאַנצער וואָך און סיי אין די שבתים און יום־טובים.

פֿיר זין האָט ער געהאַט און צוויי טעכטער. די זין האָט ער שפּעטער איבער־געגעבן זיין באַשעפֿטיקונג און זיי האָבן זיך דערמיט פֿאַרנומען מיט דער זעלבער נאַטירלעכקייט און די מענטשן האָבן זיי באַשאָנקען מיט דעם זעלבן צוטרוי. פּונקט ווי זייער פֿאָטער זענען זיי געווען אויפֿגעלייגטע און געמיטלעכע מענטשן און כאָטש זיי זענען שטענדיק געווען פֿאַרנומען האָבן זיי נישט פֿאַרפֿעלט קיין מנחה־מעריב. ווען זיי זענען געווען אינמיטן וועג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און צוזאַמען מיט זייערע פּאַסאַזשירן אָוועקגעשטעלט זיך אין וואַלד דאַווענען.

נח בעל־עגלה האָט צוזאַמען מיט זיין משפּחה געוווינט אויפֿן קאַרטנער וועג. זיין הויז איז געווען דאָס ערשטע אין ווידאַמע, איז געווען געבויט פּרימיטיוו, פֿון שטיינער און ליים מיט אַ שטרויענעם דאַך.

ביים פֿענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס, איז געשטאַנען אַ פּלומפּ. ווען מען איז אַריינגעקומען אין הויף האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן דער דלות. אין די רעגן־טעג זענען דאָ געווען טיפֿע בלאָטעס. אַ האַלב הויז איז געווען אַ שטאַל פֿאַר די פֿערד. איידער מען איז אַריין אין שטוב האָט מען געמוזט דורכגיין די שטאַל און עס האָט קיינעם נישט געאַרט די בלאָטע, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו די שיך. נחס פֿרוי, רבקה האָט שווער געאַרבעט, האָט צוגעהאָלפֿן אויך אין שטאַל.

אין שטוב זענען געשטאַנען צוויי הילצערנע בעטן, אַ טיש און עטלעכע טאַבאַרעטן. געווען דאָ אויך אַ "שלאַבאַן", אַרויסצורוקן צום שלאָפֿן־גיין פֿאַר די קינדער.

שווער איז געווען דאָס לעבן פֿון דער דאָזיקער משפּחה. דערפֿאַר האָט רבקה געמוזט צוהאַנדלען מיט מילך, וואָס זי האָט געשלעפּט עטלעכע קילאָמעטער פֿונעם דאָרף קאַרטנע און פֿונאַנדערגעטראָגן עס איבער די שטובן אין ווידאַמע. ווען דאָס שטעטל איז נאָך געווען פֿאַרזונקען אין טיפֿן שלאָף האָט רבקה שוין געשפּאַנט איבערן וועג אין דאָרף אַריין, כדי צו העלפֿן אין דער פּרנסה און דערנערן אירע זעקס קינדער.

געווען אין שטעטל בעלי־עגלות, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען בלויז מיט פֿירן פּאַסאַזשירן אָדער סחורות פֿון דער באַן־סטאַציע. נח האָט געהערט צום "שווערן טראַנספּאָרט", האָט געפֿירט האָלץ, שטיינער, ברעטער, זאַמד און אַנדערע מאַטער־

יאַלן צום בויען. ביי דער דאַזיקער אַרבעט איז ער געווען פאַרנומען אַ גאַנצע וואָך, פון זונטיק ביז פרייטיק אינמיטן טאָג, האָט שווער געהאָרעוועט, אָבער, ווי געזאָגט, איז פון דער גאַנצער האָראָוואַניע נישט געווען קיין פרנסה און נישט איינמאָל האָט זיין פערד מיטגעפּילט די נויט און דעם הונגער פון זיין באַלעבאָס. האָבער און היי — האָט מען אין שטעטל געזאָגט — האָבן נחס פערד געזען נאָר פון דער ווייטנס.

דערצו איז זיין וואָגן געווען אַ שווערער, מיט אייזערנע רעדער, צוליב דער שווערער לאָדונג, וואָס מען האָט אויף אים אַרויפגעלאָדעוועט. עס איז געווען אַ רחמנות אויף דעם פערדל, וואָס האָט אַ הונגעריקער געמוזט שלעפּן אַזעלכע שווערע משאות און גאַנץ אָפט האָט געטראָפן, אַז ער האָט דאָס נישט אויס־געהאַלטן און אויסגעהויכט זיין פערדישע נשמה.

נח האָט מיטגעפּילט די נויט פון זיין פערד און ווען ער איז געפאָרן מיט די שווערע משאות פון פּשעדבאָזש קיין ראַדאָמסק איז ער נאָכגעגאַנגען דעם וואָגן צופוס. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן די בייטש און אין דער אַנדערער האַנט אַ טאָרבעלע מיט אַ ביסל האָבער, וואָס האָט געדאַרפט צוגעבן מוט דעם פערד. אונטער אַ באַרג האָט ער געמוזט העלפן שטופּן דעם וואָגן. אָפט האָט געטראָפן, אַז עס האָבן נישט געהאָלפן זיינע געשרייען און זיין מונטערן דאָס פערדל: וויא, וויא פערדעלע... דאָס פערד האָט פּשוט נישט געהאַט קיין כוח ווייטער צו שלעפּן. דאַן האָט אים נח געגעבן אַביסל האָבער, אַנצונעמען אַביסל כוח.

נח האָט דערביי שטענדיק געהאַט גרייט זיין תהילימל, פון וועלכן ער האָט תפילה געטון, אַז דער רבונו של עולם זאָל אים נישט פאַרלאָזן. שווער צו וויסן, וואָס עס האָט געהאָלפן, דער האָבער צי דאָס תהילימל און אפשר טאָקעביידע צוזאַמען, אַ פאַקט, אַז דאָס פערד האָט אָנגעהויבן שפּאַנען און ווייטער שלעפּן די שווער אָנגעלאָדענע פור.

אַזוי האָט נח געטון זיין אַרבעט זומער און ווינטער, אין היצן, רעגנס, שנייען און פרעסט.

אַן אַנדערער מענטש איז נח געוואָרן פרייטיק נאָכמיטאָג, ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער שבת. עס איז אים דעמאָלט געוואָרן גרינגער אויף דער נשמה און זיין גוף האָט ווי באַקומען נייע כוחות.

ווען דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן צוועלף, איז נח אַוועק אין דער מקוה, ווו ער האָט זיך איבערגעטון אין נייע וועש לכבוד שבת. אַהיימקומענדיק האָט ער זיך צוגעלענט, אָפּגערוט זיך פון דער גאַנצער וואָך שווערער האָראָוואַניע. זיין ווייב רבקה האָט דערווייל צוגעגרייט דעם שבת. לכבוד שבת האָט די שטוב אָנגענומען אַ נייעם אויסזען. דער טיש איז געווען געדעקט מיט אַ ווייס

טישטוך, אויף וועלכן עס זענען געלעגן צוגעדעקט גלאַנצנדיקע חלות, וועלכע זי האָט אַליין געבאַקן. די אויסגעפּוצטע לײַכטער האָבן געבלישטשעט. אויך דאָס גלעזל פון נאַפט־לעמפּל, וואָס האָט געהאָנגען אויף דער וואַנט, האָט געבלישטשעט און געלויכטן אַנדערש ווי אַ גאַנצע וואָך.

ווען עס האָט אָנגעהויבן צופאַלן דער פאַרנאַכט און עס איז געקומען די צייט פון גיין צום דאַוונען, האָט נח זיך אָנגעטון אין די שבתדיקע מלבושים און מיט שטילע געלאַסענע טריט געגאַנגען צום דאַוונען אין בית המדרש.

אַהיימקומענדיק פון דאַוונען איז נח אַרײַן אין שטוב מיט אַ ברייטן גוט־שבת, געזונגען זאָגן "שלום עליכם, מלאכי השרת", שפּאַנענדיק אַהין און צוריק איבערן קליינעם שטיבל און דאַן צוגעגאַנגען צו זײַן אָרט בײַם טיש, געמאַכט קידוש הויך אויפן קול. אַלע קינדער זענען געזעסן אַרום טיש מיט גרויס דרך־ארץ. יעדער האָט געהאַט זײַן באַשטימט אָרט בײַם טיש. מען האָט געזונגען זמירות. רבקה האָט דערלאַנגט די שבתדיקע מאכלים און ווען מען האָט געענדיקט דאָס עסן, האָבן אַלע געבענטשט, די עלטערע פון אויסנווייניק, די קלענערע קינדער האָבן אַרײַנגעקוקט אין סידורל, איבערגעחזרט וואָרט בײַ וואָרט נאָכן טאַטן און די עלטערע ברידער.

אָפטמאָל איז בײַם טיש געזעסן אַן אורח אויף שבת, וואָס נח האָט מיטגענומען פון בית המדרש.

אַזוי האָט זיך געצויגן אויך דער מאָרגנדיקער טאָג, ביזן שבת־קודשדיקן בין־השמשות, ווען נח האָט אַרויסבאַגלייט די שבת מלכתא און די פאַרנאַכטיקע שאָטנס האָבן דעם גאַנצן אַרום אײַנגעהילט אין אַ געהיימניספולער שטילקייט. די שלוש־סעודות האָט נח אָפּגעפּטרט מיט אַ כזית־חלה און געזונגען "בני היכלא דכסיפין" און אַנדערע שלוש־סעודותדיקע זמירות און די קינדער האָבן אונטער־געכאַפּט די סקאַרבאָווע טראַדיציאָנעלע ניגונים. אויף די פּנימער האָט זיך געמאָלן אַ לײַכטער אומעט און דאָס דערפאַר, ווייל עס האָט זיך נישט געגלוסט צו שיידן מיט דעם הייליקן שבת און זיך צוריק אומקערן צו דער וואָכעדיקער האָרעוואַניע.

פּ י י ע ר ל ע ש ע ר

אין פּשעדבאָזש זענען געווען פרייוויליקע פייערלעשער. זייער אויסשטאַטונג איז באַשטאַנען פון פיר פעסער, וואָס זענען געשטאַנען אָנגעפילטע מיט וואַסער אויף צוויי־רעדערדיקע וועגעלעך; דריי פּאָמפּעס און צו יעדער פּאָמפּע האָט מען געמוזט האָבן צוויי מענטשן, וועלכע זענען געשטאַנען פון ביידע זייטן בײַם לעשן דאָס פייער. זיי האָבן געהאַט עטלעכע קישקעס צום שפּריצן, העק, לאָפּאַטעס און נאָך ענלעכע מכשירים צום לעשן אַ שריפה.

נישט ווייט פון מאַגיסטראַט איז געווען אַ גרויסע שאָפּע, אין וועלכער עס האָט זיך געפֿונען דער דאָזיקער גאַנצער אינווענטאַר. ווען עס איז אויסגעבראָכן אַ שׂריפֿה האָט מען געקלונגען אינעם גרויסן גלאָק, וואָס האָט זיך געפֿונעןביים טויער פון מאַגיסטראַט. ווער עס האָט דער ערשטער באַמערקט דאָס פייער, איז צוגעלאָפֿן צום גלאָק און אָנגעהויבן קלונגען. דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפֿ־לויפֿן די פייערלעשער פון אַלע זייטן. ווער עס האָט געהאַלטן אין דער האַנט דאָס היטל, ווער דאָס העקל און ווער עס איז געלאָפֿן כאַפּן פֿערד פון די שטאַלן ביי ־ידישע פערד־באַזיצער. ביי די פּאַליאַקן האָט מען אויסגעמיטן צו נעמען זייערע פערד.

אין דער זעלבער צייט זענען אַנדערע פייערלעשער אַריין אין דער שאָפּע און אַרויסגענומען פון דאָרט דעם גאַנצן אינווענטאַר, געכאַפּט די לאָפּאַטעס מיט די אַנדערע מכשירים און געלאָפֿן צום אָרט ווו עס האָט געבושעוועט דאָס פייער. מען האָט זיך גיך פונאַנדערגעטיילט מיט די אויפֿגאַבן. טייל זענען געפֿאָרן מיט די פערד אָנשעפּן וואַסער אָנצופילן פונסניי די פעסער און אַ טייל איז געווען באַשעפטיקט ביי די פּאָמפּעס צום לעשן דאָס פייער.

שׂריפֿות

אין מיין זכרון זענען געבליבן עטלעכע אַזעלכע שׂריפֿות. אַזוי למשל געדענק איך די שׂריפֿה אין דער טומאה־גאַס, ווען אַ האַלבע גאַס מיט הייזער זענען אָפּגעברענט געוואָרן. די פלאַמען זענען געגאַנגען ביזן הימל און מען האָט זיי געזען איבערן גאַנצן שטעטל. עס האָט פאַרנומען געניג צייט ביז עס איז געלונגען צו פאַרלעשן דאָס פייער און דערביי האָבן זיך אָפּגעשפּילט מוראדיקע סצענעס. פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט געשרייען. די ברענענדיקע לופֿט האָט געבריט דאָס פּנים, יידן זענען געלאָפֿן מיט עמערס וואַסער.

פאַר די אויגן לעבן אויף בילדער מיט מסירות נפש ביים לעשן דאָס פייער, וואָס האָט זיך הענדום פענדום פאַרשפרייט איבערן געסל. דאָס אַלץ האָט אָבער נישט געהאָלפן. דאָס פייער האָט זיך נאָכמער צעפלאַקערט. פרויען און קינדער האָבן געזוכט וואָס צו ראַטעווען און נישטוויסנדיק וואָס פריער צו נעמען האָט מען אָנגעהויבן פּאַקן דאָס בעטגעוואַנט. דאָס איז געווען דער סאַמע וויכטיקסטער אוצר פון יעדער יידישער שטוב — צו האָבן אויף וואָס דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. מען האָט אַלץ שנעל אַרויסגעטראָגן אויפֿן גאַס, אויפֿן פעלד, ווו עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ סך ווייבער און קינדער, וועמענס שטובן עס זענען שוין געווען פאַרברענט.

אין געציילטע שעהן זענען די הייזער אַוועק מיטן רויך. עס איז געווען

טרויעריק צוצוקוקן ווי דערוואַקסענע און קינדער האָבן שפּעטער גענישטערט צווישן די חורבות. עס האָבן זיך געהערט ביטערע געוויינען און באַקלאָגן דאָס האָב־און־גוטס, וואָס איז אַוועק מיטן רויך.

די פייערלעשער האָבן אָפּט געריסן די דעכער פון די הייזער, וועלכע זענען געווען ווייטער פונעם פייער. אין אַזעלכע פאַלן האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט די פּאָליאַקן, פון וועלכע עס איז באַשטאַנען די מערהייט פייערלעשער און זיי האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט אָנצוטון שאָדנס די יידישע הייזער.

איך געדענק אַזאַ שריפה אויף פּאָדזאמטשע, וואָס איז אויסגעבראָכן אין דער אָלעיאַרניע פון חיים־יידל. יאַדאָווסקי, איינער פון די פּוילישע פייערלעשער איז אַרויף אויף שלמה משה מאירס הויז און אָנגעהויבן רייסן דעם דאַך. דאָס הויז איז געווען ווייט פונעם פייער, וואָס האָט זיך שוין געהאַלטן ביים פאַרלעשן, אָבער יאַדאָווסקי האָט מיט אַ באַזונדערער פאַרביסנקייט געריסן דעם דאַך, מכלומרשט צוליב דעם, אַז דאָס פייער זאָל זיך נישט פאַרשפּרייטן. די שריפה איז פאַרלאָשן געוואָרן און שלמה משה מאירס הויז איז געבליבן אָן אַ דאַך.

געווען צווישן די פייערלעשער אַ ייד, וועלכן מען האָט גערופן עמנואל קאָזע, אַ קצב, אַ פעסט־געבויטער, פון מיטעלן וווקס, מיט ברייטע פּלייצעס און מיט זיין פלינקער אַרבעט ביים לעשן אַ שריפה האָבן זיך יידן געגרויסט. ער איז תמיד געווען פון די ערשטע ביים לעשן דאָס פייער. ער האָט זיך אויך געפילט ווי אַ פּאַטריאָט און דעם דריטן מאַי, ווי אויך דעם 11־טן נאָוועמבער, האָט מען אים געקענט זען א מאַרשירנדיקן אויף די פייערלעכע דעמאָנסטראַציעס.

זיין געהילף איז געווען אברהם לייבעלע, אַ זון פונעם הויכן ישראל שוואַרץ, איז געווען דער העכסטער בחור אין פשעדבאָזש, האָט געהאַט לאַנגע פיס, אַ גרויסן קאָפּ מיט אַ געדיכטער טשופּרינע, אויף וועלכער עס איז געווען שווער צוצופּאַסן אַ היטל. אויך מיט אים האָבן פשעדבאָזשער יידן שטאָלצירט.

די משפחה שוואַרץ האָט געוווינט ביי לעוואַנדאָווסקין. פון פאַך איז אברהם לייב געווען אַ שוסטער. נאָך דער אַרבעט האָט מען אים געזען שפּאַצירן אין גאַס אַהין און צוריק, פון דער בריק ביז צום מאַגיסטראַט. ווען עס איז אויסגעבראָכן ערגעץ אַ שריפה, איז ער שוין דאָרט געווען נאָך איידער די פייערלעשער האָבן באַוויזן צוצוקומען. אָפטמאָל איז ער געווען דער ערשטער, וואָס איז צוגעלאָפן צום גלאָק צו אַלאַרמירן די פייערלעשער און ביז וואָס ווען איז ער שוין געווען בראש פונעם ראַטעווען, איז געווען דער וועגווייזער פאַר די אַנדערע פייערלעשער.

אין די זומער חדשים פלעגן קומען זעלנער אויף מאַנעווערעס, וועלכע זיי האָבן געמאַכט אויף די ברעגן פון דער פּיליצע. דעמאָלט האָט מען געקענט זען

אברהם לייבן שפּאַנען ביי דער זייט פֿונעם גענעראַל, ווען ער האָט געוויזן די וועגן, אויף וועלכע צו מאַרשירן און די ערטער, וואָס זענען פּאַסיק דורכצופֿירן די מאַנעווורעס.

אברהם לייב האָט געקענט אַלע איינוווינער פֿון שטעטל, יונג און אַלט. ער האָט געוווּסט ווו יעדער וווינט און ווי ער הייסט, יעדנס נאָמען און צונאָמען. אויב עס איז געקומען אַ פֿרעמדער און געפֿרעגט זיך אויף עמיצן, וואָס ער האָט נישט געוווּסט זיין אַדרעס, האָט מען אים גלייך אָנגעוויזן אויף אברהם לייבן און ער האָט גלייך געוווּסט וועמען מען מיינט און ווו ער געפֿינט זיך.

ער איז תּמיד גרייט געווען צו העלפֿן און קיין וועג איז פֿאַר אים נישט געווען צו ווייט. ער האָט געקענט נישט בלויז אַלע מענטשן, גאַסן און הייזער פֿון פּשעדבאָזש, נאָר אויך די גאַנצע אַרומיקע געגנט. ווו עס זאָל נישט האָבן אויס־געבראָכן אַ שׂריפֿה, האָט ער שוין פֿונדערווייטנס דערקענט דאָס אָרט און אָנגעפֿירט מיט די פֿייערלעשער ביים ראַטעווען.

יידן אין פּשעדבאָזש האָבן זיך מיט אים געגרויסט, דערציילט זיך פֿאַר־שידענע מעשׂיות וועגן זיין מסירת נפֿשדיקייט ביים ראַטעווען און העלפֿן מענטשן.

צוזאַמען מיט אַלע פּשעדבאָזשער יידן איז ער אויך געטריבן געוואָרן קיין טרעבלינקע און דאָרט אומגעקומען.

לערן־יינגלעך

שווער איז געווען דער גורל פֿון לערנייינגלעך ביי די פֿאַרשידנערליי פֿאַכן. זיי האָבן זיך געמוטשט באַמיען נושׂא־חן צו זיין ביי די אַרבעטסגעבער און אויך ביי די עלטערע אַרבעטער. מען האָט געדאַרפֿט פֿאַרשטיין אויפֿן ווונק אַלץ, וואָס זיי האָבן געדאַרפֿט. סיי די שליחותן, סיי די הילפֿס־אַרבעטן האָבן געפֿאָדערט פֿיזישע אויסגעהאַלטנקייט און דערביי נישט ווערן געפֿאַלן ביי זיך פֿון די דערנידעריקונגען.

יעדער באַלעבאָס האָט געהאַט זיין אייגענעם אַרבעטס־שטייגער. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן ליב געהאַט אַליין צו שטיין און אַרבעטן, אויסענדיקן, צופּאַסן מוסטערן און דאָס לערן־יינגל האָט געדאַרפֿט זיין גרייט אויף יעדן רוף.

געווען געזעלן, וואָס האָבן געהאַט שיינע שטימען און ליב געהאַט צו זינגען ביי דער אַרבעט. דאָס לערן־יינגל האָט געדאַרפֿט קענען צוהעלפֿן אים ביים זינגען. טאָמער האָט ער חלילה פֿאַרצויגן אַ פֿאַלשן טאָן האָט ער זיך געמעגט גלייך אָפּטראָגן. אַנדערש האָט אים שוין נישט געפֿעלט קיין צרות אין משך פֿונעם גאַנצן אַרבעטס־טאָג, וואָס האָט זיך געצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אָפֿט האָט מען געקענט הערן דאָס געזאַנג פֿון די יינגלערישע שטימעלעך,

וועלכע האָבן צוגעהאָלפֿן זייערע געזעלן און אַרבעטסגעבער. מערסטנס זענען עס געווען לידער פֿון אומעט און בענקשאַפֿט

געווען מייסטערס, וואָס האָבן זיך באַציגן צו די לערן־ייִנגלעך מיט ליבשאַפֿט, מיט רחמנות און אחריות פֿאַר זייער אויסלערנען זיך דאָס פֿאַך. די האָבן אָבער געהערט צו די געציילטע. מערסטנס האָט מען אויסגענוצט די לערן־ייִנגלעך צו פֿאַרשידענע שליחותן. ערגער זענען געווען די ווייבער, די באַלעבאָסטעס און מייסטראָוועס. זיי האָבן פֿון אָנהייב אָן געקוקט אויפֿן לערן־ייִנגל ווי אויף זייער'ס אַ משרת, וואָס קיינער וועט זיך פֿאַר אים נישט אָננעמען און מען קען טון מיט אים וואָס מען וויל.

געווען מייסטערס, וואָס האָבן ביי דער אַרבעט ליב געהאַט צו דערציילן מעשיות, נסים ונפֿלאות פֿון זייערע העלדישקייטן אין דער מלחמה אָדער וועגן שמוגלען די גרענעצן, דייטשע, רוסישע און עסטרייכישע. דאָס לערן־ייִנגל האָט געמוזט געדולדיק אויסהערן די אַלע מעשיות, וועלכע די מייסטערס זענען נישט מיד געוואָרן איבערצוחזרן. בעיקר האָט מען געזוכט לערן־ייִנגלעך, וואָס זאָלן בלייבן ביי דער אַרבעט ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהן און דערפֿאַר נישט נעמען באַצאָלט קיין גראָשן.

נישט געקוקט דערויף זענען די לערן־ייִנגלעך לסוף צו עפּעס דערגאַנגען, האָבן זיך אויסגעלערנט די מלאכה און גענומען פֿאַרדינען, געהאָלפֿן אין שטוב אין דער פּרנסה און געוואָרן זעלבשטענדיקע קוואַליפֿיצירטע פֿאַכמענער.

נאָך דער אַרבעט האָט מען זיך אַרומגעוואַשן, אָפּגעגעסן און דערנאָך געגאַנגען אין קולטור־פֿאַריין, געפֿירט שמועסן, געהערט לעקציעס. מיט די דערגרייכונגען האָט זיך אויך צעשפּילט די פֿאַנטאַזיע, וואָס האָט געמאָלן העלע האָפֿענונגען אויף זעלבשטענדיקע אַרבעטן און פֿאַרדינסטן, מיט וועלכע מען זאָל קענען אַרויסהעלפֿן דעם טאַטן אין דער פּרנסה.

דער קולטור־פֿאַריין איז אין אַ געוויסן זין געווען אַ לעבנסשול פֿאַר דעראָבערן עלעמענטאַרן וויסן און באַקומען אָפֿענע אויגן צו קענען זען וואָס אַרום טוט זיך.

אין אָרעמע שטובן האָבן מענטשן אויך איבערגעלעבט גרויסע איבערלעבונגען. ביטערע נויט איז געווען אויסגעמישט מיט פֿאַנטאַזיעס. ווער עס האָט פֿאַנטאַזירט וועגן לאַמעדוואָווניקעס און נסתרים און ווער עס האָט געחלומט פֿון איבערקערן אַ וועלט און שאַפֿן אַ נייע, אַ בעסערע און יום־טובדיקע, ווו אַלע מענטשן זענען גלייך און עס זיגט בלויז גוטס און שיינקייט. אַנדערע האָבן געחלומט און געקעמפֿט פֿאַר אַן אייגן ייִדיש לעבן אויף אייגענער ערד.

אַזוי איז געווען די ווירקלעכקייט פֿונעם ייִדישן ייִנגל אין אַן אָרעמער שטוב, וואָס האָט אים געשיקט פּרי לערנען זיך אַ פֿאַך און אין אַזעלכע באַדינגונגען

זענען במשך דער צייט אויסגעוואַקסן גוטע פּאַכלייט, פּאַרדינער און טרוימער פון אַ בעסער לעבן און פון יידישער דערלייזונג. סוף־סוף האָבן די אויסגע־וואַקסענע בחורים זוכה־געווען צו דער פרייד פון העלפן ברענגען אין שטוב אַריין די פּרנסה, אָבער גאָר ווייניק האָבן זוכה געווען צו דערלעבן די רעאַליזירונג פון זייער בענקשאַפט צו אַן אייגן לאַנד.

געציילטע זענען מיר געבליבן אויף צו באַווייגען די פּאַרשניטענע יידישע לעבנס.

מיינע עלטערן

פּשעדבאָזש, מיין היים־שטעטל, ווו איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן און ווו איך האָב זיך געשפּילט צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע יידישע קינדער, איז שוין מער נישטאָ און מיט דער אַמאָליקער היים זענען אַוועק נאָענטע און אומפאַרגעסלעכע קרובים, פריינט און אַלע יידן פון אונדזער שטעטל, אומ־געקומענע אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע, דערשאָסענע און פאַרפייניקטע און מען ווייסט נישט אפילו ווו זייערע קערפּערס געפינען זיך אָדער ווו זייער הייליק אַש איז פונאַנדערגעשפּרייט געוואָרן.

נישטאָ דאָס שטעטל, וואָס האָט פולסירט מיט אַזאַ פילפאַרביק יידיש לעבן, נישטאָ כמעט קיינער פון אונדזערע נאָענטסטע און טייערסטע. זיי זענען אומ־געקומען מיט שוידערלעכע טויטן און אונדזער חוב איז צו שטעטלן זיי אַ דענקמאָל, דערציילן וועגן זייער לעבן און אומקום, וועגן זייערע ליידן און פריידן, ווי אַזוי אונדזערע עלטערן האָבן געפירט זייער לעבנשטייגער און ווי שווער עס איז זיי אָנגעקומען אַריינצוברענגען דאָס ביסל פּרנסה אין שטוב אַריין; ווי זיי האָבן געבענקט און געהאָפט אויף אַ שענער און בעסער לעבן, אָבער נישט דערלעבט.

זאָלן די קורצע ווערטער וועגן מיין היים און משפּחה זיין ווי אַ באַשיידענע מצבה אויף זייערע אומבאַקאַנטע קברים.

מיין פאָטער, עמנואל אורשטיין, געבוירן אין יאָר 1873 אין דאָמבראָווצע, אַ דאָרף נעבן פּשעדבאָזש, ביי זיין פאָטער אַ וואַלד־שרייבער און פּאַרטרויאונגס־מאַן פונעם דאָמבראָווצער פּריץ. ער האָט אַלץ געטון, אַז זיינע קינדער זאָלן נישט אויסוואַקסן קיין עם־הארצים, האָט ער געדונגען פאַר זיי אַ לערער און אַ מלמד, וועלכע זענען געקומען אין דאָרף ספּעציעל לערנען מיט זיינע קינדער, צווישן זיי אויך מיין טאַטע. דער מלמד האָט געלערנט מיט די קינדער חומש, רש"י און אַנדערע לימודי קודש. דער לערער האָט זיי געלערנט לייענען און שרייבן, רוסיש, פּויליש און דייטש.

מיין זיידע האָט אויך געוואָלט, אַז זיינע קינדער זאָלן האָבן פֿאַכן. אויף מיין טאַטן איז אויסגעפֿאַלן, ער זאָל ווערן אַ בעקער און ער האָט טאַקע אַלע יאָרן געאַרבעט ביים דאָזיקן פֿאַך אין פּשעדבאָזש, שפּעטער אויך אין לאָדזש.

ווען עס איז געקומען די צייט פֿון פּריזיוו, איז מיין טאַטע געגאַנגען אין מיליטער און מען האָט אים אַוועקגעשיקט אויף פֿינף יאָר אין ווייטן סאַמאַרקאַנד. די פֿינף יאָר זענען פֿאַר אים געווען אַ שול מיט אַ רייכער דערפֿאַרונג. דאָרט האָט ער זיך אויסגעלערנט אויך שפּילן אויף אַ קלאַרנעט און ער האָט אָנטייל־גענומען אין מיליטערישן אָרקעסטער.

נאָך די פֿינף יאָר מיליטער־דינסט איז מיין טאַטע צוריקגעקומען קיין פּשעדבאָזש, ווו ער האָט חתונה געהאַט מיט חנה דינהן, אַ טאָכטער פֿון זלמן פֿינקעלשטיין פֿון דער פּאָדזאַמטשע. באַלד נאָך דער חתונה האָט ער זיך געעפֿנט אַ בעקעריי אויף דער טומאַה־גאַס. די גאַנצע צייט האָט ער פֿאַרגעזעצט זיין שפּילן אויפֿן קלאַרנעט, האָט אָנטיילגענומען אין דער פּשעדבאָזשער קאַפּעלע און האָט אַפֿילו אַליין געשריבן נאָטן צו דער מוזיק.

עס זענען געקומען שווערע יאָרן און מיינע עלטערן האָבן זיך מיט דער גאַנצער משפּחה אַריבערגעצויגן קיין לאָדזש. ביים אָנהויב פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די גאַנצע משפּחה זיך צוריק איבערגעטראָגן קיין פּשעדבאָזש. מיר זענען שוין דעמאָלט געווען פֿיר קינדער: שרה, ראשע, מרדכי־דוד און רחל. דער טאַטע האָט ווידער אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ בעקעריי, אָבער די פּרנסה איז געווען בצמצום און נישט געסטאַיעט אויף אויסצוהאַלטן די משפּחה. דער טאַטע איז דערפֿאַר יעדעס יאָר צו די ימים־טובים און ימים נוראים אַוועק אין דאָרף קשענטיוו, ווו עס האָבן געוווינט יידן און דער טאַטע איז געווען זייער בעל תּפֿילה. דאָס האָט אַביסל צוגעהאָלפֿן אין דער פּרנסה.

ביים אָנהויב פֿון די צוואַנציקער יאָרן איז די גאַנצע משפּחה צוריק אַוועק קיין לאָדזש, ווו דער טאַטע האָט באַקומען אַרבעט אַלס בעקער. ווען די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן איז יעדער אַוועק צו זיין אַרבעט.

אין יאָר 1937 איז מיין מוטער געשטאָרבן און דאָס איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פֿאַר אונדז. זי האָט אירע קינדער אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. גאַנצע אָוונטן פֿלעגט זי זיצן און וואַרטן אויף אונדז, ביז מיר זענען געקומען אַהיים פֿון דער אַרבעט, פֿון אונדזערע שפּאַצירן, פֿון די צוזאַמענטרעפֿונגען אין פֿאַראיין. מיט אַלע טענות און פּרעטענזיעס, וואָס זי האָט געהאַט צו אונדז, איז איר באַציאונג צו אונדז געווען פֿול מיט געטרייער ליבשאַפֿט און איבערגעגעבנקייט, פֿלעגט זיך נישט פֿאַרגינען צו עסן פֿריער ביז זי האָט נישט באַזאָרגט אַלע אירע קינדער. איר צעווייטיקט האַרץ פֿלעגט זי אויסגיסן אין אירע תּפֿילות,

פלעגט זיך אויסטענהן מיטן רבונו של עולם ווי מיט איינעם פון דער משפחה.

מיין עלטסטע שוועסטער שרה, האָט חתונה געהאַט מיט אַ בחור פון פשעדבאָזש, ישעיה באנקער, וועלכער האָט געפירט די פּאָסט און די לאדונג פון גארשקיעוויצע קיין פשעדבאָזש, ער איז געווען אַ זעלטן גוטער מענטש, כרום און איידל און האָט זיינע קינדער דערצויגן אין גייסט פון פרומער יידישקייט. זיינע קינדער: פראדל־לאה, משה־זלמן, ריווע און גיטל, זענען געגאַנגען אין די וועגן פון זייערע עלטערן. לעצטנס געוווינט אין ווידאָמע.

מיין צווייטע שוועסטער ראשע מיט איר מאַן ישראל גרינשטיין האָבן געהאַט צוויי קינדער, ריווע און מרים, געראָטענע און ווילע קינדער.

אַזוי איז דאָס לעבן געגאַנגען מיטן ריטם פון דער צייט, קינדער זענען אונטערגעוואַקסן און די פּראָבלעמען זענען אויך געוואָרן גרעסערע. מען האָט דורכגעמאַכט צוזאַמען פאַרשידענע איבערלעבענישן, אָבער איבער אַלעם האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון די ליבשאַפט, מיט וועלכער עס איז געווען דורכ־געדרונגען יעדער פון דער משפחה און תמיד איז מיר נאָכגעגאַנגען די בענקשאַפט צו זיי. די געטריישאַפט און צוגעבונדנקייט פון איינעם צום צווייטן האָט געשאַפן אַן אַטמאָספער פון עכטער שיינער משפּחהדיקייט, וואָס איז אַריבער די גרענעצן פון דער שטוב און דערגרייכט אויך צענדליקער פון אַ ווייטערער אַנגעהעריקייט, ווי פעטערס, מומעס, קוזינען א.א., ווייל אונדזער משפחה איז געווען זייער אַ פאַרצווייגטע. אפילו אין די שווערסטע צייטן האָט געשטאַרקט די דאָזיקע צוגעבונדנקייט און ווען מיר האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן איז תמיד געווען פריילעך. עס האָט געלעבט אין אונדז אַ האָפענונג אויף בעסערע צייטן.

אַזוי האָט עס געדויערט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער אונדז די פינצטערע היטלעריסטישע נאַכט און אונדזער פאַרצווייגטע משפחה איז דורך די היטלעריסטישע תליינים אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע יידן.

מיין פאָטער איז ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַוועק קיין פשעדבאָזש, וווּ ער איז אויסגעגאַנגען אין געטאָ פון הונגער. דאָס איז געווען אין יאָר 1942.

פון אונדזער גאַנצער משפחה האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט בלויז איך, מיין כרוי און מיין שוועסטער רחל.

אונדזער טיפער באַגער איז, אַז פון די געציילטע ווערטער זאָל אויפגיין די גרויסע ליבשאַפט און צוגעבונדנקייט, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט אונדזער משפחה און זאָל עס זיין ווי אַ דענקמאָל פאַר אונדזערע נאָענטסטע און טייערסטע, וועלכע זענען אַזוי גרויזאַם אומגעקומען.

צירקע אורשטיין, תל־אביב

אויף די וועגן פון נעכטן

ביים דערמאָנען זיך אין יענע יאָרן אין אונדזער שטעטל, שוועבן פֿאַרביי בילדער אומפֿאַרגעסלעכע. פֿאַר די אויגן שטעלן זיך אַוועק, ווי מיט דער הילף פֿון אַ ווונדערלעכן קינאָמאַטאָגראַף, די געסלעך, אַזוי ווי זיי האָבן אויסגעזען מיט צענדליקער יאָרן צוריק. עס קומען אויפֿן זכרון געשעענישן, קוריאָזן, פֿריילעכע און טרויעריקע, וויכטיקע און טאָג־טעגלעכע. עס טויכן אויף געשטאַלטן פֿון טייערע מענטשן, נאָענטע אייגענע — און אַלע אין אונדזער שטעטל זענען געווען נאָענט און אייגן. מיר ווייזט זיך אויס צו הערן זייערע שטילע און רוישיקע קולות, ווי זיי וואָלטן געקומען פֿון אַלע עקן פֿון שטעטל, פֿון ביידע טיילן: פּשעדבאָזש און ווידאמע, וועלכע זענען דורכגעטיילט געווען מיט אַ טייך, וואָס האָט זיך געצויגן ביז צום איינגוס אין דער ווייסל. עס טיילן זיך אויס ברעקלעך געשפּרעכן פֿון יונגע חברים און פֿריינט, שטימען פֿריילעכע, האָפֿערדיקע און אויך אומעטיקע, אויס־זיכטלאָזע. פֿול מיט זיכערקייט און אָפּטימיזם איז געווען די יוגנט, אָבער גאַנץ אָפֿט האָבן אין זייערע רייד אָפּגעקלונגען ווייטיק און צער. איך דערמאָן זיך דאָס אַלץ, אָבער גיב זיך אָפּ אַ חשבון, אַז עס איז אוממעגלעך דאָס אַלץ צו באַשרייבן. עס איז אַ פֿילפֿאַרביקע פּאַנאָראַמע פֿון אַ לעבן, וואָס דאַכט זיך: אָט האָסטו דאָס אַזוי ווי אויף דער דלאָניע, אָט רינט עס אויס צווישן די פֿינגער. איך וועל דעריבער פּרוּוון אין די ראַמען פֿון מײַנע מעגלעכקייטן, דערציילן בלויז אייניקע דערינערונגען, וואָס איך געדענק פֿון דעם אַמאָליקן פּשעדבאָזש און וועגן זיך אַליין, וועט זיך במילא שאַפֿן דאָס יזכור־בוך צום אָנדענק פֿון אונדזער גרויזאַם־אומגעבראַכט שטעטל, פֿון דער הייליקער עדה יידן, פֿון זייערע שטרע־בונגען, חלומות און האָפֿענונגען; דאָס יזכור־בוך, וואָס דאַרף זיין אַן אָנדענק פֿאַר די קומענדיקע דורות נאָך אונדזער גרויסן און הייליקן אַמאָל.

אַ בריק האָט פֿאַראייניקט ביידע טיילן: פּשעדבאָזש און ווידאמע. אין ווידאמע איז האַרט ביים וואַסער געווען דער בית־עולם און קעגנאיבער, אויף דער צווייטער זייט, האָט זיך געפֿונען דאָס הויז, וואָס איז שוין געווען אַ האַלבע

חורבה, וויסט און פאַרלאָזט און מען האָט עס גערופן דאָס פאַרשאָלטענע הויז. נאָענט ביים וואַסער איז געשטאַנען דעמסקיס הויז און אין שכנות איז אויך געווען די אַפּטייק. עטוואָס ווייטער איז געווען דאָס שיל־געסל. דער קינסטלערישער אויסזען פון דער שיל האָט צוגעצויגן פיל באַזוכער און די יידן אין שטעטל האָבן געהאַט וועגן איר צו דערציילן אַן אַ שיעור מעשיות. מיין מוטער האָט מיר דערציילט וועגן אַ שריפה, וואָס איז אויסגעבראָכן אין דער שיל און אַלע יידן פון שטעטל זענען געקומען לעשן דאָס פייער. אויפן דאַך פון דער שיל האָבן פייגל געפלעגט מאַכן זייערע נעסטן. ווען עס איז אויסגעבראָכן די שריפה, זענען זיי נישט אַנטלאָפן, נאָר האָבן געהאָלפן לעשן דאָס פייער... און זייערע שנאָבלען האָבן זיי אָנגענומען דאָס וואַסער און געפלויגן דערמיט אַהין און צוריק.

אין די קליינע געסלעך אַרום דער שיל און בית־המדרש זענען די הייזלעך געווען געדיכט באַוווינט. עס איז געווען אַ קליינער מאַרק און אַ גרעסערער, וווּ יעדן דינסטיק פלעגן די סוחרים און קרעמער אַרויסשטעלן זייערע סטראַגאַנעס און ביידלעך. ביי די ראַנדן האָבן די פויערים פון די אַרומיקע דערפער אויסגעשטעלט זייערע פורן מיט פאַרשידנערליי תבואות, פּרוכטן, מילך, פּוטער, קעז, אייער.

אַרום דעם מאַרק האָבן געוווינט סוחרים און בעלי־מלאכות. אין די סטראַגאַנעס און ביידלעך האָט מען געקענט באַקומען פון אַ קנעפּל און שוכבענדלעך, ביז אַ גוט אויפגענייטן פויערישן אַנצוג, מאַנטלען, שיך און שטיוול, פאַרשידענע לייוונטן און שטאָפן און בכלל וואָס עס איז נויטיק פאַר אַ פויערישער ווירטשאַפט. אָט די מאַרק־טעג האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אין ווירטשאַפטלעכן לעבן, אין דער עקזיסטענץ פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין די מערק־טעג האָט מען געקענט זען יונגעלייט און עלטערע יידן, וועלכע האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן די פויערישע וועגלעך, געטאַפּט אויפן וואָגן אַ זעקל ווייץ אָדער קאָרן. יידענעס האָבן איינגעהאַנדלט אייער, אַ הין, געבלאָזן אויף איר צו וויסן, צי זי איז גענוג פעט. פון דער צווייטער זייט, ביי די סטראַגאַנעס, האָט מען געהערט אנגיין דעם האַנדל מיט די פויערים און פויערטעס ביים איינקויפן זייערע נויטיקע אַרטיקלען. דאָ האָט מען געהערט קלאַפּן אַ האַנט אין אַ האַנט ביז מען איז געקומען צו אַן אויסגלייך. אַזוי איז אָנגעגאַנגען דער טומל ביז אין די נאַכט־שעהן.

דער וואלד

פון דער טומאה גאַס האָט זיך געצויגן אַ וועג צום ראַדאָשיצער וואַלד. דורך דעם וואַלד זענען אַממיינסטן געפאָרן חסידים צום ראדאשיצער רבין. דער וואַלד

איז געווען ווייט פון דער שטאָט און צוליב דעם איז ער געווען ווייניק באַזוכט פון דער יוגנט.

פון דער טומאה־גאַס דורך דער פּאָטשטאָווע האָט זיך געצויגן דער וועג צום קינסקער וואַלד, וועלכער איז געווען ווי אַ טייל פון לעבן פון דער יוגנט אין שטעטל, האָט געשפּילט אַ וויכטיקע און פּאָזיטיווע ראָל אין לעבן פון אונדזער דור, האָט אויך בייגעשטייערט צו דער גייסטיקער און פיזישער אַנטוויקלונג פון דער יוגנט. אַהין זענען געקומען קינדער פון חדר און פון די שולן, אין ל״ג בעומר און אַנדערע ימים־טובים און אויך אין געוויינלעכע זומערדיקע פאַר־נאַכטן. אין וואַלד האָט די יוגנט געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו באַגעגענען, זיך צו באַפריינדן און זיך צו פילן ווי איין גרויסע משפּחה.

דער וואַלד האָט מיט אַ כישוף־קראַפט געצויגן די מענטשן פון די שטובן און באַזונדערע לאָקאַלן צו זיך. דער וואַלד איז געווען גאַסטפריינטלעך צו אַלע אָן אונטערשייד. ער איז געווען נאָענט, ממש אַזוי ווי ביי דער טיר. מען האָט נישט געדאַרפט פּלאַנירן, גרייטן זיך צו גיין דאָרט. די פיס האָבן אויטאָמאַטיש געפירט אַהין, אַזוי ווי צו אַ צווייטער היים, אַ מער רחבותדיקע, און עס איז נישט געווען קיין איינער פון די יוגנטלעכע אין פשעדבאָזש, וואָס זאָל נישט זיין באַקאַנט מיטן וואַלד, מיט די יונגע ביימלעך ווי מיט די הויכע סאָסנעס. דאָ האָט חברה זיך אַמבעסטן געפילט און דער וואַלד האָט געהאַט אַ סך צו דערציילן, וועגן אָפענע פריילעכע טעג און אויך וועגן סודות פון פאַרליבטע און פאַר־בענקטע פּאָרלעך. נישט איין פּאָרל האָט אין דער סודותדיקער שטילקייט פון דעם קינסקער וואַלד אָנגעהויבן בעסער זיך פאַרשטיין, דערקענען און זיך צו־געוווינען צום נייעם קלאַנג און ריטם פון זייערע הערצער.

ביים אַריינגאַנג אין וואַלד איז געשטאַנען אַ געוועלבל ווו מען האָט פאַר עטלעכע פּאָר גראָשן געקענט קויפן אַ קאַלטן טרונק און עפּעס צו דערקוויקן זיך דאָס האַרץ. פון דעם וואַלד האָט מען אויך געפלעגט ברענגען שוואָמען און יאַגדעס און אויך טרוקענע צווייגלעך צום ברענען.

באַזונדערס לעבהאַפטיק איז דער וואַלד געווען שבת נאָכמיטאָג, ווען די מענטשן פלעגן זיך אַרויסלאָזן אויף אַ שפּאַציר מיטן קינקצער וועג ביז אין וואַלד אַריין. אין די דאָזיקע שעהן פלעגן שפּאַצירן יונג און אַלט. דער וואַלד מיט די קילע ווינטלעך, לופטיקע ריחות און גרינע ווייטקייטן האָט דערציילט, אַז די וועלט איז פּרעכטיק, אַז זי איז באַשאַפן געוואָרן צו געניסן פון לעבן. ווען עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט, זענען די עלטערע מענטשן, פאַרפּעלקער מיט זייערע קינדער, געגאַנגען אַהיים, אָבער די יוגנט איז פאַרבליבן ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהן און זייער געזאַנג האָט אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן וואַלד. עס פלעגן דאָ

אויך פאָרקומען לעקציעס און דיסקוסיעס אויף קולטור־געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע טעמעס. די דאָזיקע דיסקוסיעס האָבן דעם וואַלד "פּאַריידישט", געניי ווי ער האָט אונדז פאַרמענטשלעכט, אַוועקגענומען דעם קאָמפּלעקס פון אָפּ־געזונדערטקייט און פאַרשטאַרקט דאָס געפיל, אַז מיר זענען אַ טייל פון אַלע מענטשן. דער וואַלד איז געווען פריינטלעך, צוגעלאָזן און הפקרדיק, ווי ער וואָלט צו קיינעם נישט באַלאַנגט און איינגעלאַדן יעדן זיך צו פילן ווי ביי זיך אין הויז. אפילו די גויים, וועלכע האָבן געוווינט אין שכנות פון וואַלד, האָבן געהאַט פאַרשטענדעניש פאַר אונדזער "חזקה" אין וואַלד און אַרויסגעוויזן גאַסט־פריינטלעכקייט, ווען מען איז צוגעקומען צו זייער הויז אָדער אַ ווירטשאַפט און מען האָט געקענט ביי זיי באַקומען פרישע מילך, שוימיקע, וואַרעמע "גלייך פון אונטער דער קו".

גייענדיק צוריק פון וואַלד, אויף דער צווייטער זייט קינצקער וועג, האָבן זיך געצויגן פעלדער מיט קאָרן־און ווייץ־זאַנגען, צווישן וועלכע עס האָבן אַרויס־געשיינט די רויטע מאָן־קעפּלעך, כאַברעס און גאָזשדזשיקעס און קינדערלעך פלעגן זיי אָפּרייסן און ברענגען אַהיים אין די שטובן. דאָ האָט זיך אויך געפונען דער קוואַל, פון וועלכן מען האָט געברענגט פריש וואַסער, וואָס איז באַזונדערס אָנגענעם געווען אין שבת, נאָך אַ פעטן טשאָלנט.

סעדער

עטוואָס ווייטער האָבן זיך געצויגן די סעדער, וועלכע יידן פלעגן אָפּדינגען אויף אַ גאַנצן זומער. דאָ האָבן אויך געוווינט מיינע עלטערן אין דער שטאָקיקער געביידע ביי טורנעם, וווּ עס האָבן געוווינט איבער צוואַנציק משפחות, מערסטנס שניידער.

מיין פאָטער ישראל־וואָלף גערשאנאָוויטש, אַ זון פון רבקה נאכע, האָט אויך ליב געהאַט דעם וואַלד, כאָטש ער האָט אַזוי ווייניק צייט געהאַט צו געניסן פון אים. דאָס זעלבע אויך מיין מוטער לאה, די טאָכטער פון פסח ליכטנשטיין, וועלכן מען האָט גערופן פסחל דעם מעקלערס. פיל מער האָבן פונעם וואַלד גענאָסן די קינדער, מיינע שוועסטערס: גיטל, קענדל, הענדל און איך, צערקע. אפילו ווען איך האָב שוין געוווינט אין לאָדזש, בין איך אָבער אָפּט געקומען קיין פּשעדבאָזש און ווען עס איז נאָר געווען אַ מעגלעכקייט, בין איך אַוועק שפּאַצירן מיט מיינע חברטעס אין וואַלד.

אין אונדזער הויז האָט אויך געוווינט די משפחה מיעדזשינסקי. מען האָט זיי גערופן די ציבוליאזשעס. זי איז געווען מיין מוטערס אַ שוועסטער, קינדערלאָז. ביידע האָבן לויט זייערע מעגלעכקייטן באַמיט זיך צו העלפן אַנדערע. מיין מומע

האָט געהאַט אַ מנהג, אַז יעדן פרייטיק האָט זי פונאַנדערגעטראָגן צו פאַרבאָרגענע אָרעמעלייט חלות, פיש און פלייש, זייער שבת זאָל נישט זיין קיין פאַרשטערטער. געטון האָט זי דאָס בסודי־סודות, אַז קיין פרעמד אויג זאָל דאָס נישט באַמערקן און די מענטשן זאָלן נישט פאַרשעמט ווערן. אַזעלכע זענען זיי געווען, טייערע און האַרציקע יידישע מענטשן, גוטע און ליבע יידן פון פשעדבאָזש, וואָס זענען פאַרטיליקט און פאַרניכטעט געוואָרן דורך די נאַצישע רוצחים. איך, איינע פון די, וועלכע עס איז געלונגען צו ראַטעווען זיך פון דעם גרויסן אומקום, האַלט פאַר מיין חוב צו פאַרצייכענען כאָטש עפּעס פון זייער לעבן און דערמיט זיי שטעלן אַ באַשיידענע מצבה.

אונדזער הויז איז געשטאַנען נישט ווייט פונעם טייך און איך האָב שטאַרק ליב געהאַט צו שפּילן זיך ביים וואַסער. אין מיין געמיט האָט זיך דערפאַר אַזוי שטאַרק איינגעקריצט די נאַטור־שיינקייט, דער זון־אונטערגאַנג, ווען מיין קינדיש האַרץ איז געוואָרן דורכגענומען מיט דער אַרומיקער שיינקייט. ס'איז געווען אַ תענוג צו קוקן אויפן שטילן ריינעם וואַסער פונעם טייך. באַזונדערס שיין זענען געווען די פאַרנאַכטן, ווען די זון האָט זיך געטונקען אין די פלאַמען פון שקיעה און די שאָטנס פון דיביימער האָבן זיך געלייגט איבערן טייך. דאָס זענען אומ־פאַרגעסלעכע מינוטן און שעהן.

אַן אַנדערן אויסזען האָט דאָס שטעטל געהאַט אין די ווינטער־חדשים. עס האָט זיך דעמאָלט געענדערט אויך אונדזער לעבנסשטייגער. מען האָט זיך שוין דעמאָלט נישט געקענט שפּילן ביים טייך, פלעגן מיר, קינדער דעמאָלט אַריינגיין אין פּיניע בעקערס בעקעריי. זיין טאָכטער איז געווען מיין נאָענטע חברטע און יעדן טאָג, נאָכן פרישטיק, זענען מיר צוזאַמען מיט נאָך קינדער אַרויף אויפן פּיעקעליק, ווו עס איז געווען מחיהדיק וואַרעם און מיר האָבן זיך דערציילט פאַרשידענע מעשהלעך, וואָס מיר האָבן געהערט פון דערוואַקסענע און אויך אַליין צוגעטראַכט. דערצו זענען אויפן פּיעקעליק געלעגן אָן אַ שיעור נאַשוואַרג, עפּל, פלוימען און צוקערוווקעס, וואָס די באַלעבאַטים האָבן איינגעקויפט אין די זומער חדשים, זיי צעשניטן, אַריינגעלייגט אין זעק, צוגעניית זיי און אַוועקגעלייגט אויפן פּיעקעליק צום טרוקענען. ווינטער האָט מען פון דעם געמאַכט פאַרשידענע מאכלים. מיר, קינדער, האָבן געמאַכט לעכער אין די זעק, אַרויס־געצויגן פון די געשמאַקע זאַכן און דערמיט זיך דערכאַפּט דאָס האַרץ.

ווען דער בעקער האָט אַרויסגענומען פון אויוון די פרישע זעמלעך און דאָס פרישע ברויט האָט ער געפלעגט אַרויפשרייען צו אונדז:

„קינדערלעך, גענוג געזעסן ליידיק, קומט אַראָפּ און לייגט אַרויף די זעמל מיטן ברויט אויף די פּאָליצעס".

דערפֿאַר האָבן מיר יעדן טאָג געקריגן אַ וואַרעם און זיס זעמעלע, וואָס האָט געהאַט טויזנט טעמים.

שבת אין שטעטל

גאָט האָט געגעבן די יידן אַ טייערע מתנה און איר נאָמען איז שבת, און יידן אין פּשעדבאָזש האָבן זיך זייער געפֿרייט מיט דער דאָזיקער מתנה. אַלע האָבן זיך געפֿילט דערהויבן אין דעם טאָג. מען האָט געלעבט מיטן שבת אַ גאַנצע וואָך. אַ האַלבע וואָך האָט מען זיך געגרייט צום שבת און אַ האַלבע וואָך איז נאָך געלעגן דער טעם פֿון שבת אין מויל, אין די ביינער, אין דער נשמה.

פֿאַר צוויי זאַכן האָבן זיך יידן אין פּשעדבאָזש פֿאַרמשכונט, צו באַצאָלן שכר לימוד פֿאַר די קינדער און צו פּראַווען שבת און יום־טוב אויפֿן יידישן שטייגער. שוין דאָנערשטיק האָבן מאַמעס גענומען אַריינברענגען דעם שבת אין שטוב, געבאַקן, געקאַכט, גערייניקט די שטוב און דער ריח פֿון די שבתדיקע מאכלים האָט שוין אָנגעהויבן שמעקן אין שטוב. פֿרייטיק פֿרי האָבן די שטעטלשע בעלי עגלות געברענגט פֿולע פֿורן מיט יידן צוריק אַהיים אויף שבת, די וואָס זענען צוליב זייערע געשעפֿטן געווען אַוועק פֿון דער היים, אין דאָרף אָדער אין אַ דערנעבנדיק שטעטל. שבת האָבן זיי געמוזט זיין מיט זייערע ווייבער און קינדער אין דער אייגענער היים. טאַטעס מיט קינדער זענען געגאַנגען אין מרחץ מיט אַ שעפֿעלע און אַ בעזעמל און ריינע וועש לכבוד שבת. אַוועק די דאגות און צרות און די וואָכעדיקייט. מאַמעס האָבן געצוואָגן, געוואַשן די קינדער און זיך געאיילט, דער שבת איז שוין ביי דער טיר און מען איז נאָך נישט פֿאַרטיק. אַלץ איז דורכגענומען געוואָרן מיט קדושה — דער הייליקער שבת קומט אָן.

אין שטוב האָבן פֿרייטיק־צו־נאַכטס געברענט אַלע לאָמפּן, אויפֿגערוימט. די טישן זענען געווען געגרייט, באַדעקט מיט ווייסע טישטוכער, די שבתדיקע לייכטער מיט די ליכט, וואָס מאַמעס האָבן געבענטשט, זענען געשטאַנען אינמיטן טיש. צוויי חלות מיט ווין האָבן באַצירט דעם טיש.

דער טאַטע איז צוריקגעקומען פֿון בית המדרש, איז אַריין אין שטוב מיטן ברייטן גוט שבת. פֿאַרלייגט די הענט אויף הינטן, האָט ער ברייטלעך אָנגעהויבן שפּרייזן איבערן צימער, געזאָגט: "שלום עליכם, מלאכי השרת..." דערנאָך האָט ער געזונגען "אשת חיל מי ימצא". קיין סימן פֿון די וואָכעדיקע דאגות און צעבראָכנקייט. די ניי־מאַשין איז געווען פֿאַרדעקט. עס איז שבת־קודש.

די מאַמע, וואָס אַ גאַנצע וואָך איז זי געווען פֿאַרצאָרנט פֿונעם שווערן לעבן, איז איצט געווען אַן אויסגעוואַשענע אַן אויסגעפּוצטע אין די שבתדיקע

קליידער. מיט שיינענדיקע אויגן האָט זי געקוקט אויפֿן טאַטן ווי ער האָט געמאַכט קידוש. זי האָט דערלאַנגט די שבתדיקע מאכלים און דער טאַטע האָט געזונגען זמירות, מיט די ניגונים, וואָס ער האָט געירשנט פֿון זיין טאַטן און זיידן.

דער ארויספאָר פון שטעטל

אין איינעם אַ טאָג האָבן אונדזערע עלטערן צונויפֿגערופֿן די קינדער און גערעדט צו אונדז ווי צו דערוואַקסענע, דערציילט, אַז עס איז שווער מיט פּרנסה, דער טאַטע קען בשום אופֿן נישט דערנערן זעקס נפשות און דערפֿאַר האָבן זיי באַשלאָסן איבערצוציען זיך קיין לאָדזש, ווו די קינדער וועלן זיך קענען אויס־לערנען פֿאַכן, אַרבעטן און העלפֿן אין דער פּרנסה.

דאָס איז געווען איינע פֿון די טיפֿסטע איבערלעבענישן. איך האָב זיך געפֿילט צוגעבונדן צום שטעטל, צום טייך, צום וואַלד און צו מיינע חברטעס. מיר איז שווער געווען צו באַנעמען פֿאַרוואָס מיר מוזן אַוועק פֿון שטעטל, ווו מיר זענען אַזוי צוגעבונדן צו די מענטשן. איך בין דעמאָלט אַלט געווען אינגאַנצן זיבן יאָר.

אָנקומענדיק קיין לאָדזש האָב איך אָנגעהויבן צו גיין אין שול. מיינע עלטערע דריי שוועסטערס זענען געגאַנגען לערנען זיך פֿאַכן. די בענקשאַפֿט צום שטעטל איז געווען אומגעהויער גרויס און מיר האָבן זיך געפֿרייט מיט די סוחרים, וועלכע זענען געקומען פֿון פשעדבאָזש איינקויפֿן סחורה און האָבן זיך ביי אונדז אויפֿגעהאַלטן, געגעסן און געשלאָפֿן.

ווען די טעכטער זענען אונטערגעוואַקסן האָבן אונדזערע עלטערן געטראַכט פֿון נעמען איידעמס נאָר פֿון פשעדבאָזש. מיין עלטסטע שוועסטער גיטל האָט חתונה געהאַט מיט זיינוול געלצמאַן, דעם הויכן יאָסלס זון. ביי זיי זענען געווען צוויי קינדער: חיים און הילל. די צווייטע שוועסטער קענדל האָט חתונה געהאַט מיט מאָטל דאווני, זיי האָבן געהאַט דריי קינדער: חיים, איטשע און רבקה׳לע. די דריטע שוועסטער הענדל האָט געהאַט 2 קינדער, וועמענס נעמען איך געדענק נישט. זי האָט חתונה געהאַט מיט מאָטל פוקס, וועמענס עלטערן האָבן געהאַנדלט מיט מילך. אויך מיין מאַן, מרדכי גורשטיין, עמנואל בעקערס זון, איז אַ פשעדבאָזשער.

יעדן זומער פֿלעג איך פֿאָרן צו מיינע שוועסטערס קיין פשעדבאָזש, געטראָפֿן זיך מיט קרובים און באַקאַנטע. אין יאָר 1939 בין איך געפֿאָרן מיט מיין 3־יאָריקן זון אויף אָפּרו. פֿאַר מיר איז נישט געווען עפּעס אנגענעמערס ווי פֿאָרן מיטן קינד אין וואַלד אַריין. אַוועקגעשטעלט דאָס וועגעלע אונטער אַ בוים און געלייענט אַ בוך. אַרום איז געווען שטיל. פֿון צייט צו צייט איז די שטילקייט איבער־

געריסן געוואָרן דורכן שאָרכן פון די וויעוויורקעס. דאָס געזאַנג פון די פייגל האָט ממש פאַרשיכורט.



מיין מאַמע לאה וואַלד־גערשאנאָוויטש און מיין שוועסטער קעינדל דאוונער (פון דערהיים גערשאנאוויטש). זיי זענען אומגעקומען אין טרעבלינקע צוזאַמען מיט דער גאַנצער עדה פשעדבאָזשער יידן.

בלויז זכרונות זענען געבליבן פון יענעם שיינעם לעבן. נישטאָ מער דאָס יידישע פשעדבאָזש. נישטאָ די יידן, די יידישע קויפער און פאַרקויפער, דער לעבידיקער הר־האַ און די חלומות און בענקענישן. אַלץ איז פאַרשטומט געוואָרן אויף אייביק.



שרה האַמער־דזשאַקלין

א חתונה אין פשעדבאָזש

א גאַנצע וואָך האָבן מיר זיך געגרייט צו פֿאָרן אויף דער חתונה קיין פשעדבאָזש. מײַן מאַמעס שוועסטער, דבורהלע, און איר מאַן, זונדל טענענבוים, האָבן חתונה געמאַכט זייער עלטסטער טאָכטער לאהלע מיט דעם מורה־הוראהס זון, וואָס זײַן ייחוס האָט זיך געצויגן פֿון אַ לאַנגער דורותדיקער גזע רבנים.

זונטיק פֿרי זענען מיר אײַנגעשטיגן אין דער אָנגעפּאַקטער בויד מיט פּאַסאַזשירן. דער פֿורמאַן, הערשל קורנאָסע, האָט געהאַט צוגעגרייט אַ באַזונדער אָרט פֿון פֿאָרנט פֿאַר מײַן מאַמען מיט אירע צוויי קינדער. דער טאַטע האָט אונדז אַרויסבאַגלייט. ס'איז געוואָרן אָפּגעשמועסט, אַז צוליב זײַנע געשעפֿטן וועט ער ערשט קומען איז טאָג פֿון דער חתונה. דער בעל עגלה האָט אַ צי־געטאָן די לייצעס, אַ געשריי געטאָן: — וויאָ, וויאָ, שקאַפּעלעך! און גלייך האָט זיך די בויד געהוידעט איבער די נאָוואָראַדאָמסקער ברוקירטע גאַסן. מיט אַ צען־פֿופֿצן מינוט שפּעטער זענען מיר שוין געווען הינטער דער שטאָט. מיר זענען פֿאַרבײַגעפֿאָרן דעם בית־עולם. מײַן מאַמע האָט געקוקט אַהין מיט פֿאַרטרערטע אויגן. האָט זי דאָך ערשט נישט לאַנג באַגראָבן איר איין־און־איינציק אויסגעבעטן ייִנגעלע. אָבער איך און מײַן ייִנגערע שוועסטער, חיהלע, זענען געווען מלא שמחה.

פֿון דער איבערגעלאָדענער פֿרייד האָבן מיר זיך געשטיקט פֿון געלעכטער. און הינטערווײַלעכץ זיך געקניפּט און געפּאַטשט. אַז די מאַמע האָט געזען, אַז איר מוסר־זאָגן העלפֿט נישט, האָט זי אונדז פֿונאַנדערגעטיילט און אַליין האָט זי זיך געזעצט אין מיטן.

ס'איז געווען אָנפֿאַנגזומער. דער טאָג אַ מילדער. פֿון העל־בלויען הימל שײַנט די זון און וואַרפֿט מיט גאָלד אויף די גרינע פֿעלדער. אָט שווימט פֿאַרבײַ אַ טײַכל מיט ווײַסע קאַטשקעס. אַ פּאַסטעכל פֿירט די שאָף אויף פּאַשע, אַ ווינטמיל דרייט זיך. אין הילצערנער בודע שטייט אַ יויזל. אַ פּויער נעמט אַראָפּ דאָס היטל. קניט און צלמט זיך. די ביימער זענען צעבליט. אויף אַ סך זענען שוין אָנגעוואַקסן

ציייטיקע פירות. די ברוינע אויסגעדאַרטע פערד שפאַנען פאַמעלעך אויף דער ווייכער ערד. אַלע ווײַלע טוט דער פורמאַן אַ קנאַק די בייטש, מיט אַ „וויאָ, שקאַפּעס!". אַ קורצע ווײַלע נעמען זיי לויפן גיך, און ס'הייבט זיך אויף אַ כוואַליע שטויב. די ווייבער דערציילן זיך מעשׂיות, מענער רעדן פון מסחר, דערביי קייעט מען געשמאַקע עסנס, וואָס מען נעמט אַרויס פון פאַפּירענע טאָרבעלעך. די פינף שעה יאַזדע זענען שוין באַלד געענדיקט, מען זעט שוין פון ווייטנס דעם שפּיץ פון קלויסטער.

מיט אַ צען מינוט שפּעטער שלייכט זיך אַרויס דאָס שטעטל, וואָס ליגט צוקאָפּנס דעם גרויסן טייך. איין זייט שטעטל ליגט פאַרזונקען אין טאָל. די צווייטער זייט איז הויך און בערגלדיק. ס'ציט זיך אַ לאַנגע קייט קאָלירפולע הייזעלעך מיט שטרויענע דעכער, אַנדערע מיט בלעכענע, וואָס וואַרפן מיט גאָלדענע שטראַלן פון דער פלאַמיקער זון. די בויד בלייבט שטיין אין מיטן מאַרק ביי דער איינציק גרויסער קאַמעניצע מיט אַ באַלקאָן. אַלע אין שטעטל ווייסן, אַז דאָ וווינט זונדל טענענבוים, דער דאָזאָר און נגיד, וואָס מאַכט חתונה זיין טאָכטער לאהלע.

מיר שטייגן אויס. אַרום דער בויד שטייען געדיכטע רעדלעך מיט ווייבער מענער און קינדער. אויפן באַלקאָן שטייט די מומע דבורהלע מעט דער הלי׳, און קוקן אַרונטער. עמעצער רופט אויס: דבורהלע, אינס שוועסטער מיט די קינדער זענען געקומען!

***

אין הויז ביי מיין מומען און פעטער קאָכט ווי אויף אַ יאָרמאַרק. ווייבער פליקן הינער, ס'פליען פעדערן. ביי אַ לאַנגן טיש שטייט דער סאַרוועך און קנעט אויס אַ פלאָדן, לייגט אויס אין בעקן אַ לעקעך. אַ יידענע פלעכט חלות, אַן אַנדערע שניידט לאָקשן. די גרויסע קיך האָט צוויי אויוונס — איינעם אויף צו באַקן, דעם צווייטן אויף קאָכן. אַ ייד מיט אַ קורץ געשוירן שוואַרץ בערדל, אין אַ ווייסן שירץ, רוקט בעקנס אין אויוון אַריין. אויף דער צווייטער זייט איז איינגעמויערט דער קאָכאויוון, וואָס איז באַהאָנגען פון דרויסן מיט מעשענע פאַנען און שטיינערנע טעפּ, וואָס פינקלען פון פוצן, ווי זילבער. אין די פייער־רייפן זיצן גרויסע טעפּ און קאָכן פליישן און יויכן, מען פרעגלט איינגעמאַכטס. איבער דעם הויז טראָגט זיך אַ באַטעמטער ריח פון פליישן און געבעקס. עס איז אַ קיך — אַ פאַבריק. די הויפּט־מחותנתטע, מיין מומע דבורהלע, דרייט זיך דאָ אַרום און האַלט אויף אַלץ אַ וואַכיק אויג. זי איז העכער פון מיטעלן וווקס, אַ דיקע, מיט אַ הויכן בוזעם, אויף וועלכן עס זיצט אַ גאָלדענע בראָשקע מיט אַ זייגערל. דאָס ברוינהאָריקע שייטל איז פאַרקעמט אין אַ הויכער פאָמפּאַדור.

איר פּנים איז בלייך, אָבער אין די באַקן שטייט אַלע מאָל אַ רויטליכע פֿאַרב. אָנגעטאָן איז זי אין אַ גרין זיידן קלייד מיט אַ ווייס קליין שירצל. אויף די היפּטן הענגט אַ בונד מיט שליסלען. זי האַלט איר באַלעבאַטישקייט אונטער שלאָס און ריגל, זי האַנדלט און דינגט זיך מיט די ווייבער, וואָס האַלטן אין איין ברענגען כלערליי זאַכן. אויף אַ טישל, לעבן פֿענצטער, שטייט אַ מעשענע וואָגשאָל. די מומע דבורהלע מעסט און וועגט אַלץ איבער. זי איז אין אַ כּסדרדיקער מורא, אַז אַלע ווילן זי אָפּנאַרן. איידער זי באַצאָלט, וועגט זי איבער די מינדסטע קלייניקייט און קוקט בשעת־מעשה אויף דער אָרעמער פֿאַרקויפֿערין מיט אַ פֿאַרמאַכט לינק אויג, די נאָזלעכער פֿאַרציִען זיך ביי איר אויף אַרויף, בשעת דאָס רעכטע, אָפֿענע אויג שפּיזלט דורך די פֿרעמדע. אַלע ווײַלע קוקט זי אַריין אין די טעפּ, הייבט אויף אַ שטאַרצל, שעפּט אָפּ מיט אַ הילצערנעם לעפֿל אַ ביסל יויך, פֿאַרזוכט און מאַכט דערביי אַ זויערע מינע, הייסט צושיטן זאַלץ פֿעפֿער און פּיעטרושקע. קיינער טאָר זיך איר נישט שטעלן אַנטקעגן. זי איז דבורהלע, טענענבוימס ווייב, די דאָזאָרקע און גרעסטע נגידתטע, וואָס גיט צדקה. ווייבער קומען ביי איר עצות פֿרעגן. זי ווייסט בעסער און איז קליגער פֿון אַלע ווייבער אין שטאָט...

אָרעמע ווייבער נייגן זיך פֿאַר איר מיט גרויס חניפֿה און ווינטשעוואַניעס. אין אַ זייטיקן חדר זיצן די שניידערקעס און נייען דעם אויסשטייער, וואָס איז שוין באַלד פֿאַרטיק. מען נייט נאָך צו קנעפּלעך און העקלעך. לאהלע, די כּלה מיט די ברוינע אויגן און שוואַרצע לאַנגע צעפּ, איז מיד פֿון מעסטן. זי האָט שוין יעדעס קלייד און שובע געמאָסטן עטלעכע מאָל און וויל זיך גערן אָפּרוען, בעסער גיין שפּאַצירן און זיך סודען מיט איר חברטאָרינס. אָבער, אַז די מאַמע הייסט מעסטן נאָך אַ מאָל און איבער אַ מאָל, פֿאָלגט זי, טוט יענערס ווילן אָן ווידערשטאַנד.

דאָס רחבותדיקע הויז איז נאָך פֿאַרגרעסערט געוואָרן. מען האָט צוגעבויט דריי נייע שטובן — איינע פֿאַרן יונגן פּאָרפֿאָלק, די אַנדערע צוויי וועלן דינען ווי אַן אַכסניה פֿאַר געסט און משפּחה, וואָס זענען געקומען צו פֿאָרן צו דער חתונה. דאָ, אין דער קאַמעניצע, וועט אויך געפּראַוועט ווערן די חתונה, אין דער גרויסער סאַליע וועט מען טאַנצן.

מיין מאַמע וויל העלפֿן, אָבער איר שוועסטער לאָזט נישט. זי פֿילנעוועט איר כּסדר, טראָגט איר אַלע ווײַלע צו אַ מאַראַנץ, אַ שטיקל הון, אַ ביסל איינגעמאַכטס און הייסט איר גיין בעסער שפּאַצירן. די צוויי שוועסטער האָבן זיך שטאַרק ליב, כאָטש זיי זענען אַזוי פֿאַרשידן אין זייער אויסזען און אויך אין כאַראַקטער. מיין מאַמע איז אַ שטילע, אַן איידעלע און קאָן קיין הויך וואַרט

נישט אויסרעדן. זי איז ייִנגער פֿון איר שוועסטער מיט צען יאָר, איז דין, פֿון נידעריקן וווּקס, מיט גרויסע שוואַרצע אויגן און אַ בלייך פּנים. זי קוקט אויף דער עלטערער שוועסטער מיט דרך־ארץ און ליבשאַפֿט.

⁂

יום־טובֿדיק האָט אויסגעזען דאָס שטעטל אין טאָג פֿון דער חתונה. אַ לויטערער בלויער הימל. די זון שיט מיט זשמעניעס גאָלד. שוין באַצייטנס האָבן אָנגעהויבן קומען אָרעמע לייט, וואָס האָבן זיך אָנגעגעסן מיט אַ חתונה־מאָלצייט מ׳האָט זיי נאָך צוגעגעבן ווייסע בולקעלעך, וואָס זיי האָבן געשטופּט אין די טאָרבעס אַריין.

די כלי־זמרים האָבן אָנגעסטראָיעט זייערע פֿידלען מיט די באַסן. דער מאַרשאַלעק דרייט זיך אַרום. ער איז אָנגעטאָן אין אַ לאַנג, געהאַקט זשופּיצל מיט אַ זיידענעם קאַפּל און שיט שוין באַצייטנס מיט משלים און נימשלס.

ס׳פֿאַלט צו די נאַכט. די חתונה הייבט זיך אָן. די גרויסע סאַליע איז געפּאַקט מיט געסט. די כלה זיצט אויבן־אָן. אויף אַ הויכן גרינעם, פּליושענעם שטול. ס׳ווייסע קלייד מיטן שלעפּ און לאַנגן וועלאָן ליגט אויסגעלייגט אַרום איר. ס׳בלייכע פּנים שיינט מיט איינגעהאַלטענער פֿרייד. די מחותנתטעס זענען אָנגעטאָן אין העלע זיידענע קליידער מיט שפּיצן, מיט ברייטע שטערנטיכער און הויכע קאָפּקעס. פֿון די העלדזער און פֿינגער בלאַנקט מיט פּערל און בריליאַנטן. די אָרעמע ווייבער, ווי אויך ווייטע קרובֿהס, זיצן שטיל אויף זײַטיקע בענק און קוקן צו ווי דאָס יונגוואַרג טאַנצט. כלה־מיידלעך אין ווייסע שיך, ווייסע קליידער מיט הימל־בלויע סטענגעס, פֿאַרפּלאָכטן אין לאַנגע צעפּ, טאַנצן אַ קאַדריל. דאָס קליינוואַרג אין ראָזעווע און ווייסע קליידלעך מאַכן זיך אַ באַזונדער רעדל און טאַנצן אויף אייגענער אחריות. איך דריי מיך אַריין צווישן די כלה־מיידלעך, כאַפּ אָן אַ האַנט און הוליע מיט, אָבער מיין גדולה געדויערט נישט לאַנג. די כלה־מיידלעך הייסן מיך גיין טאַנצן מיט די קינדער... די מאַנסלייט מיטן חתן זענען אָפּגעזונדערט, אין אַ זייטיקן חדר. די קאַפּעליע הערט אויף צו שפּילן די וואַלצן און פּאָלקעס. מען גרייט זיך צו דער חופּה... איידער מען פֿירט חתן־כלה צו דער חופּה, באַזינגט דער מאַרשאַלעק די כלה. מען זעצט זי אַוועק אויפֿן חתונה־שטול אין מיטן זאַל, און דער מאַרשאַלעק זינגט אויס מיט אַ טרויעריקן ניגון:

כלהשי, כלהשי, גרייט אָן אַ סך טרערן,
באַלד וועט מען דיך צו דער חופּה פֿירן,
אין טאָג פֿון דער חופּה, כלהשי, קינד,
ווערן פֿאַרגעבן אַלע זינד.

אַזוי ווי די האָר פון דיין קאָפּ ווערן אָפּגעשוירן,
אַזוי ווערסטו, כלהשי, ניי געבוירן...
די ווייבער וויינען און ווישן די אויגן מיט ווייסע נאָזטיכלעך.

באַלד נאָכן באַזינגען די כלה, פירט זי צו דער חופה. איך בין פול מיט דערוואַרטונג. איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען קיין חופה אונטער אַ פרייען הימל.

דער מורה־הוראה, ר' ישראל טאַמנוצער, מיט דער רביצין און זייער זון, דער חתן, וווינען אין שכנות מיט דער אַלטער שול, וואָס איר גלייכן איז נישטאָ אין גאַנץ קרוינפוילן. די שול איז געבויט געוואָרן אין אַלטן סטיל און שמט מיט אירע קינסטלערישע שניצערייען און אויסגעקאַרווירטן סופיט. פונעם פאָדערהויז פון דער אַלטער שול נעמען זיך אַרויסשיטן חסידים אין לאַנגע אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, הויכע שטריימלעך, יונגע לייט אין געהאַקטע זשופּיצלעך מיט פאות, סאַמעטענע און זיידענע היטלען. די חופה שטעלט מען לעבן דער שול. ס'זענען שוין דאָ פאַרזאַמלט אַלע געסט, מחותנים און מחותנתטעס מיטן גאַנצן שטעטל, וואָס איז געקומען זען די חופה. זיי שטייען אָפּגעזונדערט, קוקן מיט גרויס נייגער אויף דער רבנישער חתונה. די כלי־זמרים שפּילן אַ פריילעכס, די פידלען פאַרגייען זיך אין אַ געוויין, און באַלד רופט אויס דער מאַרשאַלעק:

— זאָל מען פירן חתן־כלה צו דער חופה!

די צוויי מחותנתטעס, די מומע דבורהלע און הינדעלע די רביצין, פירן די כלה אַרום דעם חתן זיבן מאָל. אַ גרייז־גרויער רב לייענט די כתובה. איבער דעם אַלעם הענגט אַ נאַכטיק בלויער הימל. די לבנה גיסט מיט זילבער. אויבן אין הימל פינקלען די שטערן אַראָפּ צו דער חופה און זעען אויס, ווי ליכטלעך וואָס זענען לכבוד חתן־כלה אָנגעצײַנדן געוואָרן. זייערע פלעמלעך מישן זיך אויס מיט די צעצונדענע קאָלירטע געפלאָכטענע ליכט אין די געהויבענע הענט. איך זע צוויי הימלען — איינער אויבן, איינער אונטן.

פון מיינע זעאונגען וועקט מיך אויף דאָס פריילעכע שפּילן: חתן־כלה, מזל־טוב. דעם חתנס מאַמע, הינדעלע, די רביצין, טאַנצט אַנטקעגן דעם פאָרפאָלק מיט אַ גרויסן געפלאָכטענעם קוילעטש. ווייבער קושן זיך מיט דער כלה און מיט די מחותנתטעס. יידן גיבן זיך אָפּ מזל־טוב. צוריק פון דער חופה צום זאַל גייט די קאַפּעליע פאָרויס. זי שפּילט אויף אַ "פריילעכס". דאָס קנאַקן פון די פויקן און זעצן פון באַראַבאַן וועקט אויף די עלטערע פאַרשלאָפענע מענטשן. אין די פענצטער צינדן זיך אָן ליכט און נאַפט־לעמפּלעך, וואָס קוקן אויס ווי לאַמטערנס. אַנטקעגן שטראָמט רואיק דער באָבריקער טייך און שפּיגלט אָפּ דעם זילבער פון דער קלאָרער לבנה. מען פירט חתן־כלה צוריק אין זאַל, וווּ

עס וואַרט אויף זיי די גאָלדענע יויך. ס׳גייען זיי נאָך מיט טאַנצנדיקע טריט די מחותנים, די משפחה, פריינד און ס׳שטעטל. ס׳גייען חסידים אין שטריימלעך, אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, סאַמעטענע און זיידענע היטלען, אַ ים מיט שטריימלעך.

אין גרויסן זאַל זענען שוין די טישן געגרייט פאַרן חתונה־מאָלצייט. די טישן זענען באַדעקט מיט ווייסע טישטעכער, אויסגעלייגט מיט זילבערנע גאָפּל־לעפּל־מעסער. אויף יעדן טיש שטייט אַ זילבערנע קאַנדעלאַברע. אין זייערע רערלעך ברענען צו זעקס ליכט. פון מיטן סופיט הענגט אַראָפּ אַ גרויסער הענג־לאָמפּ, מיט קרישטאָלענע צעפּלעך, וואָס וואַרפן מיט קאָלירן פון רעגן־בויגן. די געסט זעצן זיך אַרום די טישן. דער מאַרשאַלעק דרשנט, די כלי־זמרים גרימפּלען. די סאַרוועררס טראָגן זילבערנע טאַצן מיט יום־טובדיקע מאכלים. חתן־כלה האָט מען אַוועקגעפירט אין אַ באַזונדערן חדר, ווו זיי זענען צום ערשטן מאָל צוזאַמען און עסן די גאָלדענע יויך. מיט אַ מאָל ווערט עפּעס אַ געשריי, אַ געפּילדער אין קיך. איך זע, ווי מיין מוטער פאַרלאָזט דעם טיש, זי הייבט אונטער דעם שלעפּ פון איר העל־בלויען זיידענעם קלייד און לאָזט זיך גיין. איך גיי איר נאָך. דאָרט ווערן מיר געוווירר, אַז נעכע, די דינסט, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה צוזאַמען מיט די זילבערנע לייכטער און ספרים־שאַנק פון דער באָבען און זיידן און האָט די קינדער אויסגעכאָוועט, האָט על־פּי טעות אויסגעגאָסן אַ גרויסן טאָפּ יויך אויף די שמוציקע טעלער, וואָס זי האָט געוואַשן, געמיינט האָט זי, אַז דאָס איז דער טאָפּ מיט ריין הייס וואַסער. די מומע דבורהלע רייסט זיך ביים שייטל און וויינט, שרייט, זידלט און ספּאַזמירט. אָבער מיין מאַמע נעמט זי איין, אַז ערשטנס איז דאָ נאָך אַ טאָפּ יויך און, צווייטנס, מוז מען נישט טיילן גרויסע פּאָרציעס, זאָל מען אויסטיילן די יויך אין קליינע שעלעכלעך. ס׳איז דאָ געווג, טרייסט זי די שוועסטער.

נעכע איז איבער אַכציק יאָר. זי איז טויב, האַלב בלינד. זיצט זי איצט און וויינט אויף דעם גרויסן שאָדן, וואָס זי האָט געבראַכט. אָבער מיין מאַמע טרייסט זי און מאַכט אַ פשרה, אַז זי זאָל צוזאַמענעמען די קלענערע קינדער באַלד נאָך דער חתונה, זיי לייגן שלאָפן אין דער בוידעמשטוב און אויף זיי אַכטונג געבן.

דאָס חתונה־מאָלצייט איז געענדיקט, און ס׳הייבט זיך אָן דער כלה־טאַנץ. חסידים אין שטריימלעך און אַטלאַסענע קאַפּאָטעס טאַנצן מיט דער כלה. אַ חסיד האַלט אין האַנט אַ רויט טיכל, די כלה נעמט אָן דעם שפּיץ פון דער פּאַטשיילע. זיי דרייען זיך צום טאַקט פון דער קאַפּעליע. אַזוי איין חסיד נאָכן אַנדערן.

ס׳איז שוין געווען אין דער שפּעטער נאַכט, ווען מען האָט אויפגעשפּילט

דאָס מיצווה־טענצל. די מחותנטעס טאַנצן מיט דער כלה און טאַנצנדיק פירן זיי זי אָפּ אין אַ זייטיקן חדר. מיט געזאַנג און טענץ פירן די חסידים אַוועק דעם חתן. איך קוק מיט נייגער אויף דעם יונגן מאַן. ער איז הויך, דין, מיט אַ ראָזעווען פּנים, געקרייזלטע רויטע פּאות און גרויסע בלויע אויגן. קוקט אויס ווי אַ יאָר ניינצן. ווען מען זאָל אים אָפּשערן די פּאות, פּאַלט מיר איין, וואָלט ער אויסגעזען ווי סטאַשעק דעם גוטבאַזיצערס זון. דער עולם פּאַרלאָזט איינציק־ווייז דעם זאַל. די כלי־זמרים נעמען אונטערן אָרעם די פידלען און פּויקן און גייען אַוועק. די לאָמפּן ווערן פּאַרלאָשן. די חתונה איז געענדיקט.

אין מיטןליידיקן זאַל שטייט די אַלטע נעכע, אַרומגערינגלט פון אַכט קליינע קינדער. אָבער איך, די ניינטע, וויל מיך נישט רירן פון אָרט. איך קאָן גאָר נישט מוחל זיין מיין מומע דבורהלען וואָס האָט מיך צוזאַמענגעפּאָרט מיט קליינע קינדער! איך בין שוין אַ מויד פון אַריבער עלף יאָר. אָט האָט מיך היינט אַ דינסט גערופן "פרייליין"! און מיין טאַטע האָט געזאָגט, אַז מען רעדט מיר שוין אַ שידוך... ניין, איך וועל נישט גיין שלאָפן מיט די קינדער! אַ פּאָר פון די שלעפעריקע קינדער וויינען. נאָר, אַז נעכע זעט אַז איר בעטן העלפט נישט, טוט זי פּלוצלונג אַ זאָג:

— באַלד וועט מען אויסלעשן דעם לעצטן לאָמפּ, אין זאַל וועט ווערן פינצטער, ס'וועט זיך אָנפאַנגען די חתונה פאַר דער פאַרשטאָרבענער משפּחה. שדים און רוחות וועלן אַהער קומען, און אויב דו וועסט דאָ פאַרבלייבן, וועלן זיי דיך מיטנעמען אויף יענער וועלט... עס איז מיך באַפאַלן אַ מורא און אָן אַ וואָרט בין איך מיט שלעפּערדיקע טריט נאָכגעגאַנגען נעכען מיטן קליינוואַרג. די קינדישע פיסלעך זענען שנעל געלאָפן איבער די טרעפּ צו דער בוידעמשטוב, און איך בין געבליבן ווייט הינטערשטעליק. איך הער ווי נעכע עפנט אויף די טיר, זי לאָזט אַריין זיי קינדער. ס'ווערט שטיל. ס'טוט אַ קלאַפּ די טיר. איך הער, ווי זי שליסט צו מיטן שליסל. איך בלייב אין דרויסן הינטער אַ פאַר־מאַכטער טיר. איך קלאַפּ און קלאַפּ. איך הער אַ גערודער פון קינדער. אָבער קיינער ענטפערט נישט. אַ מינוט בין איך פאַרצווייפלט. נאָר באַלד באַפאַלט מיך אַ פרייד פונעם געדאַנק, אַז איך וועל נאָך היינט שלאָפן מיט די גרויסע. מיט פאַמעלעכע, איינגעהאַלטענע טריט לאָז איך זיך גיין מיט אַ גאָרן נידעריקער. איך בלייב שטיין פאַר דריי נייע, ווייס־געפאַרבטע טירן. דאָ שלאָפן מסתּמא די געסט. די לבנה שיינט העל אַריין דורך אַ קליין פענצטערל. וועלכע טיר זאָל איך עפענען? אַ מינוט וואַרט איך און קלייב אויס די לעצטע. שטיל, ווי אַ גנב, וואָס דראַפּעט זיך אַריין אין אַ פרעמדער וווינונג, טו איך אַ דריי מיט דער קליאַמקע.

דורך די שפּאַרעס פון די פאַרמאַכטע לאָדנס שלאָגן זיך דורך זילבערנע פּאַסן ליכט. איך זע אויף אַ בענקל ליגט דער כלהס שלייער, אויף א צווייטן — דאָס חופּה־קלייד. איין בעט איז פאַרבעט מיט אַ הויכן שטויס קישנס. פון צווייטן טראָגט זיך אַ ווייבלעך איינגעהאַלטן קרעכצן, מענעריש שעפּטשענדיקע, צערט־לעכע רייד... איך בין ווי היפּנאָטיזירט. עפּעס צינדט זיך אָן אין מיין נעפּלדיקן מוח. מיצווה.. מיצווה־טענצל, מיצווה?! איך באַגרייף, אַז איך מוז אַנטלויפן. יואָס וואָלט איך געטאָן, ווען חתן־כלה דערזעען מיך דאָ פּלוצלונג!? איך וויל לויפן, אָבער איך בין ווי צוגענאָגלט צום דיל. אַ געהיימער כוח האַלט מיך פעסט און לאָזט מיך נישט רירן זיך פון אָרט. נאָך איין מינוט... כאָטש נאָך איין רגע... אַלץ אין מיר איז פאַרטויבט, באַרוישט.. מיט די לעצטע כוחות שאַר איך מיך אויף די שפּיץ פינגער אַרויס פון דער פאַרכישופטער שטוב, בלייב שטיין אויף דער צווייטער זייט טיר. איך בין, ווי אין אַ טראַנס. ס׳פאַלט מיר איין, אַז דאָס וואָס איך האָב געזען, איז געווען אַ מין פאַרבלענדעניש... אַ שפּיל פון נישט־גוטע, פון שדים, פּיפּערנאָטערס און שרעטעלעך. האָט דאָך מיר טאַקע נעכע געזאָגט... און מיט אַ מאָל דערזע איך, ווי עס וואַקסט אויס אַ מענטש אין אַ ווייסן לאַנגן נאַכט־העמד, אַ ווייסע קאָפּקע, אַ מכשפה, „אַ נישט־גוטע“, איינע פון יענע... איך וויל שרייען און קאָן נישט. יאָ, אַ מכשפה אין אַ קיטל. באַלד וועט זי אַוועקרייטן אויף אַ לאַנגן בעזעם און מיך מיטשלעפּן... זי לייגט צו אַן אויער צו חתן־כלהס שטוב. האָרכט זיך איין. מיט אַ מאָל דערזעט זי מיך, ווי איך שטיי אין אַ ווינקל און ציטער. זי כאַפּט מיך פעסט אָן ביי דער האַנט און פרעגט מיך מיט אַ פאַרשטיקט קול:

— וואָס טוסטו דאָ?!

די פריערדיקע מורא פאַרשווינדט. איך זע קלאָר, אַז ס׳איז נישט קיין מכשפה — דאָס איז גאָר מיין מומע דבורהלע.

— איך... האָב נישט ווו צו שלאָפן, שטאַמל איך אַרויס.

— וואָס הייסט דו האָסט נישט ווו צו שלאָפן?! אויבן מיט די קינדער!

איר באַפעלערישער טאָן צינדט אָן מיין איינגעשפּאַרטקייט, און איך ענטפער שטיל און טראָציק:

— איך וועל נישט גיין! איך וויל שלאָפן מיט די גרויסע!

זי הייבט אויף די הענט ווי צום שלאָגן. נאָר לאָזט זיי גיך אַרונטער, טוט מיט רוגזה מיך אַ שלעפּ פאַרן אָרעם און זאָגט מיט אַ שטילן כעס:

— אָ, דו ביסט אַ סחורה!... איך וויל איצט נישט מאַכן קיין טרעוואָגע... אויפוועקן די געסט מיט דיין שוואַכער מאַמען. מאָרגן, אם ירצה השם, וועסטו שוין קריגן דיין חלק און איצט גיי פּאָפּן מיט די גרויסע.

ישראל יעקובוביץ, חולון

אברהם וויינמן

עיירתנו עם אורח־חייה המסורתי־עממי היתה עשירה באישים בעלי רמה רוחנית ומוסרית וכן בטיפוסים עממיים, ואלה ואלה שיוו גוונים וגווני־גוונים לקהילתנו. הדמויות והטיפוסים הללו קמו וגדלו בסביבה היהודית המיוחדת בה חיו, נשמו את אוירה ואת מסורותיה ומנהגיה רבי־הדורות ספגו בנפשם, והם הם שעיצבו וגילמו את דיוקנם, שיוו להם צבע ותוכן ונסכו עליהם חן יהודי מיוחד. אלה אזכרה, אהמיה ולא אשכח אותם לעולם, אולם אין ביכולתי לכתוב ולצייר את הדמויות והטיפוסים השונים, ולכן אשתדל לצייר לפחות אחד מהם שנחרת עמוק בזכרוני, והוא אברהם וויינמן.

זוהר מיוחד חופף עליו ועד היום הוא עומד לנגד עיני, טיפוס של עסקן ציבורי, בעל לב חם, ער לבעיות הכלל והפרט ובעל תכונות וכושר עמוק לעסקנות ציבורית, במובנה הנעלה של המלה הזאת.

איש שקט היה מטבעו וגם פעולותיו נעשו בשקט, בצעדים מדודים־שקולים, אבל בטוחים. כאשר הפועלים הפולניים בבית החרושת שלו מחאו נגד היהודים ושבתו למעלה משבועיים, אולם אברהם וויינמן עמד בעקשנותו ולא פיטר אף יהודי אחד.

פעילות נמרצת הראה אברהם וויינמן עם התארגנות קיבוץ ההכשרה בפשדבוז' ועזר לחלוצים במימון עבודתם.

הוא היה פעיל בשטחים שונים של העבודה הציבורית בעיירה וגם כיהן זמן קצר כממלא מקומו של ראש העיר. כיהודי לאומי גאה עמד תמיד על משמר האינטרסים היהודיים המיוחדים. בגלל זה ידעו גם הפולנים האנטישמים המובהקים לכבד אותו ולהעריך את אישיותו.

הוא הצטיין כמומחה במקצוע המתכת, אך בנוסף למומחיותו ידע תמיד לעשות את המאמץ הדרוש לטובת עובדיו. שמו הלך לפניו ביחוד במידת יושרו, ונשאר נאמן לעקרונותיו, אשר בהם היה דוגל תמיד: יושר, נקיון־כפיים, רגש אחריות ואהבת ישראל, ובהתאם לכך עבד מעל לכוחותיו.

הנוער שבעיירה העריץ ממש את אברהם וויינמן והשפעתו על הציבור היתה

רבה. גם כיום, עשרות שנים לאחר הירצחו בידי הנאצים, זכרונו נשאר חי וחקוק בקרב כל אלה שהכירו אותו. לנגד עינינו ניצבת תמיד דמותו וחרותה בלבנו היטב מידת האצילות ומידת המוסר והגישה החברתית הטובה שהצטיין בהן.

הי״ד.

***

אונדזער שטעטל מיט זיין טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער האָט פֿאַרמאָגט גײַסטיקע און עטישע פּערזענלעכקייטן, ווי אויך פֿאַרשידענע פֿאָלקס־טיפּן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע שיינע מידות אין צווישנמענטשלעכע באַציִ־אונגען און האָבן צוגעגעבן אייגנטימלעכן קאָלאָריט דעם לעבן אין שטעטל. די אַלע געשטאַלטן און טיפּן האָבן זיך געשטאַלטיקט אין דער באַזונדערער יידישער סביבה, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט און איינגעזאַפּט אין זיך דורות־לאַנגע טראַדיציעס, וועלכע האָבן געפֿאָרעמט זייערע כאַראַקטערס, זייער לעבנס־אינהאַלט.

פּשעדבאָזש איז פֿאַר אונדז נישט סתם אַ שטעטל. עס איז אַ קאָלירפֿולער קאַליידאָסקאָפּ פֿון געשטאַלטן און טיפּן און מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון, אַז אונדזער חוב איז וועגן זיי אַלע צו שרײַבן, שילדערן די שיינקייט פֿון זייערע מידות, אָבער דאָס איז איבער די כוחות פֿון איין מענטש. יעדער דאַרף דערפֿאַר פֿאַרצייכענען מינדעסטנס עטלעכע אָדער כאָטש איינעם פֿון די, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין זיין זכרון. איך פּרוּוו עס טון אין באַצוג צו אברהם וויינמאַן, וועלכן מיר האָבן געקענט ווי אַ שיינע געשטאַלט פֿון אַן איבערגעגעבענעם און מסירות נפשדיקן עסקן.

ביזן הײַנטיקן טאָג שטייט ער מיר פֿאַר די אויגן ווי אַ מענטש מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ, פֿילבאַר און וואכזאַם צו יחידישע ווייטאָגן און כללישע ענינים. ער האָט זיך געפֿילט געקנופּט־און־געבונדן מיטן יעדן ייד אין שטעטל, מיט יונגע און עלטערע. ווער עס איז געקומען מיט אים אין קאָנטאַקט, האָט דערפֿילט די ערלעכע נאָענטקייט, וואָס האָט געאָטעמט פֿון זיין גאַנץ וועזן; דעם שטאַרקן ווילן צו העלפֿן, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן ביי יעדער געלעגנהייט. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט ערלעכער און דרייסטער אויפֿריכטיקייט אפֿילו אין אַזעלכע פֿאַלן, ווען דורכשניטלעכע מענטשן האַלטן אויפֿריכטיקייט נישט פֿאַר צוועקמעסיק. דערביי איז ער דאָך געווען אַ פּראַקטישער מענטש, מיט אַן אַנטוויקלטן חוש פֿאַר פֿירן די אונטערנעמונג. ער איז פֿאַקטיש געווען די נשמה פֿון דער פֿאַבריק, אין וועלכער עס זענען געווען באַשעפֿטיקט איבער צוויי הונדערט אַרבעטער.

דער רוב אַרבעטער אין וויינמאַנס פֿאַבריק איז באַשטאַנען פֿון פּאָליאַקן. ווען וויינמאַן האָט אָנגעהויבן אַריינציען אויך יידישע חלוצים, האָבן די פּוילישע

זיך קעגנגעשטעלט און עס איז דערגאַנגען צו אַ שטרייק. אברהם ווײַנמאַן האָט זיך אָבער געהאַלטן עקשנותדיק און נישט געוואָלט אָפּזאָגן קיין איין ייִדישן אַרבעטער, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער שטרייק האָט אים גורם־געווען גרויס שאָדן. דער שטרייק האָט געהאַט אַ דראַמאַטישן פֿאַרלויף. פֿון איין זייט איז אַרויסגעבראָכן געוואָרן דער פֿאַרביסענער אַנטיסעמיטיזם פֿון די פּאָליאַקן. די גאַנצע צײַט האָבן זיי געשריגן, אַז ייִדן זענען פּאַראַזיטן, ווילן נישט טאָן קיין פֿיזישע אַרבעט, אָבער ווען ייִדן האָבן זיך געריסן צו אַרבעט, האָבן זיי מיט שׂנאה זיי אָפּגעשטופּט און זענען געווען דעצידירט אַנצווענדן כּוח נישט אַרײַנצולאָזן קיין ייִד אַרבעטן אין דער פֿאַבריק, וואָס האָט געהערט צו אַ ייִדישן באַלעבאָס.

ווײַנמאַנס האַלטונג האָט אַרויסגערופֿן גרויס אָנערקענונג צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין דער גאַנצער געגנט. עס זענען געווען מאָמענטן, ווען מען האָט מורא געהאַט, אַז די פּוילישע אַנטיסעמיטן וועלן זוכן נקמה צו נעמען אין אים פֿיזיש, אָבער ווײַנמאַן האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן פֿאַר קיין שום דראָונג, ביז די פּאָליאַקן האָבן אײַנגעזען, אַז זיי האָבן פֿאַרשפּילט דעם שטרייק און צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז ווײַנמאַנס שטאַרקער ווילן האָט זיי אײַנגעבראָכן. זיי האָבן זיך געמוזט פֿאַרמעסטן מיט די ייִדישע באַשעפֿטיקטע, וועלכע האָבן זיי איבערגעשטיגן מיט זייערע אַרבעטס־פֿעאיקייטן, אינטעליגענץ און איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט, יעדער בײַ זײַנע פֿונקציעס, בײַ די מאַשינען און פֿאַרשידענע אַנדערע אַרבעטן. קיין איין ייִד איז נישט אָפּגעזאָגט געוואָרן פֿון דער אַרבעט.

אַן אינטענסיווע טעטיקייט האָט ווײַנמאַן אַרויסגעוויזן ווען אין פּשעדבאָזש האָט זיך אָרגאַניזירט דער הכשרה־קיבוץ. ער האָט געהאָלפֿן די חלוצים באַקומען פֿאַרשידענע אַרבעטן, אָפּטמאָל אַליין פֿינאַנסירט די אַרבעטס־פּלעצער. ער איז געווען צווישן די אַפּוטרופּסים איבער די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין שטעטל און האָט זיך אויסגעטיילט מיט זײַן אַקטיווקייט אויף די באַזונדערע אָפּשניטן. ער האָט געשפּילט אַ צענטראַלע ראָל אויך אין דער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג, וווּ ער האָט אפֿילו אַ געוויסע צײַט פֿאַרטרעטן דעם בירגערמײַסטער און ווי אַ שטאָלצער ייִד האָט ער געקעמפֿט קעגן יעדן פּרוּוו פֿון דיסקרימינאַציע.

עס האָט געטראָפֿן, אַז די לייטונג פֿון דער גרונט־שול האָט אײַנגעפֿירט, אַז די עקזאַמענס זאָלן פֿאָרקומען אום שבת, ווייסנדיק, אַז די ייִדישע שילער קומען נישט שבת אין שול אַרײַן. ווײַנמאַן האָט דאַן גערופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון די עלטערן און שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן דער שול־לייטונג, וועלכע האָט זיך דערשראָקן פֿאַר דער אויפֿגערודערטער עפֿנטלעכער מיינונג. די אַקציע האָט געדויערט

עטלעכע וואָכן, ביז די שול־דירעקציע האָט נאָכגעגעבן, ליקווידירט די שבתדיקע עקזאַמענס און אויך דאָס אויפגעבן אום שבת נייע טעמעס, וואָס איז געווען אויס־גערעכנט צו שיקאַנירן די יידישע שילער, זיי זאָלן אָפּשטיין פון די קריסטלעכע.

וויינמאַנס פאַרדינסטן אַלס געזעלשאַפטלעכער עסקן זענען נישט אָפּצושאַצן. ער האָט כסדר געפילט די שווערקייט און אחריות פון די אויפגאבן, וועלכע ער האָט אויף זיך גענומען. דער ווילן צו העלפן האָט אים נישט געלאָזט רוען. אַן אינעווייניקסטער אינסטינקט און אַ טיפע זיכערקייט אין אַ העכערן אמת האָט אים געמאַכט באַהאַרצט און אים געגעבן כוח און מוט קעגנצושטעלן זיך די שונאים, ווען זיי האָבן געוואָלט טון יידן שלעכטס.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, די פינצטערע היטלעריס־טישע נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויך אויף די יידן אין פשעדבאָזש, האָט אברהם וויינמאַן גענומען פיבערהאַפטיק אַרבעטן פאַר ראַטעווען יידישע לעבנס און יידישן כבוד, אָבער דאָ האָט שוין נישט געהאָלפן זיין גרויסע עקשנות און שטאַרקער ווילן. דער מוראדיקער שטורעם פון דער היטלעריסטישער גרויזאַמקייט איז געווען שטאַרקער און האָט אויך בייגעקומען זיין עקשנות און גלויבן, אַז עס וועט זיך נאָך לאָזן עפּעס אָפּראַטעווען. ער האָט געטיילט דעם גורל פון דער גאַנצער יידישער עדה אין פשעדבאָזש.

ת. נ. צ. ב. ה.

ווידאמא

ווידאַמאָ האָט געהייסן אַ פאָרשטאָט פון פשעדבאָזש, דורכגעטיילט דורכן טייך, געהאַט אַ סך אייגנשאַפטן, וואָס אַ שטעטל דאַרף האָבן, אַ שיל, אַ בית־המדרש, עטלעכע חסידים־שטיבלעך, חדרים און מלמדים, האָט אויך פאַרמאָגט אַ סך יידישע בעלי־מלאכות, שניידערס, שוסטערס, היטלמאַכערס, סטאָליערס, שלאָסערס, האָבן געאַרבעט יומם ולילה, געפאָרן אויף מערק, באַקליידט און באַשוכט די פויערים פון די אַרומיקע דערפער. דאָך איז ווידאמאָ און פשעדבאָזש געווען פאַראייניקט אין איין גאַנצקייט, די זעלבע שטילע און ערלעכע יידן, וואָס האָבן געצויגן זייער תיונה פון שווערער האָרעוואַניע, געליטן פון די זעלבע שונאי ישראל, אונטערגעוואָרפן דער זעלבער קהילה, באַטייליקט זיך אין די זעלבע מחלוקתן צוליב אַ רב, אַ שוחט, וואָס האָט

געשחטן אומלעגאַל. פונקט ווי אין פשעדבאָזש זענען אויך אין ווידאמע געווען חסידישע און נגידישע מענטשן, וואָס אויף זיי האָט מען געקענט זאָגן, צו גאָט און צו לייט, זענען גרייט געווען צו העלפן מיט אַ טובה, אַ גמילות־חסד און צדקה.

ר׳ דוד גוטעסמאַן

אַזעלכער איז טאַקע געווען ר׳ דוד גוטעסמאַן, אַ גרויסער האָלץ־סוחר, וועלכער איז געווען זייער באַליבט פאַר זיין איידלקייט און מענטשלעכקייט און מען האָט זיך צו אים באַנומען מיט דרך־ארץ. ער האָט מנדב געווען אַ סך געלט פאַר דער גרויסער שיל, וואָס כאָטש זי איז נישט געווען אַזוי אַלט ווי די היסטאָרישע שיל אין פשעדבאָזש, נישט געהאַט אַזעלכע קינסטלערישע שניצערייען און באַצירונגען, איז זי דאָך געווען אַ שיינדל און די יידן אין שטעטל האָבן מיט איר שטאָלצירט, געלאָזט זיך קאָסטן זי אויסצוהאַלטן, אָבער די גרעסטע הוצאות האָט אויסגעטראָגן ר׳ דוד גוטעסמאן, באַזונדערס ווען מען האָט די שיל געדאַרפט אויפפרישן און ר׳ דוד גוטעסמאַן האָט גענומען אויף זיך דעם גאַנצן עול. ער האָט אויך אויפ־געבויט די מקווה, געזאָרגט, אַז זי זאָל האָבן די נויטיקע מאָדערנע איינריכטונגען.

אַחוץ זיין נדבנות אויף וויכטיקע קהלשע צוועקן, האָט ער זיך אויך אויס־געצייכנט מיט זיין איידעלער באַציאונג צו יחידים נויטבאַדערפטיקע, געהאָלפן מיט הלוואות און נדבות, האָט געזאָרגט, אַז קיינער זאָל ווינטער נישט בלייבן אָן האָלץ צום באַהייצן די שטוב. אויך קריסטן האָבן אין זייער נויטבאַדערפטיקייט זיך געוואָנדן צו אים נאָך הילף און ער האָט קיינעם נישט אָפּגעזאָגט.

יידן אין דאָרף

ווידאַמאָ איז באַשטאַנען פון דריי הויפּט־גאַסן, פון וועלכע עס האָבן זיך צעצווייגט קליינע געסלעך. די טראַטווע גאַס האָט זיך געצויגן פון דער בריק ביז צו דער טשענסטאָכאָווער גאַס, וועלכע איז געווען ברייט און לאַנג, געפירט ביז צום וויעלגומלינער וועג; די לעשנאַ־גאַס האָט זיך געצויגן ביזן ראַדאָמסקער און גאַרשקאָוויצער שאָסיי; די פּיאַטריקעווער גאַס האָט געפירט ביזן דאָרף רענטשנע, ווו עס האָבן אויך געוווינט יידן, וועלכע האָבן אָבער שטענדיק מקנא געווען די יידן אין שטעטל. אַ ייד, אַז ער וווינט אין שטאָט, לעבט ער נאָך צווישן יידן און איז נישט אַליין. צווישן יידן האָט מען זיך געפילט היימיש, מ׳גייט אַרויס אין מאַרק, מ׳גייט אין בית המדרש אַריין, מ׳כאַפּט אַ שמועס, מ׳זעט אַ וועלט פאַר די אויגן... לומדים זיצן און לערנען.

יידן אין דאָרף, אפילו ווען זיי האָבן געהאַט קרובים אין שטאָט און עס איז נישט געווען אַזוי ווייט, האָבן זיי זיך פאָרט געפילט פאַריתומט, פאַרוואָרפן.

די יידן אין דאָרף האָבן געהאַט הייסע יידישע הערצער, זענען געווען געקליידט יידיש, אָבער געלעבט צווישן לויטער גויים, ווו מען טוט אַ קוק, זעט מען נאָר פויערים, אַלע כאַטעס זענען גלייך, איינע ווי די אַנדערע. די ווענט זענען פון ליים און דער דאַך פון שטרוי, אומעטום קליינע פענצטערלעך. עס קומט זונטיק, צעקלינגען זיך די גלאָקן פון קאָשטשיאָל. דאָס קלינגען הערט מען אַ סך מאָל אויך אינמיטן דער וואָך, מען איז שוין צוגעוווינט און דאָך נעמט ווייען אַזאַ פרעמדקייט, אַ פחד פון דער פרעמדער אמונה, פון וועלכער יידן האָבן שוין אַזויפיל געליטן, אַזויפיל בלוט געקאָסט.

דערפאַר האָט אַזוי אָפט געטראָפן, אַז נאָכן אָפּווינען יאָרן אין דאָרף, האָבן יידן פאַרקויפט אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט און אַוועק אין שטאָט, אַנצוהויבן ס׳לעבן פונסניי, כדי צו ראַטעווען די אייגענע נשמה און די נשמות פון ווייב און קינדער.

אין ווידאַמאָ האָט זיך אויך געפונען דער בית־עלמין און פון פשעדבאָזש האָט מען אויך געפירט אַהין צו קבר־ישראל. האָט מען טאַקע אָפט געהערט די יללות פון נאָענטע, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען די לוויות איבער די ווידאמער גאַסן. מען האָט געקלאַפּט מיט די פושקעס און אויסגערופן: ״צדקה תציל ממות!״ נשים און קינדער האָבן פאַרגאָסן טרערן. האַרצרייסנדיקע ״אל מלא רחמימס״ האָבן זיך געהערט און נישט איינמאָל איז ווער געפאַלן אין חלשות בעת סתימת הגולל.

נאָך דער פטירה פונעם אַלטן רב, האָט זיין זון, ר׳ ישעיהלע איבערגענומען דעם כסא הרבנות, אָבער נישט אויף סטאַביל, ווייל ער איז שוין דעמאָלט געווען רב אין קעלץ און האָט נישט געוואָלט רעזיגנירן פון דאָזיקן חשובן פאָסטן. ער האָט זיין צייט צעטיילט צווישן די ביידע שטעט, אָבער איז תמיד געווען מער אין קעלץ ווי אין ווידאַמאָ.

ר׳ מענדל חזן־שוחט

דער אַנערקענטער חזן־שוחט אין ווידאַמאָ איז געווען ר׳ מענדל. עס זענען געווען נאָך שוחטים, אָבער זיי זענען געווען ״אומלעגאַלע״, נישט אַנערקענט אָפיציעל דורך דער קהילה. ר׳ מענדל איז געווען אַ שיינער בן־תורה, ווי געוויינלעך ס׳דאַרף זיין אַ חזן־שוחט. מען האָט אויך שטאַרק געהאַלטן פון זיין חזנות. ער איז געווען דער בעל־תפילה אין דער גרויסער שיל און זיין דאַווענען פאַרן עמוד האָט פאַרמאָגט גרויס מתיקות און די מתפללים האָבן זיך געקוויקט מיט זיינע ניגונים ביים מקבל־שבת־זיין, ביים דאַווענען שחרית און מוסף, גאָר באַזונדערס אין די ימים־נוראים. אינעם אופן פון זיין דאַווענען און זינגען פאַרן עמוד האָט נישט פאַרנומען קיין אָרט דער אימפּראָוויזאַטאָרישער רעטשיטאַטיוו, די דאָ־רע־מיס און אַנדערע אַקאַדעמישע כללים. אין זיין אויסזינגען די תפילה

און דעם פיוט איז דער עיקר געווען די השתפכות הנפש און ער האָט מיט זיין געזאַנג געקענט אַרויסרופן טרערן נישט בלויז אין דער עזרת נשים, נאָר אויך צווישן די מענער. מערסטנס זענען עס געווען טרערן פון גרויסן גייסטיקן תענוג, אָבער דערביי האָט זיין געזאַנג פאַרמאָגט אויך טיפע התעוררות. דער ניגון איז ביי אים געגאַנגען גלייך פון האַרצן. צוגייענדיק צום עמוד האָט ער זיך דערפילט אַ שליח־ציבור, וואָס דאַרף אויסדריקן דאָס געבעט און די געפילן פונעם גאַנצן ציבור אין ווידאַמאָ און אויסגיסן פאַרן רבונו של עולם זייער ביטער האַרץ.

ר׳ מענדלס דריי זין: יידל, יצחק און משהלע זענען געווען זיינע משוררים און כאָטש זיי זענען אויך נישט געווען קיין געשולטע מוזיקאַלישע כוחות, האָבן זיי אָבער פאַרמאָגט שיינע לירישע שטימען און די מתפללים, קליין און גרויס, האָבן געכיילט די איידעלע, זיסע קלאַנגען פון זייערע שטימען, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן די ווענט פון דער שיל און זענען זיך צעגאַנגען איבער די גאַסן און געסלעך פון ווידאַמאָ, וועלכע זענען אין די שבתים און ימים־טובים געווען פאַרשטילט, ווי זיי וואָלטן זיך צוגעהערט צו די תפילות.

שטענדיק הער איך אין זיך יענע ניגונים. אַמאָל ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך הער ערגעץ פאַרהוילן אין מיר ברומען מיין חבר משהלע דעם "ונתנה תוקף". מיר האָבן צוזאַמען געלערנט אין חדר ביי ר׳ אבא לופישנער, און אויף אונדזער בעטן האָט משהלע געפלעגט זיך לאָזן אנרעדן און זינגען איינעם פון זיין טאַטנס ניגונים. אונדז האָט זיך דאַן אויסגעוויזן ווי ער וואָלט דעם ניגון אויסגעשפילט אויף עפעס אַ ווונדערלעך פידעלע.

ביזן היינטיקן טאָג גייען מיר נאָך די ניגונים. אַמאָל שווימען זיי ערגעץ ווייט און קומען נאָך דעם צוריק, ווי קלאַנגען און ריחות אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט ביי דער פיליצע אָדער אין קינסקער וואַלד.

זיי קומען צוריק די ניגונים צוזאַמען מיט די קולות פון יענע פאַרשניטענע ווידאַמער יידן, פון ר׳ מענדלען מיט זיינע זין, אויף וועלכע מען האָט עדות־געזאָגט, אַז דורך דער מתיקות פון זייערע שטימען קענען זיי ווייך מאַכן פאַרשטיינערטע הערצער. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז מיט אַזאַ געזאַנג קען מען אַקעגנגיין משיחן.

אַזעלכע זענען זיי געווען די יידן אין ווידאמאָ, סיי די, וואָס האָבן שבת און יום־טוב געדאַוונט פאַרן עמוד און סיי די, וואָס האָבן נאָך מנחה געזאָגט אַ שיעור אין לערנען פאַר די שטעטלשע בני־תורה, חריפותדיק און האַרציק, אַזוי, אַז סיי די לומדים און סיי די פשוטע יידן זאָלן זיי האָבן צו געדענקען.

די יידן אין ווידאמאָ זענען זיכער געווען, אַז זייערע קינדער וועלן גיין אין זייערע וועגן, ווי זיי זענען געגאַנגען אין וועג פון זייערע אבות, האָבן אָפגעשפאָרט

פון עסן, כדי צו באַצאָלן שכר־לימוד פאַר זייערע קינדער. דאָס לערנען איז געווען אַ וויכטיקער טייל פון יידישן לעבן אין שטעטל.

געלערנט האָט מען אויך מיט אַ ניגון. פאַר יעדן מין לערנען האָט דער מלמד געהאַט אַ באַזונדערן ניגון און דערמיט צוגעגעבן דעם לערנען אַ באַזונדערן טעם און עס איז גיכער און בעסער אַריינגעדרונגען אין די קלײנינקע מוחלעך פון די ייִנגלעך. גאָר שיין איז געווען דער ניגון פון אקדמות און מען האָט טאַקע געלערנט מיט אַזאַ חשק, אַז די קלאַנגען האָבן פאַרשאַלט דאָס גאַנצע געסל. ווען מען האָט געלערנט די סידרה פון דער וואָך, ווי די ברידער פאַרקויפן יוספן קיין מצרים פאַר אַ קנעכט און ווי ער ווערט דאָרט שני־למלך, האָט דאָס אַרויסגערופן ביי אונדז קינדער אַזאַ שפּאַנונג און רחמנות, אַז טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אונדזערע אייגעלעך. ווידער האָט אונדז דער ניגון צוגעהאָלפן באַנעמען דעם גאַנצן פלאַנטער און זיך באַטראַכטן פאַר גאַנצע קענער.

ר׳ יהודה־משה שמש

ר׳ יהודה־משה, דער שמש אין דער ווידאמער שיל, איז געווען זייער אַן אָנגעזעענער ייִד. כאָטש ער איז נישט דערגאַנגען צו דער מדרגה פון ניעפאָמיענטני, דעם שמש פון דער פשעדבאָזשער שיל, איז ער אָבער געווען געשעצט צוליב זיין ערלעכקייט און זיין אַרבעט אין דער שיל האָט ער געטון ווי אַ הייליקע עבודה. ער האָט גוט געקענט אַלע באַלעבאַטים אין ווידאמאָ, געוווּסט אַלע זייערע דאגות און אַלע זייערע פריידן, האָט געהאָלפן ביים צוגרייטן חתונות, האָט אויסגערופן אין שיל, אַז דער און דער באַלעבאָס מאַכט חתונה אַ טאָכטער אָדער אַ זון און בעט דעם גאַנצן עולם אויף דער חתונה.

דער עיקר אַרבעט איז אָבער געווען אין דער שיל גופא. ער האָט שטענדיק געזאָרגט, עס זאָל זיין ריין, צוגערוימט. אַלץ האָט געבלישטשעט און געגלאַנצט. ווינטער איז געווען אײנגעהייצט דער גרויסער אויוון און די מחיהדיקע וואַרעמקייט האָט אַרומגענומען אַלע מתפללים. ר׳ יהודה־משהס אויגן האָבן דעמאָלט געשיינט פון תענוג און געשמייכלט צו אַלעמען, ווי זיי וואָלטן געווען זיינע קינדער, פאַר וועלכע ער דאַרף זאָרגן און טראָגן דעם עול, זיי זאָלן זיך פילן גוט און מתפלל זיין מיט אַ קלאָרן מוח און געלייטערט האַרץ.

דער בלינדער זלמן

זלמן שפירא, אַ פשוטער ייד, וואָס האָט געצויגן זיין חיונה פון שוסטעריי, איז געווען בלינד אויף אַן אויג. קיינער האָט נישט געוויסט ווי אַזוי דאָס איז געשען מיט אים און ער אַליין האָט קיינמאָל וועגן דעם נישט גערעדט. ער האָט

פשוט נישט געהאַט קיין צייט צו דעם, צו רעדן וועגן זיך, וועגן זיינע אייגענע דאגות און צרות. אפשר האָט ער בכלל נישט געהאַט קיין צייט צו אייגענע דאגות, טאָג און נאַכט איז ער געווען פאַרנומען מיט קהלישע ענינים, מיט דאגות און צרות פון נויטבאַדערפטיקע, וועלכע זענען געקומען צו אים נאָך הילף.

יעדער האָט געוווּסט, אַז קוים ווענדט מען זיך צו אים, לאָזט ער אַלץ שטיין און לויפט ווּהין מען דאַרף, זען וואָס עס לאָזט זיך טון, רעדן, שרייען, קלאַפּן אין טיש: היתכן, ווי קען מען דאָס זיצן רואיק ווען אַ מענטש נויטיקט זיך אין הילף ? !

אַזוי לאַנג ווי איך געדענק, איז ער געווען דאָזאָר אין דער קהילה און ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט און יעדער האָט געגלייבט, אַז ווען ער לעבט אפילו הונדערט יאָר, וועט ער זיך קיינמאָל נישט באַפרייען פון זיינע דאָזיקע טעטיקייטן. ביי אַלע וואַלן איז ער פונסניי געוואָרן אויסגעווײלט, ווי ער וואָלט געווען אַ זייל, אויף וועלכן עס האָט זיך געהאַלטן די טעטיקייט פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס. ער האָט באַקומען די שטימען פון יידן און קריסטן. ער איז געווען באַקאַנט און באַליבט אויך צווישן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, וועלכע האָט געדאַרפט אָנקומען צו דער סאָציאַלער שוץ אין שטאָט־ראַט, ווו זלמן איז געווען טעטיק אויפן דאָזיקן אָפּשניט.

טאָג און נאַכט איז ער געווען פאַרנומען מיט דער זאָרג פאַר נויטבאַדערפטיקע, פאַר אָרעמע און קראַנקע, פאַר אַלמנות און יתומים און געטון האָט ער זיין אַרבעט מיט גרויס מסירות נפש. ביי אים האָט מען באַקומען אַ צעטל צו באַקומען אומזיסט אַ דאָקטאָר צו אַן אָרעמען קראַנקן; געלט־שטיצע פאַר פרנסהלאָזע און אַרבעטסלאָזע; אַן אינטערווענץ אין שטייער־אַמט צו פאַרקלענערן די שטייערן א. ד. ג.

ער פלעגט זיך אויך פאַרנעמען מיט העלפן פאַרבאָרגענע אָרעמעלייט. געווען אין ווידאמאָ אַזעלכע, וואָס זענען אָנגעגאַנגען פאַר בכבודיקע באַלעבאַטים, אָבער אין שטוב האָט געהערשט דער דלות, נישט געווען וואָס צו געבן די קינדער צו עסן, נישט צו באַהייצן די שטובן אין ווינטער. ווען זלמן האָט זיך באַוויזן אין אַזאַ שטוב, האָט דאָרט ווי אויפגעשיינט די זון. קינדער און דערוואַקסענע האָבן דערפילט ווי עס וואָלט זיך באַוויזן אַ גוטער מלאך פון הימל.

עס האָבן אין ווידאמאָ נישט געפעלט קיין שטובן, ווו טאַטעס אָדער קינדער זענען יאָרנלאַנג קראַנק געווען אויף שווינדזוכט. די קראַנקהייט איז געווײנלעך געגאַנגען צוזאַמען מיט גרויסער אָרעמקייט. שווינדזיכטיקע טאַטעס האָבן נישט געקענט אַריינברענגען קיין פרנסה אין שטוב אַריין. קראַנקע קינדער האָבן

דערצו נאָך געליטן פון נישט־דערנערן, האָבן קיינמאָל נישט באַקומען די שפייז, אין וועלכע זיי האָבן זיך גענויטיקט.

געוועזן שטובן, אין וועלכע עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט גרויסע מענטשלעכע טראַגעדיעס. די מאַמע איז געווען די איינציקע פּרנסה־געבערין, האָט געמוזט איבערלאָזן דעם קראַנקן מאַן מיט די פּיצלעך קינדערלעך און אַוועקלויפן אין רייכע שטובן וואַשן וועש, רוימען, קאָכן און פאַר דער אַרבעט באַקומען אַביסל שפייז, אַן אָפּגענוצט קליידל, אַ פּאָר שיכלעך פאַר אירע קינדער. אַהיימקומענדיק נאָך אַזאַ טאָג שווערער אַרבעט האָט זי זיך ערשט געמוזט נעמען צום קאָכן אַביסל זופּ פאַר דער שטוב און נישט אַלעמאָל איז געווען וואָס אָפּצוקאָכן. ווען אַ קינד איז קראַנק געוואָרן, איז נישט געווען פאַרוואָס צו רופן אַ דאָקטאָר און אויסצוקויפן אַ רעצעפּט.

איבער די אַלע אָרעמע שטובן האָט זלמן געהאַט זיין השגחה, מיטגעליטן מיט זייער צער און געטון אַלץ צו לינדערן זייערע יסורים. אין זכרון איז מיר געבליבן זיין איבערגענומענקייט, מיט וועלכער ער פלעגט רעדן וועגן די עוולות, וואָס עס געשען די מענטשן פון שטעטל און ווי אַזוי אים קומט אויס צו קעמפן קעגן די עוולות. אפילו אין מקווה, פרייטיק־פאַרנאַכטס, האָט ער תמיד געהאַט צו דערציילן וואָס מען דאַרף אַלץ טון צו העלפן די מענטשן. מען האָט געפילט, אַז די ווערטער קומען פון אַ הייס האַרץ, וואָס קען נישט פאַרטראָגן קיין צער פון אַ מענטש און איז גרייט צו גיין אין פייער, מקריב זיין זיך צו העלפן מענטשן.

ר׳ ישעיה גרינבלאַט

צו די איבערגעגעבענע כלל־טוער אין שטעטל האָט אויך געהערט ר׳ ישעיה גרינבלאַט. ער איז לאַנגע יאָרן געווען דאָזאָר אין דער קהילה און ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט. ווען ער איז אַוועק אויפן עולם האמת בין איך נאָך געווען אַ קליין יינגל און איך קען דערפאַר נישט איבערגעבן קיין פאַקטן פון זיין געזעלשאַפט־לעכער טעטיקייט. איך ווייס נאָר, אַז ער איז געווען אומעטום, ווו מענטשן האָבן זיך גענויטיקט אין הילף. ער האָט געהאַט אַ וואַרעם פריינדלעך האַרץ פאַר די יידן אין שטעטל. דער שטענדיקער פריינדלעכער שמייכל איז געווען אַן אויפ־ריכטיקער און האָט אָפּגעשפּיגלט די אינערלעכע גוטסקייט און מענטשן־פריינדשאַפט.

אברהם הערש געלעס

איך געדענק אים אַלס פאָרשטייער פון די קליינהענדלער און ער האָט געהערט צו דעם טיפּ עסקנים, וואָס אין דעם וואַלד פון זייער געזעלשאַפטלעכע

טעטיקייט פֿאַרפֿעלן זיי נישט צו זען די איינצלנעביימער, פֿאַרקוקן נישט דעם איינצלנעם, וואָס נויטיקט זיך אין אַ טובֿה.

משה זילבערשאַץ

אַלע האָבן אים געקענט פֿאַר אַ גרויסן בעל־טובֿה. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען אַ פֿאַרנומענער מענטש, געפֿירט גרויסע געשעפֿטן, געהאַנדלט מיט תּבֿואה, געזאַמלט און געקאַלעכט אייער אויפֿן ווינטער, איינגעקויפֿט און געזאַלצן פֿעלן און גלייכצייטיק אויך געפֿירט אַ שפּייז־קראָם, האָט ער אָבער שטענדיק געפֿונען צייט אויך פֿאַר קהלשע ענינים.

עס איז מיר אָפֿט געווען אַ ווונדער ווו האָט דער מענטש גענומען צייט פֿאַר אַזויפֿיל געשעפֿטן און פֿונוואַנען האָט זיך ביי אים גענומען אַזויפֿיל ענערגיע פֿאַר קהלשע אַרבעטן. נאָר אויב איך האָב נישט קיין ענטפֿער וועגן דער צייט, האָב איך אָבער אַן ענטפֿער וועגן דער ענערגיע. דאָס איז טאַקע געקומען פֿון זיין גרויס האַרץ, וואָס האָט מיטגעפֿילט דעם צער פֿון נויטבאַדערפֿטיקע און האָט אים נישט געגעבן קיין רו.

מרדכי יאַקובאָוויטש

פֿון פֿאַך איז ער געווען אַ סטאָליער, דער איינציקער אין שטעטל, וואָס האָט געענדיקט אַ פֿאַך־שול. אַ דאַנק זיין אינטעליגענץ און באַוועגלעכקייט איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פֿאָרשטייער פֿון די האַנטווערקער אין שטאָט־ראַט. מען האָט אין אים געזען אַן איבערגעגעבענעם טוער, וואָס האָט ערלעך פֿאַרטיידיקט די אינטערעסן פֿון די האַנטווערקער אין ווידאָמאַ. ער איז אויך געווען פֿון די גרינדער פֿונעם קולטור־פֿאַריין.

געשטאַמט האָט מרדכי יאַקובאָוויטש פֿונעם שכנותדיקן דאָרף טשעביעץ און דערפֿאַר האָט מען די גאַנצע משפּחה גערופֿן "די טשביעצער". ער איז געווען באַליבט און פּונקט ווי ער האָט געהאַט אַ וואַרעם געפֿילפֿול האַרץ, אַזוי האָט ער אויך געהאַט אַ באַוועגלעכן מוח און איז גרייט געווען צו קעמפֿן אומדערמידלעך קעגן עוולות און פֿאַרן אמת, אין וועלכן ער האָט געגלייבט.

אין זכּרון איז מיר געבליבן דער שבת פֿאַר די וואַלן צום שטאָט־ראַט אין יאָר 1933, ווען מרדכי איז געקומען צו זיין עלטערן ברודער עמנואל און אים פֿאָרגעלייגט צו קאַנדידירן אויף זיין אָרט אין שטאָט־ראַט, ווייל זיין פֿרוי ביילע איז געווען קראַנק און ער האָט זיך געמוזט פֿאַרנעמען מיט איר.

עמנואל איז דעמאָלט געווען קראַנק, געליטן אויף אַ פֿוס און געלעגן צו בעט, אָבער ער האָט זיין ברודער נישט געוואָלט אָפּזאָגן. די געזעלשאַפֿטלעכע



עמנואל יאקובאָוויטש
און זון פרוי חיה־שרה,
זון אברהם יעקב,
טאָכטער רבקה
און זון ישראל.

אַרבעט איז אים נישט געווען פרעמד, ווארום ער איז דאַן געווען פאָרזיצער פון האַנטווערקער־פאַריין. די פראַגע איז אָבער געווען, וואָס עס זענען נישט געווען קיין אָפּגעדרוקטע וואַל־צעטלען און אויפצומאָרגנס האָבן שוין געדאַרפט פאָרקומען די וואַלן.

דאָ האָט מרדכי אַרויסגעוויזן זיין געשיקטקייט און שנעלע אָריענטאַציע. ער האָט גלייך געפונען אַ מענטש מיט אַ ראָווער, וועלכן ער האָט אַוועקגעשיקט קיין ראַדאָמסק, ווו עס האָט זיך געפונען אַ דרוקעריי און אויפצומאָרגנס צען אַזייגער אינדערפרי זענען שוין געווען אין שטעטל די אָפּגעדרוקטע וואַל־צעטלען.

נישט געקוקט דערויף, וואָס אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג האָט שוין געהאַט אָפּגעשטימט, האָט דאָך עמנואל נאָך באַוויזן צו האָבן אַ גרויסן נצחון און איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס ראטמאַן אין שטאָט־ראַט, ווו ער האָט ווירקלעך טריי און איבערגעגעבן פאַרטרעטן די אינטערעסן פון דער אָרעמער באַפעלקערונג.

דער קאַמף פאַר ביליקע מצות

עס פלעגט טרעפן, אַז די האַנטווערקער זענען געקומען אין קאָנפליקט מיט דער יידישער גמינע. אַזוי, למשל, איז געווען מיטן באַקן מצות פון אייגענעם מעל און נישט דאָס מעל, וואָס די יידישע גמינע האָט פאַרקויפט און גענומען פאַר דעם אַ באַזונדערן אָפּצאָל און דאָס האָט פאַרטייערט דעם פרייז פון די מצות.

איך געדענק ווי די האַנטווערקער האָבן אָרגאַניזירט אַ געלט־זאַמלונג אויף צו קויפן מעל און אַליין באַקן די מצות. אַ סך יידן האָבן זיך פאַרשריבן, איינ־געצאָלט און באַשטעלט מצות וויפל איינער האָט געדאַרפט. מען האָט געדונגען אַן אויוון ביי משה ראָזנצווייג. אין אַ שבת־צו־נאַכטס איז מאניל אַריינגעגאַנגען צום רב, ער זאָל כשרן דעם אויוון. דער רב, ר׳ ישעיהלע האָט אָפּגעזאָגט, געטענהט, אַז ער האָט נישט באַקומען קיין רשות פון דער גמינע צו כשרן דעם אויוון.

די שטימונג אין שטאָט איז געוואָרן אַן אויפגערודערטע. עס איז גלייך גערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער מען האָט באַשלאָסן נישט צו רעכענען זיך מיט דער גמינע און פאַר יעדן פרייז אַליין באַקן מצות. עס האָט זיך געפונען אַ ייד אַ תלמיד־חכם, וועלכער האָט מסכים געווען צו נעמען אויף זיך דאָס כשרן דעם אויוון און מען איז באַלד צוגעטרעטן צום באַקן די מצות.

אין באַגין זענען גאַנצע משפחות געקומען צו דער אַרבעט, צום קנעטן, וואַלגערן און רעדלען. אַלץ איז געטון געוואָרן אונטער דער השגחה פון פרומע יידן. יעדן טאָג זענען צוגעקומען נייע באַשטעלונגען, ווייל דער אונטערשייד אין די פרייזן לגבי די גמינע־מצות איז געווען אַ גרויסער און די יידן אין שטעטל האָבן זיך איבערצייגט, אַז די מצות פון די האַנטווערקער זענען באמת כשר לפסח.

נישט געקוקט דערויף איז דעם קומענדיקן שבת, גלייך נאָכן לייענען, דער רב אַרויף אויפן באלעמער, געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש און אויסגערופן:

״איך בין מודיע בפני עם ועדה, אַז די מצות, וואָס זענען נישט געבאַקן מיטן מעל פון דער גמינע, זענען בגדר חמץ און מען טאָר זיי נישט אַריינברענגען פסח אין קיין יידישער שטוב״.

עס איז געוואָרן אַ גרויס גערודער. די שיל האָט זיך פונאַנדערגעטיילט אין צוויי מחנות. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן מיטן רב און געוואָרנט די אַנדערע, אַז זיי וועלן אַריינברענגען חמץ אין שטוב אַריין. דאַקעגן די אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז די גמינע האָט אויפגעצווונגען אויפן רב, ער זאָל אסרן די מצות, כאָטש ער ווייסט גוט, אַז זיי זענען כשר לפסח. זיי האָבן טאַקע געהאַלטן

זיך עקשנותדיק און באַשלאָסן ווייטער צו באַקן די מצות. די באַשטעלונגען האָבן זיך געמערט און עס האָט גענומען אויספעלן מעל, אָבער קיינער האָט נישט געטראַכט אָפּצושטעלן דאָס באַקן. מען האָט געקויפט נאָך מעל און מען האָט ווייטער געבאַקן די מצות, וועלכע די אָרעמע יידן האָבן ממש געכאַפּט פון די הענט.

ווען עס איז געקומען שבת הגדול איז די לופט אין שטעטל געוואָרן נאָך געשפּאַנטער. אַלע זענען געקומען אין בית המדרש, ווו דער רב האָט גַעדאַוונט. מען איז געווען נייגעריק צו הערן וואָס ער וועט זאָגן וועגן די מצות.

נאָך קריאת התורה איז דער רב אַרויף אויפן באַלעמער. עס איז אַריינ־געטרעטן אַ געשפּאַנטע שטילקייט. באַלד האָט זיך דערהערט דעם רבס קול:

„איך בין מודיע, אַז כ׳נעם אַראָפּ דעם איסור אויף די מצות און זיי זענען כשר לפּסח״.

אַלע האָבן פריי אָפּגעאָטעמט.

*
* *

מיין היים

ווידער און ווידער קומט צו מיר מיין היים אין שטעטל. צווישן הייזער, וואָס זענען דורכגעווייקט פון טרערן און בלוט, זע איך די שטוב אין פשעדבאָזש, וווהין מיינע עלטערן זענען צוריקגעקומען ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אין שטילע שעהן פון יענע ווייטע פאַרנאַכטן, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד, האָבן טאַטע־מאַמע אונדז געפלעגט דערציילן פון זייער אַמאָליק לעבן, פון זייער קינדהייט און יוגנט. ווען כ׳האָב אָנגעהויבן גיין אין חדר האָט דער טאַטע מיר דערציילט ווי מען האָט אַמאָל געכירט אים אין חדר, וואָס איז געווען פול מיט לוסטיקע ייִנגעלעך און אַז ער האָט געפלעגט בענקען נאָכן רבינס ניגון פון לערנען. שפּעטער האָט אים דער ניגון באַגלייט אויף אַלע זיינע וועגן. דער טאַטע האָט גאַנצע פינף יאָר געדינט אין צאַרישן מיליטער, אין ווייטן וולאַדיוואסטאָק, ווייט פון דער היים, ווייט פון יידן. דריי חדשים האָט מען געדאַרפט פאָרן אַהין מיט דער באַן און דערפאַר איז ער די גאַנצע צייט קיין איין מאָל נישט געקומען אַהיים אויף אורלויב. דערנאָך, ווען מען האָט אים ענדלעך באַפרייט פון מיליטער־דינסט, האָט ער חתונה־געהאַט קיין טשענסטאָכאָוו, ווו ער האָט געווינט מיט מיין מוטער עטלעכע יאָר, ביז ער האָט זיך אין די מלחמה־יאָרן צוריקגעקערט קיין פשעדבאָזש, ווו עס האָט געלעבט זיין גרויסע משפּחה.

זיבן ברידער און צוויי שוועסטער זענען זיי געווען, אָבער די צייט האָט טייל פֿון זיי פֿונאַנדערגעשיידט. ישראל האָט אין יאָר 1921 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. דוד האָט חתונה געהאַט קיין לאָדזש. די מומע הענדל האָט חתונה־געהאַט קיין טשענסטאָכאָוו און דאָרט געבליבן וווינען מיט איר מאַן איטשע לובינסקי. אין ווידאַמע האָבן געוווינט: הערש צינע, די מומע רבקה, וואָס האָט חתונה־געהאַט מיט יאנקל מיינגוט; דער פֿעטער שמואל. גערופֿן האָט מען זיי אַלע "די טשעביעצער", ווייל זיי האָבן געשטאַמט פֿונעם שכנותדיקן דאָרף טשעביעץ. זיי זענען אַלע געווען יגיע־כּפּיימניקעס, גוטע פֿאַכלייט, געהאַט זייערע וואַרשטאַטן, פֿון וועלכע זיי האָבן מפּרנס געווען זייערע משפּחות. בלויז שמואל, דער ייִנגסטער אין דער משפּחה האָט זיך פֿאַרנומען מיט האַנדל צווישן די פּויערים אין די אַרומיקע דערפֿער.

מיין פֿאָטער, פֿון פֿאַך אַ האָלץ־טאָקער און פֿון אים האָבן מיר געלערנט ליבשאַפֿט צו אַרבעט און צו מענטשן. אין זיין געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט איז ער געווען איבערגעגעבן מיטן גאַנצן האַרץ, גרייט שטענדיק צו העלפֿן מיט ראַט און טאַט. מען פֿלעגט קומען צו אים זיך שואל־עצה־זיין אין פֿאַרשידענע ענינים, פּערזענלעכע און געזעלשאַפֿטלעכע. ער פֿלעגט אינטערווענירן ביי דער מאַכט וועגן בטל־מאַכן פֿאַרשידענע גזירות אויף אַ ייִדישן קרעמער צי בעל־מלאכה.

אין אונדזער שטוב איז געווען אַ טראַדיציע דאָס האָבן אַן אורח אויף שבת. פֿון צייט צו צייט איז זיך די גאַנצע משפּחה צונויפֿגעקומען ביי אונדז אויף קידוש.

מיר האָבן געוווינט צווישן קריסטן, צווישן וועלכע עס זענען געווען אויך אונטערוועלט־לייט. מענטשן פֿלעגן זיך וווּנדערן ווי אַזוי מיר האָבן נישט קיין מורא צו וווינען אין אַזאַ געגנט, אָבער דער דרך־ארץ, וואָס די גויים האָבן אַרויסגעוויזן פֿאַר מיין פֿאָטער, איז געווען אַזוי גרויס, אַז קיינער פֿון זיי האָט נישט געוואַגט אַנצורירן וועמען פֿון אונדז. זיי האָבן געשעצט ערלעכע און שטאָלצע האַלטונג, זיין גוטהאַרציקייט און וואַרעמע באַציאונג צו מענטשן. מיר, די קינדער, האָבן פֿון די פֿריסטע יאָרן איינגעזאַפּט אין זיך אונדזער פֿאָטערס מידה פֿון אָפּגעבן כּבוד מענטשן, אַפֿילו ווען זיי זענען אויפֿן געזעלשאַפֿטלעכן לייטער געשטאַנען נידעריקער פֿון אונדז.

עס האָט אַמאָל פּאַסירט און דער טאַטע האָט גייענדיק אינדערפֿרי צום דאַווענען אין בית־המדרש געפֿונען אַ זעקעלע מיט געלט, 126 זלאָטעס, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַ גרויסע סומע. צוריקגייענדיק פֿון דאַווענען האָט ער דערזען ווי די אַלטע ראַטשינסקי, די מוטער פֿון אונדזערע שכנים וויינט, אַז די זין האָבן ביי איר צוגעגנבעט דאָס געלט, וואָס זי האָט מיט אַ טאָג פֿריער באַקומען פֿאַר אַ פֿאַרקויפֿטער קו. מיין פֿאָטער האָט זי אויסגעפֿרעגט פּרטים און

ווען אַלץ האָט געשטימט, האָט ער איר אָפּגעגעבן דאָס זעקעלע מיטן געלט. דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף אַלע שכנים.


די מאַמע, אַ האַרציקע יידישע מאַמע, וועלכע איז מיט לייב־און־לעבן איבערגעגעבן איר מאַן און קינדער. גאָר פרי איז זי שוין געווען אויף די פיס, צוגעגרייט פרישטיק פאַר אירע פיר קינדער, געזען, אַז אַלץ זאָל זיין צוגעגרייט צום גיין אין שול אַריין, צו דער אַרבעט. די לעצטע האָט זי זיך געלייגט שלאָפן, האָט שטענדיק געהאַט עפּעס צו טון אין שטוב און יעדע פרייע מינוט געהאָלפן אין דער אַרבעט פון מאַן און פון די זין. מיט אירע וואַרעמע בליקן און הייס האַרץ האָט זי אַלעמען געהאַלטן צוגעבונדן צו דער שטוב. מיינע ברידער אבֿרהם יאַנקל, דער ייִנגערער שלמה און אויך די שוועסטער דבורהלע האָבן פרי אָנגעהויבן אַרבעט און דעם גאַנצן פאַרדינסט אָפּגעגעבן דער מאַמען.

מיין מאַמע חיה־שרה איז ביי אירע עלטערן, די פּערלמוטערס, געווען איינע פון זעקס טעכטער, געראָטענע און אַרבעטסזאַמע. צוויי זענען אוועק קיין אַמעריקע, איינע אין קינסק, די אַנדערע אין רעטשנע, דבורה אין וואַרשע. דער איינציקער זון לייבל איז געווען אַ שניידער, האָט געקענט שיין זינגען און געהאַט אַקטיאָרישע פעאיקייטן.

יאָרן, אַזויפיל יאָרן שפּעטער, שרייב איך די דאָזיקע שורות, אין טרערנפולער געדענקעניש נאָך מיינע נאָענטסטע און טייערסטע.

ווו זענען זיי איצט, די נשמות פון מיינע טייערע טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער? ווו זענען די הייליקע נשמות פון די קדושים אין אונדזער שטעטל, כאַרגאַזטע און פאַרברענטע, אָבער אומשטערבלעכע און אומפאַרגעסלעכע יידישע קדושים?

ישראל יאַקובאָוויטש



מלכה אלפישער־ווישינסקי, תל־אביב

שבתים און ימים־טובים

דער זכרון פירט מיך צוריק מיט צענדליקער יאָרן צו מיינע צאַרטע און גוטע טאַטע־מאַמע, צו די שטילע געסלעך און צום רוישיקן מאַרק, צו די ריחות פון פרילינג אויף די פעלדער און לאַנקעס הינטערן שטעטל, צום טייך, וואָס טיילט דורך דאָס שטעטל; צו אַלעם וואָס איז מיר געווען אַזוי נאָענט און אייגן, צו די אַלע מענטשן, צווישן וועלכע און מיט וועלכע איך בין געוואַקסן און איבערגעלעבט פריידן און שווערע מאָמענטן, חלומות און האָפענונגען אויף בעסערע צייטן, געוויינלעכע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, שבתים און ימים־טובים, מיט זייערע כאַראַקטעריסטישע איבערלעבענישן, פאַר־בונדן מיט שיינע יידישע טראַדיציעס, מנהגים, מיט פאַרשידנאַרטיקע שטרעבונגען און פאַרשידנאַרטיקע דערגרייכונגען מיט שיינע מדות און מעשים, וועלכע האָבן געגרויסט דעם נאָמען פון די יידן אין פשעדבאָזש און זייערע געשטאַלטן וועלן תמיד שטיין פאַר אונדזערע אויגן און מיר וועלן וועגן זיי דערציילן אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער, זיי זאָלן קענען די וואָרצלען פון אונדזער שטאַם, דעם קודש און חול פון זייער לעבן, די קינדהייט און יוגנט פון זייערע מאַמעס און טאַטעס און די גאַנצע סביבה, וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט.

אין פשעדבאָזש איז דאָס אַלץ געווען און געשען.

אוי, ווי שווער עס איז דאָס אַלץ איבערצודערציילן, אָבער גלייכצייטיק ווילט זיך וועגן דעם גאָר שטאַרק רעדן און שרייבן, אָנהייבן פון אָנהויב און איבער־דערציילן אַלץ וואָס מיר האָבן דאָרט איבערגעלעבט, איבערגעגעבן די שיינקייט און פאַראייביקן דאָס אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט אונדזער אַמאָליק לעבן, די שיינע געשטאַלטן, וואָס האָבן געלעבט אין אונדזער שטעטל; די אַלע נאָענטע, וואָס זענען אונדז אַזוי טייער און הייליק.

שבת אין שטעטל

אַ גאַנצע וואָך איז אָנגעגאַנגען די טאָג־טעגלעכע מאַטערניש פאַרן שטיקל ברויט. מיטן אָנקום פון שבת האָבן די יידן אין פשעדבאָזש אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם עול פון דער גרויער וואָך. סיי פשוטע יידן און סיי לומדים, בעלי־מלאכות



מלכה ווישינסקי און אירע
חברטעס :
אסתר פאנסקי,
ריבה טענענבוים,
צילה קראקאָווסקי און
מלכה־ליבע בלומענקראנץ

און סוחרים, טרעגער און בעלי־עגלות אַלע זענען גלייך אַרומגענומען געוואָרן מיטן דרך־ארץ פאַר דער הייליקייט פונעם שבת.

אַזוי האָט עס אויך אויסגעזען ביים אָנקום פון יעדן יום־טוב.

ביזן היינטיקן טאָג טראָג איך אין מיין געמיט די שטימונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פרייטיק־פאַרנאַכט, ווען די זון איז פאַרגאַנגען אויף מערב, יידן האָבן צוגעמאַכט די קראָמען. עס איז געוואָרן שטיל. מיין פאָטער יחזקאל ווישינסקי האָט תמיד געזאָרגט שנעל צו פאַרענדיקן די אַרבעט אין זיין סאָדעוואַסער־פאַבריקל, כדי צו קענען באַצייטנס גיין אין מקווה. אויך די מאַמע שרה האָט געהאַט פולע הענט מיט אַרבעט ביים צוגרייטן און אַריינברענגען דעם שבת אין שטוב אַריין.

די שטוב איז געוואָרן פול מיט שבת און איבער אַלעם האָט זיך פאַרשפּרייט דער חן פון קדושה. אויפן טיש זענען געלעגן די צוויי שיינע חלות פאַרדעקט מיט אַ טישטעכל. אין די אויסגעפוצטע זילבערנע לייכטער זענען געווען אַריינ־געשטעקט די ליכט און איבער זיי איז געשטאַנען די מאַמע, אַ צאַרטע, אַ בלייכע, לייכט געבויגן, מיט די צעשפּרייטע הענט פאַרשטעלט דאָס פנים און זי האָט געבענטשט די שבת־ליכט.

מיינע אויערן פאַרנעמען נאָך היינט דאָס שטילע מורמלען פון אירע ליפּן די תפילה פאַר אירע קינדער, פאַרן מאַן, פאַר אַלע יידן פון שטעטל און אין גאַר דער וועלט. מיט פייכטע אויגן האָט זי זיך אויסגעדרייט צו אונדז און מיט דער גאַנצער פייערלעכקייט געזאָגט : "גוט שבת !"

אויפן טיש איז געשטאַנען דער זילבערנער קידוש־בעכער און אין דער פלאַש האָט געבלאַנקט דער ראָזשינקע־ווין, אייגן־אנגעשטעלט אָדער געקויפט ביי משה־יאָסל וויינמאַכער.

דער טאַטע, אָנגעטון אין דער אַטלאַסענער בעקעשע איז מיט פּאַמעלעכע און שטילע טריט געגאַנגען צום דאַווענען אין בית־המדרש, באַגלייט פון זיינע צוויי זין הלל און לייבל. דאָס גאַנצע שטעטל האָט באַקומען אַן אַנדער פּנים. אַ שלווה איז אַריינגעטרעטן אין אַלע שטובן און אין די געסלעך. יעדער ייד האָט זיך געפילט ווי ער וואָלט פונסניי געבוירן געוואָרן. עס איז געווען אַן אינערלעכע שמחה און אַ געפיל פון פרייהייט, פון נשמה יתירה.

אין שטוב האָט די מאַמע פרום געזאָגט די תחינות. פון שיל, פון בית־המדרש און פון די חסידים־שטיבלעך האָבן זיך געהערט פריידיקע ניגונים. אַ, ווי שיין עס איז געווען דער שבת און יום־טוב אין אונדזערע היימען!

אומעטום האָט מען געפילט די רו און די קדושה. גאָר התלהבותדיק איז געווען אין די חסידים־שטיבלעך. חסידים אפילו ווען זיי זענען נישט געווען צוזאַמען מיטן רבין, האָבן זיי געהאַט דאָס געפיל, אַז זיי זענען פאַרבונדן מיטן גרויסן צדיק און אַז ער דאגהט טאָג און נאַכט פאַר כלל ישראל. אין אַן עת־צרה האָט מען צו ווענדן זיך און אַז עס ציט, עס נאָגט דאָס האַרץ, פאָרט מען צו אים, מען זעט זיין ליכטיק פּנים, זיין גרויסקייט און עס ווערט דאַן לייכטער אויפן געמיט, מען ווערט מונטערער ביי זיך, לעבעדיקער, הייסער אי אין תורה, אי אין אמונה, אי אין לעבן. שבת, ווען עס איז אַראָפּ דער עול פון פרנסה, האָט מען אפילו פונדערווייטנס זיך געפילט נעענטער צום רבין און דאָס געזאַנג איז געווען פריידיק און דערהויבן.



לייבל און אסתר ווישינסקי

צוריקקומענדיק פון בית המדרש האָט דער טאַטע געזאָגט "שלום עליכם מלאכי השרת..." און מיר קינדער, האָבן געהאַט דאָס געפיל ווי די שטוב וואָלט פול געווען מיט מלאכים, וואָס פלאטערן שטיל און רחמימדיק מיט די פליגל.

אומפאַרגעסלעך איז געווען דער שבתדיקער טיש, דעם טאַטנס קידוש־מאַכן און די זמירות, וואָס מיר אַלע האָבן מיטגעזונגען. דער טאַטע האָט געזונגען

״כל מקדש״ האַרציק און זיס. אַלעמענס פּנימער ביים טיש האָבן געשיינט מיט פרייד און שלווה.

שבת גאַנץ פרי האָט מיין פאָטער שוין ״מעביר־סדרה״־געווען. איך בין נאָך געלעגן אין בעט און צוגעהערט זיך צום ניגון, וועלכן איך האָב שוין געקענט פון מיינע פריסטע קינדער־יאָרן און דאָך האָט ער תמיד געקלונגען אין מיינע אויערן ניי און צוציִענדיק.

שפּעטער האָט מען אָפּגענומען די הייסע קאַווע פונעם בעקער און די מאַמע האָט מיך געשיקט צוטראָגן די וואַרעמע קאַווע צו דער קראַנקער רבקה די קאַלעכמאַכערין, צו דער משפּחה פון ר׳ פּנחס פרידריך, וועמענס ווייב איז לאַנגע יאָרן געלעגן קראַנק; אין אַנדערע נויטבאַדערפטיקע שטובן.

די שבתדיקע סעודה האָט זיך אָנגעהויבן נאָכדעם ווי דער טאַטע מיט מיינע ברידער זענען געקומען פון דאַווענען. ווידער האָט מען געזונגען זמירות צווישן איין מאכל און אַנדערן און אַלע ביים טיש האָבן זיך געפילט דערהויבן, שבתדיק.

נאָכן שבתדיקן נאָכמיטאָג־שלאָף, נאָכן טיילן שבת־אויבס, איז געקומען די שעה פון שלוש־סעודות. יינגוואַרג איז געגאַנגען שפּאַצירן אויפן קינסקער וועג. חסידים זענען געזעסן אין די שטיבלעך ביי געדעקטע טישן. יעדער האָט מיטגעברענגט מיט זיך אַ כזית פון שטוב און מען האָט געגעסן בצוותא, געזונגען. התלהבותדיק און פאַרבענקט זענען געווען די ניגונים פון די זמירות.

אַ סך חן און שיינקייט האָבן געהאַט די מלווה־מלכהס, וואָס זענען געקומען נאָך דער ״הבדלה״ אין דער אָנוועזנהייט פון דער גאַנצער משפּחה, ביי אַן אָנגעצונדן קאָלירט פלאַקס־ליכט.

די מלווה־מלכהס האָט מען אָפּגעריכט סיי אין פּריוואַטע שטובן און סיי אין שטיבל, בשותפותדיק, ביי אַ ברייטל, וואָס איז שוין געווען געוווּנג אַלט, אַ שטיקל הערינג, וואָס איז פונאַנדערגעטיילט געוואָרן אויף קליינע פּאָרציעס, אַ פּערטעלע בראָנפן און אַזוי האָט מען אָפּגעזונגען ביז חצות: ״אַל תירא עבדי יעקב״.

מיר, קינדער, האָבן דורשטיקע געשלונגען די ווערטער מיטן פאַרבענקטן ניגון, וואָס האָט שוין אָנגעזאָגט די קומענדיקע וואָך, דאָס אַוועקגיין פון דער שבת מלכתא און נעמען אויף זיך דעם שווערן עול פון פּרנסה.

אלול־טעג

אַזוי פרייִלעך ווי עס איז געווען ערב יעדן יום־טוב איז אָבער גאָר אומעטיק געוואָרן אין די אלול־טעג. אלול איז געווען נישט בלויז אַ טייל פון דעם יאָרלויף, נאָך עפּעס באַזונדערס, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער נשמה פון יעדן ייד

אין שטעטל. צוויי תקופות אין יידישן לוח זענען געהייליקט געוואָרן פאַר רייניקונג און באַנייאונג: די תקופה פון ניסן און די תקופה פון אלול. איינע איז באַשטימט געוואָרן אויף אויסצורייניקן און צו באַנייען דעם אַרום, און איינע — צו לייטערן די מחשבות און די מעשים, אָפּצושווענקען פון דער נשמה דעם שטויב פונעם לעבן. סיי דער פרילינג און סיי דער האַרבסט, יעדער אויף זיין שטייגער, זענען געקומען אין שטעטל אַריין אויפמונטערן די יידן, אויפוועקן זיי, און יידן אין פשעדבאָזש האָבן געהערט און געפאָלגט און עס איבערגעלעבט ביז אין די טיפענישן.

שבת־צו־נאַכטס פאַר ראש השנה האָט מען געזאָגט די ערשטע סליחות, נאָך צוועלף ביינאַכט איז דאָס בית המדרש, די גרויסע שיל און די חסידים־שטיבלעך אָנגעפילט געוואָרן מיט מתפללים. אויף די מענטשן איז אָנגעפאַלן אַ פחד. מען האָט זיך דערציילט וועגן גרויסע יידן, געהויבענע נשמות, וואָס האָבן געקענט אַ סך פועלן ביי גאָט מיט זייערע תפילות, מיט זייערע טענות פאַר גאָט. יעדער שמועס האָט זיך געענדיקט מיט אַ זיפץ: ”אַזאַ פחד... אלול, מיט וואָס קומט מען פאַרן רבונו של עולם?...”

איך געדענק אַן ערשטע סליחות־נאַכט, ווען מען האָט אין שטעטל דערוואַרט די טאָמאַשאָווער און פּאַביאַניצער רביים. צוויי ברידער זענען זיי געווען און עס איז צווישן זיי געווען אַ מחלוקת צוליב דער רביסטווע.

איינגעשטאַנען זענען זיי ביידע ביי זייער מוטער, די ראַספשער רביצין. פרייטיק צו־נאַכטס און שבת נאָכמיטאָג זענען שוין די אָנהענגער פון די צוויי רביים נישט געשלאָפן. פאַרהאָרעוועטע מידע פון אַ גאַנצער וואָך יאָגן זיך נאָך פרנסה, האָבן זיי געכאַפּט אַ דרימל ביים טיש און גלייך אויפגעכאַפּט זיך, איבערגעקעמפט דעם שלאָף, אָנגעטון די גאַרטלען און מיט שנעלע טריט געאיילט זיך, כדי חלילה נישט צו פאַרשפּעטיקן צום רבינס טיש־פירן. טייל זענען געגאַנגען צום טאָמאַשאָווער און אַנדערע צום פּאַביאַניצער.

ביי דער אַלטער רביצין איז די וווינונג פונאַנדערגעטיילט געוואָרן אין צוויי רעזידענצן. איין רבי האָט געפּראַוועט זיין רביסטוואָ אין איין טייל פון דער דירה און דער צווייטער אין דער שטוב פון דער צווייטער זייט. די ייִנגלעך זענען אַרומגעלאָפן אין סאַמעטענע היטעלעך, זיידענע זשיפּעצלעך, געגאַנגען צום געלן אלתר, צו שמואל־לייב ווישינסקי. זיי האָבן נאָך פריער איינגעצאָלט אויף פּעסעלעך ביר. געלט האָבן געגעבן די חסידים, פשעדבאָזשער און די וואָס זענען געקומען פון אַנדערע שטעטלעך. אַלע האָבן זיך באַמיט, אַז דער טיש ביי זייער רבין זאָל זיין באַזאָרגט מיט געטראַנקען און גוטע מאכלים.

מיין פאָטער, יחזקאל ווישינסקי איז געווען אַ ראַדאָשיצער חסיד, אָבער נישט

געקוקט דערויף, וואָס ער האָט נישט געהערט צו די אָנהענגער פון קיין איינעם פון די צוויי ברידער רביים, האָט ער פונדעסטוועגן אויך אַרויפגעשיקט קאַלטע געטראַנקען פאַרן עולם. שבת, צום טיש־פירן, האָט מען אָנגעהויבן ברענגען אַלערליי טשאָלנטן מיט קיגלען, כאָטש די רביצין איז געווען באַזאָרגט מיט דינסטן און אויך באַלעבאַטישע פרויען, וואָס האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן צוצוהעלפן ביים צוגרייטן צו די שבתדיקע טישן.

פרייטיק־צו־נאַכטס און שבת נאָכמיטאָג האָבן איבערן גאַנצן שטעטל אָפּ־געהילכט די חסידישע ניגונים, וואָס מען האָט געזונגען ביי די טישן פון ביידע רביים. ביים הויז פון דער אַלטער רביצין האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַ סך צוהערער און צוגעהערט זיך מיט גרויס הנאה צו די געזאַנגען, וועלכע האָבן אָנגעהאַלטן מיט הפסקות דעם גאַנצן שבת, ביז שלוש סעודות און דערנאָך, ווען מען האָט שוין געמעגט אָנצינדן אַ ליכט, האָבן די רביים געמאַכט הבדלה, געטיילט פּאַפּיראָסן און ווידער האָבן אָפּגעהילכט די געזאַנגען איבערן גאַנצן שטעטל און ווייט אַריבער ביז די לאָנקעס און פעלדער הינטערן שטעטל.

מוצאי שבת, נאָך האַלבער נאַכט, האָט דער עולם זיך ווידער פאַרזאַמלט און מיט ליכט און פלאַקערס אין די הענט געגאַנגען אין שיל זאָגן סליחות. מיט אַ געשריי און געוויין האָבן זיך געטראָגן די תפילות פון בית המדרש: ״די נשמה איז דיין און דער גוף איז דיין, האָב רחמנות אויף דיין ווערק...״ באַלד נאָך די תפילות האָט מען זיך אומגעקערט אַהיים, באַגלייט די רביים מיט געזאַנג און טענץ. .

ראש השנה

עס איז אָנגעקומען דער הייליקער ראש השנה, די מאַמעס האָבן געקויפט ווייסן שטאָף פאַר די מיידלעך, וועלכע זענען געגאַנגען אין שיל אַריין צום שופר־בלאָזן. מיין פרייד מיטן ווייסן קליידל, מיטן ווייסן זיידענעם באַנד אין די פאַרקעמטע האָר, איז געווען גרויס, אָבער האָט נישט געקענט פאַרטרייבן דעם פחד פאַר די ימים־נוראים, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע שטעטל. ביי יידן האָט געציטערט יעדער אבר. די מאַמע האָט געטענהט, אַז די וועלט איז אַוועק ווייט פון גאָט און אַז עס קומען די ימים־נוראים דאַרף מען תשובה־טון. יום־טובדיק און מיט פחד אין די הערצער איז מען געגאַנגען צום דאַווענען. די שיל, דאָס בית המדרש, די חסידים־שטיבלעך — אומעטום איז געווען פול. די מענער האָבן זיך איינגעוויקלט אין די טליתים איבערן קאָפּ. די ווייבער אין עזרת־נשים, אין יום־טובדיקע צירונג באַפּוצט, אין פערל און אין בלישטשנדיקע אויערינגלעך, זענען געווען אָנגעטאָן אין ווייסע זיידענע טיכלעך, אין ווייסע קליידער, אַז

אַנווייז און אַ געבעט צום רבונו של עולם, אַז ער זאָל היינט ווייס און ריין מאַכן אונדזערע נשמות פון זינד. איך בין מיטגעגאַנגען מיט מיין מאַמען צו הערן שופר־בלאָזן, געזען די גרויסע ליכט, וואָס האָבן געברענט ביים עמוד און די טאַטעס, וואָס זענען געווען איינגעהילט אין די טליתים. דער חזן ביים עמוד איז געווען אָנגעטון אין אַ ווייסן קיטל. דער טלית אויפן קיטל און איבערן קאָפּ פאַרוואָרפן. זיין שיינע שטים איז געווען דורכגענומען מיט געוויין, וואָס האָט זיך געריסן פון יעדנס האַרץ: "איך ציטער עפענענדיק מיינע לעפצן, מיין געבעט אויסצוגיסן..."

ווי עלנטע, פאַרבלאָנדזשעטע, פאַרוואָגלטע אומבאַהאָלפענע קינדער האָט מען געבעטן מיט ביטער געוויין: "דערמאָן אונדז צום לעבן... שרייב אונדז איין אין בוך פון לעבן..."

אַזוי האָט מען געבעטן און זיך פאַרגאַנגען אין געוויין. רחמנות, רחמנות זאָל דער באַשעפער האָבן אויף די מענטשן און אין דעם טאָג פון דין אָנשרייבן אַ גרינגער, אַ גליקלעכער לעבן.

נאָכן הערן שופר־בלאָזן בין איך שנעל אַהיימגעגאַנגען, פאַרזוכט פון די גוטע מאכלים, וואָס די מאַמע האָט צוגעגרייט, אַ נאַש געטון פונעם האָניק־לעקעך און פלאָדנס און אַנדערע גוטע זאַכן. דאַן גלייך גענומען גרייטן צום טיש, כדי אַז ווען די עלטערן וועלן אַהיימקומען פון דאַווענען זאָל שוין דער טיש זיין געדעקט. זיי זענען געקומען מידע און פאַרוויינטע פונעם דאַווענען, אָבער ווען מען האָט זיך געזעצט ביים יום־טובדיק־צוגעגרייטן טיש איז מען ווידער באַהערשט געוואָרן פון יום־טובדיקע מחשבות און יום־טובדיקן געפיל.

דעם ערשטן טאָג ראש השנה האָט מען זיך נישט צוגעלייגט נאָכן מיטאָג. די מאַמע האָט געזאָגט: "קינדערלעך, מען דאַרף נישט פאַרשלאָפן דאָס גוטע מזל". גלייך נאָכן עסן איז דער טאַטע גיך אַוועק צוריק אין בית המדרש אַריין. אין דעם טאָג האָט מען נישט געקענט רוען, נישט געוואָלט דורכלאָזן קיין רגע, נישט צו זיין נאָענט צום באַשעפער און נישט שטיין אויף דער וואַך און בעטן, זאָגן תהילים, לערנען.

נאָך מנחה איז מען געגאַנגען צו תשליך, צום טייך, וואָס האָט דורכגעטיילט דאָס שטעטל. די יידן, מענער, באַזונדער און פרויען באַזונדער, זענען געשטאַנען ביים שטראָמיקן טייך, אויסגעגאָסן דאָס שווערע ביטערע האַרץ פאַר גאָט, געבעטן און געשיט די עבירות אין טייך אַריין. דאָס זענען געווען אומפאַרגעסלעכע שעהן, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין האַרצן אויפן גאַנצן לעבן. די זון האָט שוין געהאַלטן ביים אונטערגיין און דער ווייטער האָריזאָנט איבער די בערג האָט זיך געבאָדן אין בלענדנדיקע קאָלירן. אַ קיל ווינטל האָט שוין אָנגעזאָגט דעם אָנקום פון האַרבסט, אָבער נאָכן אַריינשיטן די עבירות אין טייך אַריין, איז געוואָרן

גרינגער אויפֿן געמיט. אין האַרצן איז אויפֿגעגאַנגען אַ האָפֿענונג: עס קומט אַ נײַ יאָר, ריין און געלייטערט.

יום־כּיפּור

אין די עשׂרת ימי תּשובֿה איז די אַטמאָספֿער אין שטעטל געווען ימים־נוראָימדיק און ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער יום־כּיפּור האָט זיך אָנגעהויבן אַן ענין פֿון אײַנקויפֿן כּפּרות. פֿאַרן טאַטן האָט מען געקויפֿט אַ גרויסן ווײַסן האָן, מיט אַ רויטן קראַם. פֿאַר די קינדערלעך, ווײַסע הענדלעך פֿאַר די זין און הינדלעך פֿאַר די מיידלעך. דאָס שלאָגן כּפּרות האָט זיך אָנגעהויבן שוין אין דער נאַכט ערבֿ יום־כּיפּור. דער טאַטע האָט מיט גרויס כּוונה געזאָגט: "זה כּפּרתי, זה חליפֿתי" און מיר זענען געווען זיכער, אַז די הינער האָבן איבערגענומען אַלע אונדזערע עבֿירות. דער שוחט איז פֿון גאַנץ פֿרי געווען פֿאַרנומען מיטן שעכטן די כּפּרות. ווער עס האָט געבראַנגט די הינער צו אים אין שטוב אַרײַן און צו וועמען ער איז אַליין געקומען און געשאָכטן די עופֿות אויפֿן אָרט.

די פֿרויען זענען געווען שטאַרק פֿאַרנומען מיטן צוגרייטן די ערבֿ יום־כּיפּורדיקע סעודות און אויף צומאָרגנס נאָכן פֿאַסטן. די מאכלים פֿון ערבֿ און מוצאי יום־כּיפּור זענען געווען סרובֿ זיסע, אַ סימבאָל אויסצובעטן זיך אַ זיס יאָר. די חלות זענען געפֿלאָכטן געוואָרן אַנדערש ווי אַ גאַנץ יאָר, קײַלעכיק, געדרייט, מיט אָנדייטן אויף אַ קײַלעכיק יאָר אָן שום מכשול.

מײַן פֿאָטער איז ווי אַ סך אַנדערע חסידים געפֿאָרן אויף יום־כּיפּור צום רבין. אויפֿן מאַרק זענען געשטאַנען פֿורן, געשפּאַנט אין פֿערד, פֿול מיט חסידים. יעדע פֿור איז געפֿאָרן אין אַן אַנדערער ריכטונג. דער טאַטע איז גאַנץ פֿרי געלאָפֿן אין מקווה אַרײַן און באַלד אַוועק אין בית המדרש. אַהיימקומענדיק האָט מען זיך גלײַך געזעצט צום טיש אָפּעסן די ערשטע סעודה. מיר, די קינדערלעך, האָבן געגעסן אָן אַפּעטיט, ווײַל עס איז נאָך געווען צו פֿרי, אָבער דער טאַטע האָט אונדז צוגעגעבן חשק, געזאָגט: "קינדערלעך, ערבֿ יום־כּיפּור איז אַ מיצווה צו צו עסן". די מאכלים האָבן פֿאַרשמעקט די גאַנצע שטאָט, געפֿילטע פֿיש, קרעפּלעך, רונדיק געשניטענע מייערן, וועלכע מען האָט גערופֿן "רענדלעך". אַזאַ איז געווען דער מנהג בײַ די ייִדן אין פּשעדבאָזש און אַלץ כּדי צו דערמאָנען דעם רבונו של עולם דאָס געבעט, אַז דאָס גאַנצע יאָר זאָל זײַן אַ יאָר פֿון פּרנסה בהרחבֿה.

צו מנחה איז געווען דער מנהג, אַז יונגעלײַט זאָלן אַרומגיין אין בית המדרש, אין שיל און אין די חסידים־שטיבלעך זאַמלען געלט, ווער פֿאַר הייליקע אינסטיטוציעס, פֿאַר אָרעמעלײַט און יתומים און ווער פֿאַר קרן קיימת לישׂראל. דאָס

זענען געווען קודם־כל די, וועלכע האָבן געהערט צו די "צעירי מזרחי". צווישן זיי זענען געווען: יאָסל העניק, אברהם און הילל פאנסקי, הילל און לייבל ווישינסקי, משה וויינמאַן, משה צעכאַנאָווסקי, אברהם גרינבלאט, חיים אפּאָטאָווסקי, משה־יאָסל בלומענקראַנץ און נאָך אַ סך, וועמענס נעמען זענען מיר אַרויס פון זכרון.

כל־נדרי

די כל־נדרי־נאַכט אין שטעטל געהערט צו די טיפסטע איבערלעבענישן פון קינדער און דערוואַקסענע און מיר איז שווער צו שילדערן און איבערגעבן די שטימונג, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע שטעטל. פאַר די אויגן שטייען מיר די דערוואַקסענע יידן, יונגעלייט מיט ערשט־שפּראָצנדיקע בערד און עלטערע הדרת־פּנימדיקע און געבויגענע, אָנגעטוענע אין ווייסע קיטלען, אין טליתים מיט זילבערנע עטרות, אויף זייערע פּנימער האָט זיך געמאָלן דער פּחד פון אַ יום הדין. ווער עס איז געגאַנגען פאַוואָלע מיט געלאַסענע טריט און ווער עס האָט זיך געאיילט וואָס שנעלער צו זיין אין שיל. פרויען, יונגע און עלטערע זענען געווען אָנגעטון אין ווייסע קליידער, מיט פריש צוגעקעמטע שייטלען אָדער קופּקעס. אַלע זענען געגאַנגען צו כל־נדרי.

נאָכן אָפּזאָגן די תפילה זכה, האָט זיך ענדלעך דערהערט דאָס קול פונעם חזן, וואָס האָט דורכגעשניטן די הערצער פון אַלע צוהערער. קיינער איז נישט געבליבן אין שטוב. אַלע, יונג און אַלט האָבן זיך פאַרזאַמלט אין שיל, אין בית המדרש און אין די שטיבלעך, אומעטום איז געווען איבערגעפּולט. ביים עמוד איז געשטאַנען ר' יוסף זינגער, ווי מען האָט אים גערופן יוסף פון דער בריק, און זיין ניגון, דער טרויעריקער און פאַרבענקטער כל־נדרי־ניגון האָט אַריינגעדרונגען אין די הערצער און אויפגעוועקט די געפילן פון חרטה און הייס געבעט.

די תפילות האָבן זיך געצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס זענען געבליבן אין בית המדרש און אין די חסידים־שטיבלעך איבער דער גאַנצער נאַכט, געדאַוונט און געלערנט. זיי האָבן נישט געוואָלט איבעררייסן די הייליקייט פונעם יום הדין אויף קיין איין מינוט. אַזוי האָט זיך געצויגן דער גאַנצער יום־כיפּורדיקער טאָג, מיט תפילות און האַרצרייסנדיקע געוויינען, ביז עס איז געקומען די שעה פון נעילה און די געוויינען און געשרייען זענען געוואָרן נאָך העכער, ווי מען וואָלט געשטורעמט מיט די תפילות די טויערן פון הימל און די געבעטן האָבן זיך געריסן ביז צום כסא הכבוד.

נאָכן אָפּדאַווענען האָט מען געבלאָזן שופר און איבערן גאַנצן וועג אַהיים האָט איינער דעם צווייטן געווינטשן אַ גוט יאָר. מען האָט זיך געדריקט די הענט

און מוחל געווען איינער דעם אַנדערן באַגאַנגענע באַליידיקונגען, כדי אַרויפֿצוציען אויף זיך די מחילה פֿון גאָט אויף די באַגאַנגענע חטאים. עס איז געוואָרן לייכטער אויפֿן האַרץ. נאָכן איבערבייסן האָט מען זיך אַביסל אָפּגערוט, געטיילט זיך מיט די איינדרוקן פֿון פֿאַרגאַנגענעם תענית און באַלד האָבן אין שטעטל זיך דערהערט דונערנדיקע קלעפּ פֿון האַמערס. דאָס האָבן יידן גענומען זיך אויפֿצושטעלן די סוכות.

סוכות

געגעסן אין סוכה האָבן נאָר די מענער. אין כמעט יעדער סוכה זענען געזעסן צוזאַמען עטלעכע שכנים. די ווייבער זענען געווען פֿאַרנומען מיטן צוגרייטן די מאכלים, וואָס מען האָט געדאַרפֿט דערלאַנגען פֿאַר די מענער אין דער סוכה. נישט ווייניק מחשבה האָבן אונדזערע מאַמעס און באָבעס אַריינגעלייגט אינעם צוטראַכטן די באַזונדערע מאכלים לכבוד סוכות. אין קליינעם מאַרק איז געווען דער פֿיש־האַנדל. דאָרט זענען געווען אויסגעשטעלט בענק מיט באַליעס וואַסער, אין וועלכע עס זענען געשווומען פֿאַרשידנערליי פֿיש, פֿעטע קאַרפּן, העכט און אַנדערע קלענערע פֿישלעך. פֿאַר די אויגן שטייען מיר די פֿישערקעס: פֿרימעטל די פֿישערקע, טובה ריבה די פֿישערקע, ווי זיי האָבן גערופֿן די ווייבער און געלויבט זייערע פֿיש, ספּעציעל לכבוד סוכות. צו די פֿישער האָט אויך געהערט ישראל קראַטשו.

ערב סוכות, באַלד אינדערפֿרי, האָט מען אָנגעהויבן טראָגן צו די בעקערס פֿאַרשידנערליי חלות און קוכנס צום באַקן. זעלטן ווער עס האָט געקויפֿט גרייטע חלות, ווייל ווי ועט מען אויסזען אין סוכה מיט אַ געקויפֿטער חלה?!

די סוכה איז געוואָרן באַצירט מיט פֿאַרשידענע קאָלירטע קייטן פֿון פּאַפּיר און אַנדערע באַפּיצונגען פֿון קאַרטאָן. די שענסטע פּרוכטן האָט מען איינגעקויפֿט אויף סוכות.

באַזונדערס פֿייערלעך איז געווען די ערשטע נאַכט אין סוכה. די שכנים אין יעדער סוכה האָבן מיט גרויס דרך־ארץ זיך באַצויגן איינער צום אַנדערן, געוואַרט איינער אויפֿן אַנדערן ביז ער וועט קומען פֿון זיין שטיבל אָדער שיל. דעם חשובסטן האָט מען מכבד געווען מיטן ערשטן קידוש. אינדרויסן האָבן געוואַרט ווייבער, טעכטער צו הערן דעם קידוש און דערנאָך האָט מען זיי אַרויסדערלאַנגט דעם וויין אין שיינעם זילבערנעם בעכער, זיי זאָלן אויך אַ ברכה מאַכן. צוזאַמען מיט מיין טייערער מוטער זענען מיר נאָכן קידוש מאַכן גיך אַריין אין שטוב און אָנגעהויבן דערלאַנגען די מאכלים אין סוכה אַריין.

חול המועד זענען די מענטשן געווען אָנגעטון כמעט יום־טובדיק. עס איז

געווען אַ מנהג צו פאַרבעטן כלות אָדער חתנים, פאַר וועלכע מען האָט געהאַט איינגעקויפט מתנות. מען האָט איך פאַרבעטן שכנים און קרובים.

נישט יעדער האָט זיך געקענט דערלויבן צו קויפן אַן אתרוג אויף סוכות. דאָס איז געווען אַן ענין פאַר די גבירים און פאַרמעגלעכע יידן אין שטעטל. אַזעלכע זענען געווען: אלעזר ליכטנשטיין, יאנקל מאלץ, דוד גאטעסמאן, משה בעלזשיצקי און נאָך אַנדערע פאַרמעגלעכע באַלעבאַטים. די פשעדבאָזשער קהילה האָט געקויפט אַן אתרוג אין שיל אַריין און דער געלער שמש נפתלי האָט אַרומגעטראָגן דעם אתרוג איבער יידישע שטובן, כדי מזכה צו זיין פרויען און קינדער מיט דער מצווה פון בענטשן אתרוג. איך געדענק ווי נפתלי שמש האָט געקלאַפט אין אונדזער טיר, גאָר פרי, איך בין נאָך געלעגן אין בעט און ער האָט גערופן: "אתרוג־בענטשן!" מיין מוטער האָט מיט גרויס כוונה גענומען דעם אתרוג און דעם לולב און געזאָגט די ברכות. איך האָב זיך אויף גיך געוואַשן מיט גרויס־דרך־ארץ גענומען אין האַנט אַריין דעם אתרוג און דעם לולב און נאָכגעזאָגט די ברכות.

הושענה רבה

כמעט ווי אַ באַזונדערער יום־טוב איז געווען הושענא־רבה. איך געדענק ווי מיין פאָטער איז געזעסן און געזאָגט תיקון. יעדעס יאָר איז צו אונדז געקומען מיט הושענות אייזיק דער בעדער, וועלכער האָט אויך געהאַט אַ שותף און ווען יענער איז געשטאָרבן האָט דאָס געשעפט איבערגענומען זיין זון. ער שטייט מיר פאַר די אויגן ווי לעבעדיק בעת ער איז אַריינגעקומען אין אונדזער שטוב און געזאָגט: "איך האָב איבערגענומען מיין טאַטנס חזקה צו ברענגען אייך, ר' יחזקאל, הושענות. איר זייט געווען מיין טאַטנס אַ גוטער קונה".

דער טאַטע האָט זיי געפלעגט אויפנעמען מיט וואַרעמקייט און דרך־ארץ. מיין מאַמע שרה, האָט דערלאַנגט בראָנפן מיט איבערבייס און געווונטשן אַ גוט יאָר. ביים אַוועקגיין האָט דער טאַטע זיי גוט באַלוינט.

ביז צוועלף אַזייגער בייטאָג זענען די געשעפטן אין הושענא־רבה געווען געשלאָסן. אויך די ווייבער זענען געגאַנגען אין שיל אַריין אויסבעטן אַ גוט קוויטל.

שמחת־תורה

גאָר פייערלעך האָט דאָס שטעטל אויסגעזען אין שמחת תורה. עס זענען אָפגעווישט געוואָרן די מחיצות צווישן חסידים און פשוטע יידן, סוחרים און בעלי־מלאכות. יונג און אַלט האָבן געפייערט דעם יום־טוב פון דער תורה. אומעטום

האָט מען געזען יינגלעך מיט פענער אין די הענט און אויף יעדער פאָן איז געווען אַ רויט עפּעלע מיט אַ ליכטל. די קינדערישע פּנימער האָבן געלויכטן.

גאָר פריילעך איז געווען אין די חסידים־שטיבלעך, ווו מען האָט געזונגען און געטאַנצט אָן אויפהער. מיט טענץ און געזאַנג זענען די חסידים געגאַנגען איבער די גאַסן פון איין שטוב אין דער צווייטער. אומעטום האָט מען זיי מכבד געווען מיט עסן און טרינקען. עס זענען געווען אַזעלכע, באַזונדערס גאָר שאַרפע חסידים, וועלכע האָבן נישט געוואַרט ביז מען וועט זיי דערלאַנגען צום טיש, נאָר גלייך אַריין אין קיך, געזוכט אין אַלע ווינקלען ביז זיי האָבן געפונען דעם פּסחדיקן ווישניאַק, שליוואָוויץ און אַנדערע גוטע זאַכן. זיי האָט נישט געאַרט וואָס די באַלעבאָסטע האָט זיך אַביסל געקרומט. זיי האָבן זיך געאיילט, ווייל עס זענען נאָך געווען אַ סך שטובן צו באַאַרבעטן...

פאַר אונדז מיידלעך איז שמחת תורה אויך געווען אַ באַזונדערער יום־טוב. די מאַמעס האָבן געבאַקן ספּעציעל געבעקס, בייגעלעך, בלימעלעך, פייגעלעך און נאָך פאַרשידענע אַנדערע פאָרמען, איינגעקויפט אַלערליי ניס, באָקאָליע און אַנדער נאַשוואַרג. די גאַנצע נאַכט איז אַדורך אין שפּאַנונג און אָפּוואַרטן דעם מאָרגנדיקן טאָג. באַלד אינדערפרי האָבן זיך באַוויזן די מיידלעך ,יינגינקע, ביז אַ יאָר צען, אָנגעטון אין נייע קליידלעך, די האָר געפלאָכטן אין צעפּ, פאַרשלייפט מיט קאָלירטן באַנד. אין די הענט האָבן זיי געטראָגן טעלערס מיט ווייסע סערוועטן איבערגעדעקט. אין יעדן טעלער האָבן זיך געפונען די אַלע גוטע זאַכן, וואָס מען האָט צוגעגרייט אויף יום־טוב. די גדולה און שמחה ביי די קינדער איז נישט צו באַשרייבן.

אונדזערע מאַמעס האָבן מיטגעלעבט מיט אונדזער פרייד, האָבן זיך אַליין אויך דערפילט יונגער און זאָרגלאָז. שמחת תורה איז געווען דער פריילעכסטער יום־טוב נישט נאָר פאַר די יינגלעך, וועלכע מען האָט אויפגערופן צו דער תורה, נאָר אויך פאַר אונדז מיידלעך, וועלכע האָבן אפשר אַזוי גוט נישט פאַרשטאַנען ווי געפילט די באַזונדערקייט פון דער פרייד מיט מתן תורה. ווען מיר זענען אויפגעוואַקסן האָבן מיר געוווסט, אַז דער שליסל צו דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק איז — תורה, די פרייד פון לערנען תורה, די פרייד פון פאַרשטיין תורה. מיר ווייזט זיך אויס, אַז עס איז כמעט ווי אוממעגלעך צו דערקלערן אָדער צו פאַרטייטשן די באַדייטונג פון דעם וואָרט תורה אויף אַ פרעמדער שפּראַך.

שמחת תורה אין שטעטל איז נישט געווען קיין יום־טוב בלויז פאַר לומדים און רבנים. עס איז געווען דער יום־טוב פון אַלע יידן אין שטעטל, אַ יום־טוב פון פרייד מיט דער תורה און פון פשוטסטער נאַטירלעכסטער פאָלקסטימלעכקייט.

מיר איז אָפּט אויסגעקומען צו טראַכטן וואָס עס איז אַזוינס פרייד? קאָן אַ

מענטש זיך משמח זיין נאָר ווען ער איז גליקלעך, אָדער איז פרייד אַ מתנה פון הימל ,וואָס ווערט געגעבן פאַר אָרעם און רייך? דערמאָן איך זיך אין דער שמחה אין אונדזער אָרעם שטעטל פון אַמאָל, ווי אונדזערע פאַרזאָרגטע און פאַר־האָרעוועטע עלטערן האָבן זיך געפרייט מיט דער תורה און ווען איך פאַרגלייך זי מיט די מאָדערנע פאָרמען פון פרייד אין דער היינטיקער צייט, איז פאַר מיר קלאָר, אַז אין דער פרייד אין שטעטל איז געווען אַ סך מער טעם. עס איז געווען יום־טובדיקע פרייד, נשמה יתירהדיקע. עס איז געווען די גרויסע קונסט פון אמתער פרייד, די קונסט אַרויסצוכישופן די שמחה, וואָס שטעקט פאַרבאָרגן טיף אין דער מענטשלעכער נשמה.

מען האָט אין שטעטל נישט געדאַרפט גיין זוכן פרייד, ווייל דעם רייכסטן אוצר פון פרייד האָבן אונדזערע עלטערן געהאַט אין זיך און דער שליסל צום אוצר פון שמחה איז געווען דער יום־טוב. עס איז יענע העכערע פרייד, וואָס איז אַ סך מער ווי פערזענלעך גליק, ווי מאַטעריעלע הצלחה. עס איז די פרייד פון שותפות מיטן כלל. אויב אַלע יום־טובים זענען געווען טעג פון פרייד, איז גאָר אַ באַזונדערער יום־טוב פון שמחה געווען סוכות — "זמן שמחתינו", און דער קולמינאַציע פונקט איז דערגאַנגען אין שמחת תורה, דער לעצטער טאָג סוכות, וואָס פאַרענדיקט אויף אַ וווּנדערלעכן אופן דעם קרייז פון די גרויסע יום־טובים. און דווקא פשוטע יידן, אַרבעטס־מענטשן און פאָלקס־מענטשן, האָבן זיך אָן אַ שיעור געפרייט מיט דער תורה און האָבן מיט דער גאַנצער נשמה געזונגען: "שישו ושמחו בשמחת תורה", ווייל תורה איז די בעסטע סחורה.

פסח אין שטעטל

אַמאָליקער פרילינג, פאַרגאַנגענע יאָרן, נעכטיקע טעג? ניין. דער נעכטן איז אויך אונדזער היינט. יענע טעג זענען אויף אייביק איינגעקריצט אין אונדזער נשמה. ווען מיר דערמאָנען זיך אין די טעג פון אונדזער קינדהייט און יוגנט איז ווי דורות מיט דורות וואָלטן זיך באַהאַפטן און די דערינערונגען באַגלייטן אונדז דורך אַלע שטורעמס, וואָס אונדז איז אויסגעקומען דורכצומאַכן.

די זון איז אין יענע טעג אויפגעגאַנגען זייער שיין און האָט מיט איר ליכטיק פנים אַראָפּגעקוקט אויפן פאַרהאָרעוועטן שטעטל און יעדער קוק אירער האָט צוגעגעבן אַ שטיק געזונט, מחיה געווען איטלעכע זאַך באַזונדער. פייגעלעך האָבן זיך גענומען אומקערן פון די ווייטע לענדער, געשפּילט און געצוויטשעט איבער די קעפּ פון די יידן, וואָס האָבן גענפּנט די פענצטער נאָכן האַלטן זיי אַ גאַנצן ווינטער פאַרמאַכט. פון אַ סך שטובן האָט מען אַרויסגעטראָגן אויס־צולופטערן די ווילנער ש"סן, ספרים און מלבושים, בעטן, שענקלעך. ווייבער

האָבן זיך פֿאַרנומען מיט רוימען, קאַלעכן די ווענט, וואָס האָבן איבערן ווינטער באַוויזן צו ווערן פֿאַרשוואַרצט פֿונעם רויך פֿון די אייוועלעך. פֿאַר הערשל מאַלאַזש איז דעמאָלט געווען הויך־סעזאָן. תמיד זע איך אים ווי ער טראָגט די לייטער, אויף וועלכער עס איז געווען אָנגעהאַנגען אַ קיבעל מיט פֿאַרב און אין דער צווייטער האַנט אַ פּענדזל מיט אַ לאַנגן שטעקן. באַלד נאָך פּורים, ווען דער שניי האָט אָנגעהויבן צעגיין און די בלאָטעס אין שטעטל זענען געוואָרן טיפֿער און געדיכטער, פֿלעגט הערשל מאַלאַזש ווערן חשובער ביי זיך, ווייל די פֿאַר־פּסחדיקע טעג אין פּשעדבאָזש האָבן אָנגעזאָגט דעם אָנגעלויף פֿון די באַלעבאָסטעס, וואָס האָבן זיך אַ לאָז־געטון צו אים פֿון אַלע עקן שטעטל מיט זייערע באַשטעלונגען און בקשות. יעדע איינע אויף איר שטייגער האָט זיך אָנגעהויבן צו אים הנדלען, ווער מיט ווייבערישער קאָקעטעריע און ווער מיט געבעט פֿון אַ מאַמע. יעדע באַלעבאָסטע האָט געוואָלט, אַז הערשל זאָל זיין ביי איר דער ערשטער, איידער אַנדערע פֿאַרכאַפּן אים, צערייסן אים מיט זייערע באַשטעלונגען.

אין יענע טעג האָט הערשל מאַלאַזש הויך אָפּגעשאַצט זיין ווערט. זייענדיק אַרומגערינגלט מיט אַזויפֿיל ווייבער, וואָס זענען געווען אָפּהענגיק פֿון זיין גוט האַרץ, פֿלעגט ער חשיבותדיק געבן צו פֿאַרשטיין, אַז ערשטנס האָט ער נאָך פֿאַראַיאָרן צוגעזאָגט דער און דער באַלעבאָסטע, אַז אויב מ׳וועט דערלעבן איבער אַ יאָר, וועט ער זיין ביי איר דער ערשטער... צווייטנס האָט ער דאָס יאָר נישט מער ווי איין פֿאַרב, וואָס דאָס קען דעקן נאָר די פֿאַרב, מיט וועלכער ער האָט געקאַלכט פֿאַראַיאָרן ביי דער אָדער יענער באַלעבאָסטע...

הערשל מאַלאַזש האָט געוווסט, אַז אין די טעג פֿאַר פּסח זענען די ווייבער אין זיינע הענט און ער האָט זיך אויסגעקליבן, לויט זיין אייגענעם איינזען, די שטובן. קוים האָט ער אָנגעהויבן, האָבן אין די הויפֿן זיך באַוויזן כלערליי מינים מעבל פֿון פֿאַרשידענע סטילן, פֿון פֿאַרשידענע דורות, וואָס די באַלעבאָסטעס האָבן אַרויסגעשטעלט פֿאַר דער טיר, כּדי פֿריי צו מאַכן די שטובן צום קאַלעכן.

מען האָט אָנגעהויבן שייערן, רייבן, גיסן און כליאַפּען. דער רעש אין שטעטל איז געווען גרויס. דאָס שטרוי, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון די שעניקעס און זיך צעשפּרייט אין באַזונדערע קליינע שטרויעלעך, איז געפֿלויגן איבערן שטעטל צוזאַמען מיט די קאָלירטע פּאַפּירלעך, וואָס האָבן דורכגעווינטערט צווישן די דאָפּלטע פֿענצטער, וועלכע מען האָט פֿאַרשפּאַרט, כּדי נישט דורכצולאָזן די קעלט אין די שטובן. אין דער לופֿטן האָבן זיך געטראָגן פֿעדערן פֿון די איינשיטן און פֿערענעס.

הערשל האָט זיך געטון זיינס, האָט געקאַלעכט די ווענט, איינגעזייפֿט, געגאַנגען פֿון הויף צו הויף, געטראָגן די לייטער מיטן קיבעל פֿאַרב און דערביי

זיך צוגעזינגען פאַרשידענע פריילעכע ניגונים. ער האָט זיך געפּילט ווי די גאַנצע וועלט וואָלט פאַר אים געווען אָפן. ער האָט געהאַט פולע הענט מיט אַרבעט און עס איז אים געווען גוט אויפן האַרצן און שטייענדיק אויף דער לייטער האָט ער זיך בנעימותדיק אויפן ביי־קול אונטערגעזונגען אַ ניגונדל פונעם מלך עליון, פול מיט דאַנקבאַרקייט צו השם יתברך פאַרן גרויסן חסד, וואָס ער טוט מיט אים. דורך אַנדערע צעעפנטע פענצטער האָבן זיך אויך געהערט ניגונים פון שבתדיקן אָדער יום־טובדיקן דאַווענען. דאָס האָבן שניידער־געזעלן זיך צוגעזונגען ביי דער אַרבעט. יידן אין פשעדבאָזש האָבן אין די טעג געזאָרגט נישט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַר אַנדערע, פאַר די אָרעמע, אַז דער יום־טוב זאָל חלילה נישט פאַרשעמט ווערן אין זייערע שטובן. יעדער, לויט זיינע מעגלעכקייטן, האָט זיך באַשטייערט אויף "מעות חטין". מען האָט געזאָרגט, אַז קיין איין יידישע שטוב זאָל נישט בלייבן אָן מצות, אָן קאַרטאָפל; אַז אָרעמע משפחות זאָלן קענען אויפפרייען פאַר זייערע קינדער אַ ניי קליידל, אַ ניי קאַלאַטל, אַ פאָר שיכלעך.

געגרייט צום יידישן פסח האָבן זיך אויך די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער. זיי האָבן געברענגט אין שטאָט אַריין אייער, הינער און גענדז, זענען האָפּערדיק אַריינגעפאָרן אין שטעטל און די ווייבער, וואָס האָבן זיך געקענט פאַרגינען, האָבן פשוט אָנגעקוואָלן פונעם כל טוב. אויפן מאַרק האָט מען געזען שטייען רעדלעך יידן, וואָס האָבן אי געוואַרעמט זיך אויף דער זון און אי זיך באַראַטן ווו צו קריגן אַ גמילות חסד. די יינגלעך האָט מען אין יענע טעג פרי אָפּגעלאָזט פון חדר. מאַמעס האָבן זיך געבעטן ביי זיי גיין אַ וועג אָדער צוהעלפן רוימען אין שטוב, אָבער זיי האָט געצויגן צום צעליכטיקטן דרויסן, צום שפּילן אין קנעפּלעך, אין ניס.

געווען פאַרשידענע חסידים־שטיבלעך אין פשעדבאָזש, יעדעס מיט זיין באַזונדערן דרך אין חסידות, געפאָרן צו באַזונדערע רביים, אָבער אין איין ענין האָבן זיי זיך צוזאַמענגעטיילט. דאָס איז געווען דער ענין פון שמורה־מצות. חסידים פון פאַרשידענע שטיבלעך זענען געוואָרן שותפים אין דער אַ הייליקער מצווה. זיי האָבן געהאַלטן, אַז די מצווה פון עסן מצות איז נישט נאָר כדי מקיים צו זיין דעם געבאָט פון שבעת ימים תאכלו מצות, נאָר טאַקע זיך אויך מיט דער מצווה מטפל זיין און פון שנים קדמוניות האָבן זיי זיך נוהג געווען צו האָבן די השגחה איבער די זאַנגען, איבערן מליטשן דעם ווייץ און אַרויסנעמען די טרוקענע קערנער פון די זאַנגען, איבערן כשרן די מיל. מען האָט דאָס מעל צופיל נישט געזיפּט, ווי מען זיפּט געוויינלעך מצה־מעל, איז עס טאַקע געווען אַביסל טונקל. אדרבה, זאָל עס אויסזען ווי דאָס לחם עוני, וואָס יידן האָבן געגעסן ווען זיי זענען פון מצרים אַרויס בחיפּזון.

מיטן אָנהייבן באַקן מצות איז געוואָרן לעבעדיק אין שטעטל. צוערשט האָט מען געבאַקן די געוויינלעכע מצות און דערביי אויך געווען שטאַרק אָפּגעהיטן. עס האָבן זיך דערמיט פאַרנומען פרומע יידן, ווי אַ שטייגער ר׳ פנחס אפאטאָווסקי, וועלכער האָט צוזאַמען מיט זיין איידעלער פרוי שטאַרק מקפיד געווען, אַז אַלץ זאָל זיין כשר למהדרין.

דערנאָך האָט מען זיך גענומען צום באַקן די שמורה־מצות. מען האָט נאָך אַמאָל געוואַשן און געשייערט די טישן מיט די כלים, געבערענט און געכשרט דעם אויוון. פאַרנאַכט, בין מנחה למעריב, זענען שותפים צו די שמורה־מצות מיטן רב פאַרויס, מיט עמערס אין די הענט, געגאַנגען צום טייך ברענגען וואַסער פאַר די מצות "מים שלנו". אַזוי איז דער דין, דאָס וואַסער דאַרף איבערנעכטיקן.

מיט פרומע, פריילעכע פּנימער איז מען געגאַנגען טון די גרויסע מצווה. צומאָרגנס, פאַר נץ החמה, איז מען געגאַנגען אין מקווה אַריין, פרי אָפּגעדאַוונט און נאָכן דאַווענען האָט קיינער נישט טועם געווען, כדי זיך נישט צורירן צו חמץ איידער מ׳וועט ענדיקן באַקן די מצות.

יידן אין טלית־קטנס און יאַרמלקעס, מיט גערייניקטע און פרידיקע הערצער, האָבן זיך איינגעטיילט מיט דער אַרבעט. דער אנגעזעענסטער חסיד, אַ למדן, איז געווען דער משגיח, וועלכער האָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג און אויך אַכטונג געגעבן טאָמער חלילה אַ שאלה... ווער עס איז געווען וואַסער־גיסער און ווער קנעטער, רעדלער, וועלגערס. דערוואַקסענע בחורים און מיטליאַריקע יידן מיט בערד און פאות האָבן זיך געשאָקלט ביים וועלגערן, פּונקט ווי ביים דאַווענען. די מצות זענען טאַקע נאָכדעם אַרויסגעקומען אַביסל קרום, נישט גאָר קיילעכדיק, אָבער דערפאַר כשר למהדרין דמהדרין.

עס איז אַלץ אַריבער בשלום און יעדער האָט גענומען זיין טייל מצות, אין שטרויענע קערבלעך, באַדעקט, ווי מען וואָלט מורא געהאַט פאַר אַן עין־הרע. אַזוי האָט מען עס געטראָגן ציטריק, אָפּגעהיטן און פייערלעך ווי פאַרצייטן די ביכורים אין ארץ־ישראל.

אין די לעצטע דריי טעג פאַר פסח איז דער בעדער געווען שטאַרק פאַרנומען מיטן כשרן די כלים. פון אַלע גאַסן און געסלעך האָט מען געטראָגן די כלים צו דער מקווה. פון די פעסלעך מיט וואַסער איז געגאַנגען אַ הייסע פאַרע. נאָך שטאַרקער איז געוואָרן דאָס גערודער ערב פסח אינדערפרי, ווען די יינגלעך זענען געלאָפן צו דער שיל פאַרברענען דאָס חמץ. אַזוי געדענק איך זיך אויך לויפנדיק מיט זיי און זינגענדיק דאָס לידל: "דער געלער שמש ברענט..." אונדזערע הערצער זענען שוין געווען פול מיט דער פרייד פון אָנקומענדיקן יום־טוב.

געשטאלטן און געשעענישן

די טראגישע חתונה

געוועזן ביי אונדז אין פשעדבאָזש אַ גרויסער סוחר מיטן נאָמען ר׳ אברהמעלע מאיר דודס. ער האָט געהאַנדלט מיט פעדערן און געפירט געשעפטן מיט וואַרשע, קראָקע און אַנדערע גרעסערע שטעט אין פוילן, האָט אויך עקספּאָרטירט קיין אויסלאַנד. דערביי איז ער אויך געוועזן אַ גרויסער תלמיד חכם. געהאַט צוויי זין, וועלכע זענען געזעסן יומם ולילה און געלערנט, רייך חתונה געהאַט און לאַנגע יאָרן געוועזן אויף קעסט.

פון זיינע דריי טעכטער זענען נאָר צוויי געוועזן זייער שיינע. דאַקעגן די עלטסטע איז געווען באַוואָלט פון גורל, האָט געהאַט אַ הויקער און דאָס האָט געשטערט די יינגערע חתונה צו האָבן, ווייל ר׳ אברהמעלע האָט נישט צוגעלאָזט דעם געדאַנק, אַז אַ יונגערע טאָכטער זאָל חתונה האָבן פאַר דער עלטסטער און ער האָט איינגעריסן וועלטן, אַז זי זאָל נישט בלייבן אויף שטענדיק באַוואָלט פון גורל. ער האָט אַלץ געטון צו פאַרשענערן און פאַרזיסן איר לעבן, אַז זי זאָל נישט פאַרזיצן און נישט אָפּשטיין פון אַנדערע טעכטער, און איז דערצו גרייט געווען אָנצוווענדן אַלע כשרע און נישט־כשרע מיטלען.

קודם־כל האָט ער אָנגעהויבן קלאַפּן אין די טירן פון דעם באַרימטן שדכן, וואָס איז געקומען אין די שטובן פון גרויסע גבירים, למדנים און מיוחסים. דער שדכן האָט אים טאַקע פאָרגעשלאָגן אַ בחור אַ צאַצקע, אַן עילוי, וואָס האָט אויך געקענט שחיטות. ר׳ אברהמלע האָט צוגעזאָגט אַ גרויסן נדן, האָט זיך בלויז אויסגערעדט, אַז קיין קעסט וועט ער נישט געבן, ווייל ער האָט נאָך טעכטער אין שטוב. די מחותנתטע איז געקומען זען די כלה, האָט מען איר פאָרגעשטעלט די צווייטע טאָכטער, אַ יפת־תואר. פאַרשטייט זיך, אַז זי איז טאַקע געפעלן געוואָרן דער מחותנתטע. זי איז שפּעטער געקומען נאָך אַמאָל צוזאַמען מיטן מאַן און ווידער האָט מען פאַר זיי פאָרגעשטעלט די צווייטע טאָכטער און דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן. מען האָט געמאַכט אַ וואָרט און אָנגעשמועסט די תנאים אין אַ מזלדיקן טאָג. דעמאָלט האָט מען אויך געברענגט די כלה־מתנות. דער חתן האָט באַקומען אַ גאָלדענעם זייגער און עס איז באַשטימט געוואָרן דער זמן חתונה. מען האָט דער כלה געמאַכט אַ רייכן אויסשטייער, די שענסטע קליידער מען האָט זי באַשיינט און באַצירט, אין סאַמעט און אין זייד, אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געקענט פאַרדעקן דעם הויקער פון דער ריכטיקער כלה...

אין טאָג פון דער חתונה האָט מען צוגעגרייט פאַרן חתן אַ שטוב ביי אַ

גרויסן גביר. מען האָט אויך צוגעגרייט אַ פּלאַץ פאַר די מחותנים, ווו זיי זאָלן זיך קענען אָפּרוען פון וועג. זיי זענען געווען פון ראַדאָם און לויטן מנהג איז מען אַקעגנגעפאָרן דעם חתן ביזן האַלבן וועג, ווו מען האָט זיך צונויפגעטראָפן, געטרונקען לחיים. יונגעלייט האָבן איבערגענומען דעם חתן אין זייער חברותא, געווען מיט אים ביז צו דער חופה.

פאַר די מחותנים איז צוגעגרייט געוואָרן אַ גרויסאַרטיק מיטאָג, אויף וועלכן עס איז אויך געקומען די אויסגעפּוצטע כלה, די ריכטיקע מיטן הויקער. ווען די מחותנים זענען מיט מזל אָנגעקומען איז די כלה צוגעגאַנגען זיך צעקושן מיט דער מחותנתטע און — דאַן איז געשען דאָס שרעקלעכע...

די מחותנתטע האָט גלייך דערזען דאָס אומגליק און איז אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעך געוויין. זי איז שיעור נישט געפאַלן אין חלשות. קוים זי איז געקומען צו זיך און אַרויסגעלאָפן פון שטוב, אַריין צום חתן און אים דערציילט וואָס דאָ האָט פּאַסירט, געשריגן צו אים: ״קום, מיר פאָרן שוין צוריק״.

דאַן איז פאָרגעקומען דאָס אויסטערלישע: דער חתן איז אויפגעשטאַנען און געזאָגט צו דער מוטער:

״מאַמע, ניין, מען טאָר נישט פאַרשעמען קיין יידישע טאָכטער. מן הסתם איז זי מיין זיווג און מיט איר וועל איך גיין צו דער חופה״.

די נאַכט איז צוגעפאַלן, די געסט האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפקומען און די מוזיק האָט געשפּילט. די מיידלעך האָבן געטאַנצט אַרום דער כלה, וועלכע איז געווען אָנגעטון אין אַ הערלעך חופה־קלייד, אָבער די מחותנתטע איז געבליבן זיצן אין גאָס, אין אַ ווינקל פון אַ הויז און נישט אויפגעהערט צו וויינען. שכנים זענען אַרויסגעקומען צו איר און געפּרוווט זי באַרואיקן, געבעטן, זי זאָל נישט זיצן אין גאָס, ווייל זי קען זיך נאָך חלילה פאַרקילן. עס איז געווען אַ ווינטער־נאַכט, אַ פולע לבנה און אַן אויסגעשטערנטער הימל, אָבער אויך אַ שטאַרקער פראָסט. עס האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט אינגאַנצן נישט געפילט די קעלט, איר האַרץ איז געווען צעבראָכן און זי האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען.

די חופה האָט מען געשטעלט אָן דער מוטער, וועלכע האָט בשום אופן נישט געוואָלט אַריינגיין אין שטוב אַריין. ערשט אינדערפרי איז זי געפאַלן אויפן האַלדז פון איר זון, געזאָגט אים, אַז זי פאָרט אַהיים, אַז זי פילט זיך נישט גוט און וועט אים אַרויסשיקן אַ טעלעגראַם, אַז ער זאָל שנעל קומען צוריק אַהיים.

עס האָבן נישט געהאָלפן קיין שום געבעטן און זי איז אַהיימגעפאָרן. אויף צומאָרגנס איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַם אַז זי איז געשטאָרבן. דער חתן איז אַרויסגעפאָרן און מען האָט אים מיטגעגעבן אַ שליח צו זען, צי די ידיעה איז

טאַקע ריכטיק און צום גרויסן באַדויערן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מוטער איז טאַקע געשטאָרבן.

נאָכן אָפּזיצן שבעה איז דער איידעלער יונגערמאַן צוריקגעקומען קיין פּשעדבאָזש, גענומען זיין יונגע פרוי און זיך באַזעצט אין ראַדאָם, וווּ ער איז געוואָרן שוחט און זיי האָבן זיך אויסגעלעבט צופרידן און גליקלעך. די פרוי האָט אים געבוירן דריי קינדער און געפירט אַ ברייט חסידיש הויז.

ר׳ אבֿרהמעלע האָט נאָך באַוויזן חתונה צו מאַכן די צווייטע טאָכטער, זיך משדך געווען מיט ר׳ איטשע־מאיר עקיבֿאס און דאָסמאָל שוין גענומען דעם איידעם אויף קעסט. עס איז פאַרביי אַ צייט און ר׳ אבֿרהמעלע איז געשטאָרבן, באַלד דערנאָך אויך זיין פרוי. די ייִנגסטע טאָכטער פרימעטל איז געבליבן וווינען ביי איר שוועסטער. עס האָט לאַנג געדויערט ביז זי האָט חתונה געהאַט, ווייל די עלטערן האָבן שוין נישט געלעבט. מן הסתם האָט זי אויך נישט געהאַט דעם נויטיקן נדן, אָבער נישט געקוקט דערויף האָט זי לסוף אויך חתונה געהאַט.

די משפחה פרידריך

די פאַמיליע פרידריך איז געווען אַן אָנגעזעענע, באַקאַנט מיט איר פרומקייט און אינטעליגענץ, געהאַט צוויי זין און אַ טאָכטער. דער פאָטער, אַ גרויסער למדן, פלעגט יומם ולילה זיצן און לערנען און די פרוי איז געווען די פרנסה־געבערין. זי האָט געהאַנדלט מיט זייף, קאָפּ־טיכלעך און אַנדערע גאַלאַנטעריע־זאַכן. איין זון, יוסף־שמעון איז שוין געווען אַ פאַרהייראַטער, געהאַט אַ געוועלבל אין מאַרק און קוים געצויגן דערפון זיין פרנסה. דער צווייטער זון, יעקבֿ־מאיר איז לא עלינו געווען אַ לונגען־ליידנער. די דירה איז נישט געווען פּאַסיק פאַר אַזאַ קראַנקן, פינצטער, אָן לופט. דאָס געשעפט איז געווען אין שטוב און די ענגשאַפט איז געווען גרויס. ווינטער זענען זיי געפרוירן געוואָרן פון קעלט, אפילו דאָס וואַסער אין שטוב איז פאַרפרוירן געוואָרן און מען האָט דערפאַר נישט געקענט צושטעלן אויף דער נאַכט קיין נעגל־וואַסער צום בעט, ווייל ביז אינדערפרי איז עס געווען אַ שטיק אייז.

די נויט אין שטוב איז געווען גרויס. האָט מען געפּרוווט איינהייצן דעם אויוון מיטן נאַסן האָלץ, איז די שטוב פול געווען מיט רויך. קיין קאַמער אויף צו האַלטן דאָס האָלץ איז נישט געווען. דאָס האָלץ איז דערפאַר געלעגן פאַר דער טיר דורכגעווייקט פון רעגן און שניי. אויך אין שטוב האָט אַריינגערעגנט.

די טאָכטער הדסה האָט געהאָלפן אין שטוב פון קליינערהייט אָן. די מוטער האָט זי געשיקט לערנען אין שול און ווען זי איז אַהיימגעקומען האָט זי געהאָלפן אין שטוב אויף וויפל זי האָט געקענט.

דער פֿאָטער, ר׳ פּנחס האָט געהאַט אַ ברודער אין שווייץ, אַ גרויסער גביר און אַן אָנגעזעענער מענטש. פֿון צייט צו צייט האָט ער געשיקט אַביסל געלט, וועש, מלבושים. אָבער דאָס איז געווען ווי אַ טראָפּן אין ים. מײַן פֿאָטער יחזקאל ווישינסקי האָט אַלס שכן זיך געוואָנדן צו ר׳ פּנחסעס ברודער אין שווייץ, געשילדערט אים די לאַגע פֿון די מענטשן און אים געבעטן, ער זאָל אַריבערנעמען צו זיך כאָטש דעם אײנעם זון יעקב־מאיר, וועלכן ער האָט פֿאָרגעשטעלט אַלס אַ זייער לייטישן בחור, וואָס קען אָבער ביי די עלטערן נישט קומען צו קיין תּכלית, ווייל די אָרעמקייט און די נויט איז זייער גרויס.

דער ברודער אין שווייץ האָט זיך וואַרעם אָפּגערופֿן און האָט גלייך איינגעשטימט אַריבערצונעמען צו זיך יעקב־מאירן. ער האָט געהאַט אַ טאָכטער און מעגלעך, אַז ער האָט געטראַכט וועגן אַ זיווג. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס איז אָנגעקומען די אַריינפֿאַר־וויזע קיין שווייץ. דער פֿעטער האָט אָפּגעוואַרט יעקב־מאירן אויפֿן וואַקזאַל, אָבער גלייך ביים אויסשטייגן פֿון צוג האָט יעקב־מאיר באַקומען אַ בלוטשטורץ. דער פֿעטער האָט גלייך געברענגט אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז מען מוז יעקב־מאירן נעמען אין אַ סאַנאַטאָריע, אין די אַלפּן־בערג.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דעם בחור איז דאָס אַלץ נישט געווען אנגענעם, אָבער דער פֿעטער האָט פֿאַר אים אַלץ געטון, געהאַלטן אים אין דער סאַנאַטאָריע און די באַרג־לופֿט האָט ווירקלעך גוט געדינט זיין געזונט, זיין צושטאַנד האָט זיך כסדר פֿאַרבעסערט. דער פֿעטער האָט פֿאַר אים גענומען לערער, וועלכע האָבן אים געלערנט די שפּראַך און מיט דער צייט האָט ער באַקומען די נויטיקע בילדונג און איז אינגיכן געוואָרן אַ געלערנטער בחור. עס זענען פֿאַרביי עטלעכע יאָר און יעקב־מאיר איז געוואָרן פֿולשטענדיק געזונט, איז אויסגעוואַקסן שיין און געזונט.

אין פּשעדבאָזש איז די מוטער שטאַרק קראַנק געוואָרן. די באַדינגונגען זענען געווען זייער שווערע און זי האָט אויפֿגעהערט צו קענען גיין אויף די פֿיס. איז יאָרן לאַנג געלעגן צו בעט. הדסה איז געוואָרן די פּרנסה־געבערין. אויפֿן דינסטיקן יאַריד איז זי געשטאַנען און פֿאַרקויפֿט די פֿויערטעס קאָפּ־טיכלעך, אַ שטיקל זייף א.ד.ג. אין די אַנדערע טעג איז זי געפֿאָרן אויף די יאַרידן אין די אַרומיקע שטעטלעך. מיר האָבן געוווינט אין שכנות און פֿלעגן אַריינגעבן אַביסל עסן דער קראַנקער מוטער און אַכטונג געגעבן, אַז זי, פֿייגעלע, זאָל חלילה נישט אַרויספֿאַלן אין חלשות.

עס איז פֿאַרביי אַ געוויסע צייט און יעקב־מאיר האָט דערפֿילט, אַז ער פֿאַלט צו לאַסט דעם רייכן פֿעטער אין שווייץ. זיין טאָכטער פֿאַר אַ כלה האָט

ער אים נישט געקענט געבן. יעקב־מאיר האָט דערפאַר באַשלאָסן צוריקצופאָרן אַהיים קיין פשעדבאָזש. ווען ער איז אָנגעקומען אין שטוב, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט דערזען פאַר זיך אַ בילד פון שרעקלעכער נויט, וואָס ער האָט דאָרט אין שווייץ נישט געקענט זיך פאָרשטעלן.

די יונגינקע הדסה איז דאַן באַלאַסטעט געוואָרן מיט נאָך אַ מענטש. יעקב־מאיר האָט אפילו געפּרוווט איר צוהעלפן, אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ער איז ווידער קראַנק געוואָרן.

די נויט און די אומגליקן אין דער דאָזיקער שטוב האָט געשניטן ביים האַרץ. מיר זענען געווען די נאָענטסטע שכנים און האָבן מיט אַלע מעגלעכקייטן באַמיט זיך צו העלפן זיי. יעקב־מאיר האָט געמוזט גאַנצע טעג זיצן אין וואַלד. זיינע קראַנקע לונגען האָבן געדאַרפט האָבן פרישע לופט צום אָטעמען. מיינע ברידער האָבן אים געטראָגן עסן אין וואַלד אַריין. מיין מוטער פלעגט אויפשטיין גאָר פרי, כדי צוצוגרייטן עפּעס צום עסן פאַר די צוויי קראַנקע מענטשן. ווען עס האָט זיך געשטעלט דער ווינטער איז די לאַגע געוואָרן נאָך ערגער. יעקב־מאיר האָט נישט געקענט זיין אין שטוב און האָט געמוזט זיצן גאַנצע טעג ביי אונדז. זיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך כסדר פאַרערגערט און אין איינעם אַ טאָג איז ער געשטאָרבן, איז אויסגעגאַנגען אויף מיין פאָטערס הענט.

דערמיט האָט זיך נישט פאַרענדיקט דאָס אומגליק אין דער דאָזיקער שטוב. אין אַ קורצער צייט אַרום איז אויך דער עלטערער זון יוסף־שמעון אָנגעגריפן געוואָרן פון שווינדזוכט. ער האָט זיך נישט לאַנג געמאַטערט און איז געשטאָרבן.

די קראַנקע מוטער, וועלכע האָט שטיל אויסגעטראָגן איר ביטערן גורל האָט מער נישט געקענט אויסהאַלטן איין טראַגעדיע נאָך דער אַנדערער און איז אַוועק אויכן וועג פון אירע צוויי זין.

דאָס מיידל הדסה איז געבליבן מיטן טאַטן און אויסגעטראָגן דעם גאנצן עול, איז געווען זייער טיכטיק אין האַנדל און אין דער פרייער צייט האָט זי אַ סך געלייענט, איז געוואָרן אַ מיטגלידערין אין "בית־יעקב", ווו מען האָט זי זייער געשעצט, געשדכנט איר אַ שידוך מיט אַן אינטעליגענטן בחור, אַ שוחט און הדסה איז מיט מזל אַ כלה געוואָרן, חתונה געהאַט, געפירט אַ שיין פאַמיליע לעבן און די גאַנצע צייט געזאָרגט פאַר איר פאָטער, געהאַלטן אים בכבודיק און שטאַרק איבערגעגעבן.

א מעשה וועגן די פארשאלטענע הייזער

אַרום די פאַרשאָלטענע הייזער זענען אין פשעדבאָזש אַרומגעגאַנגען פאַר־שידענע לעגענדעס. מען האָט אויך דערציילט, אַז ר׳ ישעיהלע, איינער פון

״חוזדס״ תלמידים איז אַלס 14־יאָריקער בחור געוואָרן אַן איידעם פון אַ כשעדבאָזשער באַלעבאָס, וועלכער האָט זיך אויסגערעדט מיט אים, ער זאָל זיצן און לערנען און עסן קעסט. ער האָט זיך דעמאָלט באַקענט מיטן זון פון שטאָטישן מגיד ר׳ יעקב־יצחק, דער ״ייד הקדוש״ אוןביידע האָבן פאַרלאָזט זייערע ווייבער, געפאָרן לערנען אין דער ישיבה פון ר׳ דוד טעוועלע.

אין אַ צייט אַרום איז ר׳ ישעיהלע געקרוינט געוואָרן אַלס פשעדבאָזשער רבי און צווישן זיינע חסידים זענען געווען די גרעסטע לומדים פון יענער צייט. כון רבנות איז זיין פרנסה געווען זייער בצימצום. דאָס געלט וואָס ער האָט באַקומען פון די פדיונות האָט ער אַוועקגעגעבן אויף צדקה.

אין יענער צייט זענען קיין פשעדבאָזש געקומען דייטשע טוכמאַכערס, א.ג. סוקענניקעס און זיי האָבן אויף דער כיליצע אויפגעבויט אַ טוך־פאַבריק, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַ סך שפע אין שטעטל. די דייטשן האָבן זיך געחברט מיט יידן, ווייל זיי זענען געווען די איינציקע, מיט וועלכע מען האָט זיך געקענט פאַרשטענדיקן אין דער דייטשער שפּראַך. במילא האָבן אויך יידישע טעכטער זיך גענומען חברן מיט די דייטשן, שפּאַצירט מיט זיי פראַנק און פריי איבער די גאַסן.

ווען ר׳ ישעיהלע האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, האָט ער גענומען שטורמען קעגן די יידישע טעכטער און זייערע עלטערן, געמוסרט און געשטראָפט זיי מיט די האַרבסטע רייד. די דייטשן, דערוויסנדיק זיך, אַז דער רבי שרייט געוואַלט קעגן די יידישע טעכטער, כאַרוואָס זיי חברן זיך מיט דייטשן, האָבן זיי אַריינ־געשיקט צום רבין ר׳ ישעיהלע ״גוטע פריינט״, וועלכע האָבן צוגעזאָגט דעם רבין אַ סך געלט, אַבי ער זאָל לאָזן צו רו די יידישע מיידלעך און נישט שטערן זיי צו חברן זיך מיט די דייטשן.

פאַרשטייט זיך, אַז ר׳ ישעיהלע האָט אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן פאָרשלאַג מיט גרויס פאראכטונג און טאַקע פאַרשאָלטן די הייזער פון דער פאַבריק, אַז זיי זאָלן איינגעזונקען ווערן.

די לעגענדע דערציילט ווייטער, אַז מיט אַמאָל האָט די אַרבעט אין דער כאַבריק אָנגעהויבן צו גיין באַרג אַראָפּ. די אייגנטימער פון דער פאַבריק האָבן געמוזט אָפּשטעלן די פּראָדוקציע און די אַרבעטער זענען זיך צעפאָרן איבער דער וועלט. די הייזער זענען געבליבן שטיין פאַרלאָזט, וויסט און אָנגעהויבן זיך צו צעפאַלן. זינט דעמאָלט רופט מען זיי די פאַרשאָלטענע הייזער.

די איינגעפאַלענע הייזער זענען שוין לאַנג געווען באַוואָקסן מיט גראָז און מאָך, אָבער אַרום זיי האָבן זיך נאָך אַלץ געוועבט די לעגענדעס און צום שטאַרקסטן האָט מען געגלייבט אין דער לעגענדע וועגן דעם מופת פונעם פשעדבאָזשער רבין.

די געשיכטע מיטן רבינס פאמיליע־נאמען

די געשטאַלט פונעם רבין ר׳ ישעיהלע איז געווען זייער באַליבט. מען האָט מיט אים שטאָלצירט און דערציילט זיך אָן אַ שיעור מעשיות.

אָט איז אַ מעשה ווי אין איינעם אַ פרימאָרגן איז געקומען די פאַראָרדענונג כון דער מאַכט, אַז יעדער זאָל זיך אויסוויילן אַ כאַמיליע־נאָמען און אים רעגיסטרירן. די נעמען זענען אין אַ גרויסער מאָס געווען אָכהענגיק פון דעם ספּעציעלן באַאַמטן, וועלכער האָט דיסקרימינירט די, וואָס האָבן אים נישט געגעבן קיין שוחד און ער האָט זיי דערכאַר געגעבן נישט קיין שיינע, באַליידנדיקע נעמען.

אין יענער צייט איז געקומען די ריי אויך אויף ר׳ ישעיהלע, וועלכער האָט זיך אויסגעוויילט דעם נאָמען "וועלטפרייד". דער באַאַמטער האָט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דעם שיינעם נאָמען און ער האָט אים נישט געוואָלט פאַר־שרייבן, געוואַרט צו באַקומען שוחד.

דער רבי, וועלכער איז אַליין געווען אַ "שונא בצע" האָט קאַטעגאָריש פאַרבאָטן צו געבן דעם באַאַמטן געלט. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער באַאַמטער איז פלוצלינג שווער קראַנק געוואָרן. עס איז געקומען אַ צווייטער באַאַמטער, וועלכער האָט אים פאַרטראָטן און ער האָט אָן שום ווידערשטאַנד פאַרשריבן דעם רבינס נאָמען — וועלטפרייד.

ר׳ ישעיהלע איז געווען באַקאַנט אויך אין אַנדערע שטעט, ווו ער האָט געהאַט זיינע חסידים, וועלכע זענען פון אומעטום געקומען צו אים. ער איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 75 יאָר, ד׳ אלול, שנת תקצ״א. אויף זיין קבר האָט מען אויכגעשטעלט אַן אוהל, צו וועלכן יידן פלעגן קומען מתכלל זיין, גלויבנדיק אין זיין גרויסן כוח.

דער גר צדק

דאָס האָט פאַסירט אין יאָר 1930 אָדער 1932. עס איז געווען ביי אונדז אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע בית״ר. דאָס איז געווען אַ גוט אָרגאַניזירטע יוגנט. האָבן געטראָגן מונדירן, געלערנט און פאַרשפרייט ציוניזם און שטאַרק געגלויבט אין דער לערע פון זאב זשאַבאָטינסקי. יעדן אָוונט זענען פאָרגעקומען פאָרלעזונגען. מען האָט געזונגען, געטאַנצט "הורה" און פאַרברענגט אין שמועסן און דיסקוסיעס.

מיט דער אָרגאַניזאַציע האָט זיך באַקענט אויך אַ קריסטלעך יינגל, עס איז אים זייער געפעלן און ער האָט אָנגעהויבן אַריינצוקומען אָפטער אין דעם לאָקאַל, מיטגעלעבט מיט דער יוגנט, פאַרברענגט מיט זיי. ער האָט גערעדט אויסגעצייכנט יידיש און האָט זיך אויך געלאָזט אויפנייען אַ בית״ר־מונדיר. אמת איז, אַז די

חברים האָבן אים פון דעם אָפּגערעדט. אָבער ער האָט געענטפערט, אַז דאָס איז זיין אידעע און קיינער האָט נישט קיין רעכט אים צו פאַרווערן.

אין יעדער אָרגאַניזאַציע אין פשעדבאָזש זענען די מיטגלידער זיך צונויפגעקומען פון צייט צו צייט אויך אין אַ פּריוואַטע שטוב פון איינעם פון די חברים. די בית״ר־יוגנטלעכע פלעגן זיך צונויפקומען ביי דער משפחה ראָדאַל. זיי האָבן געהאַט אַ געוועלב פון לעבנסמיטל און זיסוואַרג. די טאָכטער מאַכע איז געווען אַקטיוו אין בית״ר און ביי זיי אין שטוב פלעגט מען דיסקוטירן איבער דער אידעע פון בית״ר און איבער דער צוקונפט פון אַ יידיש לאַנד מיט אַן אייגענער אַרמיי. מיט די יאָרן איז פון די יינגלעך געוואָרן דערוואַקסענע מענער, רייפע, אַנטוויקלטע. אַזוי איז אויך געווען מיט דעם קריסטלעכן יינגל, וואָס איז געוואַקסן צוזאַמען מיט די יידישע. ער האָט זיך געלערנט ביי אַ יידישן טישלער און איז מיט דער צייט געוואָרן אַ גוטער בעל־מלאכה, פאַרדינט זייער שיין און געווען מאטעריעל זעלבשטענדיק.

דאָס לעבן האָט זיך זיינע געזעצן און שטאַרקער פון אַלעם איז די ליבע. דער קריסטלעכער בחור האָט שטאַרק ליב געקריגן דאָס יידישע מיידל מאַכע ראדאל און עס איז געקומען דער טאָג ווען ער האָט זיך איר דערקלערט אין ליבע, אָבער צו זיין גרויסער אַנטוישונג האָט מאַכע אים אָפּגעזאָגט, אויפגעקלערט אים, אַז ער דאַרף זיך זוכן אַ קריסטלעך מיידל און חתונה האָבן מיט איר. ״פאַרפאַלן — האָט זי אים געזאָגט — דו ביסט געבוירן געוואָרן אַ קריסט און אַזעלכער וועסטו בלייבן, מיט דער גאַנצער נאָענטקייט און סימפּאַטיע צום ציוניזם. דאָס שטערט נישט... אָבער חתונה האָבן מיט אַ יידיש מיידל איז זייער אַ קאָמפּליצירטע זאַך, כמעט אוממעגלעך״.

דער בחור האָט אָבער נישט רעזיגנירט און האָט געבעטן זיינע חברים, זיי זאָלן אים העלפן, אָבער פון יעדן האָט ער באַקומען די זעלבע אָדער אַן ענלעכע תשובה. קיינער האָט נישט געוואַגט און נישט געטראַכט פאָרצושלאָגן אים, ער זאָל זיך מגייר זיין, ווערן אַ ייד.

אַנדערש האָט אָבער געטראַכט דער דאָזיקער קריסטלעכער בחור, ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט רעזיגנירן פון מאַכען און איז ממש אַריינגעפאַלן אין אַ מרה שחורה. ער האָט זיך גענומען בעטן ביי זיינע יידישע חברים, אַז זיי זאָלן אים העלפן ווערן אַ ייד, אַנדערש וועט ער באַגיין זעלבסמאָרד. דער געדאַנק איבערצוגיין צום יידנטום איז ביי איִם מיט יעדן טאָג געוואָרן רייפער און עקשנותדיקער. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט דערקלערט זיין באַשלוס זיך מגייר צו זיין אפילו ווען מאַכע וועט נישט ווען מיט אים חתונה האָבן.

זיינע יידישע חברים האָבן אָנגעוואָנדן אַלע מיטלען אים אָפּצורעדן פון

דאָזיקן געדאַנק זיך מגייר צו זיין, געשילדערט פּאַר אים דעם ביטערן יידישן גורל און ווי שווער עס איז צו זיין אַ ייד אין דער רשעותדיקער וועלט פון שנאת ישראל, אָבער זייערע רייד האָבן אויף אים נישט געהאַט קיין שום ווירקונג. ער איז געוואָרן אינגאַנצן דורכגעדרונגען מיט דעם עקשנותדיקן ווילן זיך מגייר צו זיין. ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל טיילן דעם גורל פון אַלע יידן, וויל נעמען אויף זיך דעם עול פון יידישקייט פונקט ער וואָלט געבוירן געוואָרן אַ ייד.

די יידן אין פּשעדבאָזש זענען נישט געווען צופרידן פון דער גאַנצער געשיכטע. אין שטעטל האָט מען מורא געהאַט, אַז די גוים וועלן זאָגן, אַז די יידן האָבן אַריינגענאַרט אַ קריסטלעכע נשמה און דאָס וואָלט געברענגט אויפן שטעטל נייע צרות. זיינע יידישע חברים אָבער האָבן איינגעזען, אַז די זאַך האָט ביי דעם קריסטלעכן בחור אָנגענומען אַ צו־ערנסטן כאַראַקטער און זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס אָפּזאָגן אים קען זיך שלעכט ענדיקן און זיי האָבן דערפאַר באַשלאָסן אים צו העלפן. זיי האָבן זיך אָבער אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז עס איז נישט כדאי דורכצופירן דעם גיור אין פּשעדבאָזש און זענען דערפאַר געפאָרן מיט אים קיין קראָקע.

אָנקומענדיק קיין קראָקע האָבן זיי זיך אַרומגעזען, אַז אויך דאָרט איז עס נישט קיין גרינגער ענין. די קראָקעווער רבנים האָבן אים גענומען אָפּרעדן, פּשוט געבעטן זיך ביי אים, אַז ער זאָל זיך רואיק פאַרטראַכטן איידער ער באַגייט אַזאַ ערנסטן שריט. ווי עס איז בכלל דער מנהג אין אַזעלכע פאַלן האָבן די רבנים אין אָנהויב געמאַכט שווערקייטן, אויפגעקלערט אים די אחריות, וואָס ער נעמט אויף זיך, ווי שווער עס איז די יידישע רעליגיע און אַז יעדער דאַרף זיך האַלטן ביי דער רעליגיע, אין וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן.

דער בחור האָט זיך אָבער עקשנותדיק געהאַלטן ביי זיינעם און דערקלערט די רבנים, אַז ער וועט נישט אָפּטרעטן פון זיין באַשלוס צו זיין אַ ייד און אַז ער איז גרייט צו נעמען אויף זיך אַלע שווערקייטן, וועלכע מען וועט אויף אים אַרויפלייגן. ענדלעך האָבן די רבנים איינגעזען, אַז ער איז באמת דורכגעדרונגען מיט אַ ריין האַרץ איבערצוגיין צום יידנטום און לסוף האָט מען דורכגעפירט דעם גיור לויט דער גאַנצער שטרענגקייט פון יידישן דין.

ווען ער איז צוריקגעקומען קיין פּשעדבאָזש איז ער שוין געווען אַ פרומער יידישער בחור, אָפּגעהיטן אַלע יידישע דינים און מנהגים, האָט זיך ווייטער געחברט מיט די בית־ריסטן און ווידער אָנגעהויבן קומען צו דער משפחה ראַדאַל און לסוף געבעטן ביי זיי די דערלויבעניש חתונה צו האָבן מיט זייער טאָכטער.

עס איז איצט נישט געווען קיין שום סיבה, אַז מאַכע און אירע עלטערן זאָלן אים אָפּזאָגן. ער איז געווען אַ בחור מיט אַ סך מעלות, אינטעליגענט, איידל

און זיך אויפגעפירט מיט גרויס דרך־ארץ. נאָך אַ ריי באַראַטונגען האָבן מאַכעס עלטערן געגעבן זייער הסכמה און נאָך אַ קורצער צייט איז מאַכע ראַדאל געשטאַנען אונטער דער חופה מיט איר געליבטן חתן אברהם בן אברהם. דאָס פּאָרל האָט זיך געלעבט צופרידן און גליקלעך, געהאַט דריי קינדער. ווי אַ גוטער בעל־מלאכה האָט ער שיין פאַרדינט און זיי האָבן געפירט אַ יידישע שטוב מיט אַלע פּרטים.

עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, וואָס האָט מיט זיך געבראַכט די גרוילן פאַר יידן, מען האָט די יידן געטריבן אין געטאָ און עס האָבן זיך געשיט אויף זיי שווערע גזירות, די רדיפות זענען מיט יעדן טאָג געוואָרן שאַרפער און ברוטאַלער און איבער יידישע קעפּ האָט געהאַנגען די געפאַר פון גרויזאַמען אונטערגאַנג. אין יענער גרויזאַמער צייט האָט זיך עפּעס אויפגעוועקט אין די הערצער פון אברהמס קריסטלעכע ברידער און זיי זענען געקומען צו אים אין געטאָ, געבעטן זיך ביי אים, ער זאָל גיין מיט זיי און זיך ראַטעווען. זיי האָבן אַפּעלירט צו זיין קריסטלעכן אָפּשטאַם און אים אויפגעוויזן, אַז ער וועט אומגעבראַכט ווערן צוזאַמען מיט די יידן אויב ער וועט זיך נישט אומקערן צו זיין פריערדיקן אָפּשטאַם.

אברהמס ענטפער איז געווען אַן אַנטשלאָסענער, ווי אַלע גרויסע גרים אין דער יידישער געשיכטע האָט ער אויך מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט געזאָגט:

"ניין, מיינע ליבע ברידער. איך בין אַ ייד און אַזעלכער וועל איך בלייבן און טיילן דעם גורל פון אַלע יידן. וואָס עס וועט געשען מיט אַלע יידן, וועט אויך געשען מיט מיר און מיט מיינע קינדער!"

אברהם בן אברהם האָט ווירקלעך געטיילט דעם גורל פון אַלע יידן, פון דער גאַנצער יידישער עדה אין פשעדבאָזש און איז צוזאַמען מיט זיי, מיט זיין פרוי און דריי קינדער אומגעקומען אויף קידוש השם.

ר׳ שלום וועלטפרייד

ער איז געווען רבי ישעיהלעס אַן אייניקל, געוווינט האָט ער ביי חיה־בצלאלס אויפן הויף און געהאַט ביי זיך אַ שטיבל, וווהין יידן זענען געקומען דאַווענען און לערנען. ר׳ שלום איז געזעסן און געלערנט יומם ולילה מיט התלהבות. די יידן אין שטעטל האָבן אים ליב געהאַט. אויך די יוגנט, וואָס איז נישט געווען אַזוי שטאַרק פרום, האָט אים אַרויסגעוויזן גרויס דרך־ארץ.

ר׳ שלום איז געווען הויך־געוואוקסיק, אַ הדרת פנים, תמיד אָנגעטון אין ווייסע זאָקן און סאַמעטענעם שלאָפראָק. אַזוי פלעגט ער זיצן און שמועסן אין תורה מיט די לומדים, וואָס זענען געקומען צו אים, געזוכט ביי אים אַ באַשייד פאַר

די קשיות און שאלות, אויף וועלכע זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן אין אַ האַרבער סוגיא. פון ר׳ שלומס פנים האָט מען געקענט אַראָפּלייענען די צופרידנקייט מיט דעם וואָס אין שטעטל זענען דאָ אַזעלכע לומדים. גאָר צופרידן איז ער געווען פון די יונגע בחורים און ער האָט גערן און אפילו מיט פרייד זיך צוגעהערט צו די האַרבע קשיות, וואָס די יונגע לומדים האָבן אים געשטעלט און ער האָט זיי לייכט פאַרענטפערט און אַרויסגעפירט פונעם בלאָנדזשען אין דער פינסטער.

פאַרשטייט זיך, אַז דער עול פון דאגת פרנסה איז געלעגן אויף זיין ווייב, חנה־גאָלדע, אַ האַרציקע און קלוגע פרוי, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרקויפן הייוון. עס איז געווען אַ תענוג אַריינצוקומען אין איר שטוב, וואָס האָט געבלענדט פון ריינקייט. די מעשענע כלים, וואָס זענען געהאָנגען אויף דער וואַנט אין קיך, האָבן געגלאַנצט ווי גאָלד. דאָס הילצערנע פעסל מיט וואַסער איז געווען אַרום־גענומען מיט קופּערנע רייפן און אויסגעזעצט מיט קיפּערנע טשוועקעס. אַלץ האָט געגלאַנצט און געשפּיגלט. אויף די אַנטעכער און פורהענגלעך זענען געווען אויסגענייט פאַרשידענע אויפשריפטן, וואָס האָבן צוגעגעבן דער קיך היימלעכקייט וואַרעמקייט.

אַוועק אַזויפיל יאָרן, אַזויפיל פאַרגעסענע פריידן און טרויערן, אָבער די פּנימער פון די דאָזיקע טייערע מענטשן אין שטעטל זענען אָפּגעהיטן אין מיין זכרון.


פינטשע וויינמאַנס שטוב

אַ שטילע און באַשיידענע משפחה, דער ראש משפחה, ר׳ פּינטשע איז געווען פון די אָנגעזעענע יידן אין שטעטל, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין לומדות און חסידות און זיין חיונה האָט ער געצויגן פון כסדרדיקן אַרומפאָרן אַלס וואַיאַזשאָר פון מעסערס האָלץ־אויסאַרבעטונגען. אַ מילדער פון דער נאַטור און זיין פּנים האָט תמיד געשיינט מיט ליבשאַפט.

זיין פרוי רחלע איז געווען אַ פרום־אָפּגעהיטענע יידישע מאַמע צו איר זון און טאָכטער. זי האָט געשטאַמט פון רבי דודל לעלעווערס דינאַסטיע. איר שוועסטער מלכהלע איז געווען ר׳ אפרימלס ערשטע פרוי. איר ברודער ר׳ אַבראַהמלע לובעלסקי האָט געשמט מיט זיין לומדות.

אין דער שטוב זענען געווען גוטע און שווערע צייטן, אָבער אַלע האָבן מקבל באהבה געווען דאָס שלעכטע ווי דאָס גוטע. ווען דער זון משה איז געוואָרן בר־מצווה האָט ער שוין געמוזט העלפן אין דער פּרנסה. פאַרן ערשטן געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט פון זיין אַרבעט אין לאָדזש, האָט ער געקויפט פאַר דער מאַמען אַ נייעם קרבן־מנחה־סידור.

די עלטערע טאָכטער מינדל האָט זיך אויסגעלערנט נייען וועש. די צווייטע טאָכטער שרה — שטיקעריי. מינדל האָט חתונה געהאַט מיט אַ בחור פון לאָדזש און האָבן געהאַט צוויי קינדער.


משה וויינמאַן

משהס ליבשאַפט צו דער שטוב איז געקומען צום אויסדרוק אין אַלע זיינע האַנדלונגען. זייענדיק באַשאַנקען מיט טעכנישע פעאיקייטן איז ער אָנגענומען געוואָרן אין אַ טשענסטאָכאָווער פאַבריק פון האָלץ־אויסאַרבעטונגען, וווּ ער איז עטלעכע יאָר געווען באַשעפטיקט ביי אינזשיניערע אַרבעטן, געמאַכט אַליין פינדונגען, גוט פאַרדינט און געשטיצט מאַטעריעל זיין שוועסטער.

די גאַנצע צייט וואָס ער איז געווען אין פשעדבאָזש איז ער געווען אַקטיוו אין "צעירי מזרחי", און איז געווען שטאַרק איבערגעגעבן דער געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט.

אויף אונדזער חתונה איז געקומען פון ארץ ישראל מיין פעטער און ע[r]האָט אונדז אין יאָר 1935 געהאָלפן, מיר זאָלן קענען עולה זיין קיין ארץ ישראל.

די מלחמה האָט איבערגעריסן די פאַרבינדונג מיט אונדזערע טייערסטע אין פשעדבאָזש. מיר האָבן נאָך באַוויזן זיי צו שרייבן וועגן געבורט פון אונדזער זון נתן. ביים היינטיקן טאָג איז ער טאַקע דער איינציקער, וואָס איז געבליבן פון פינטשע וויינמאַנס שיינער משפחה, וועלכע איז אומגעקומען אין דער פינצטע־רער היטלער צייט. נתן האָט שטודירט אין אַמעריקע און האָט דאָרט חתונה געהאַט וווינט דאָרט מיט זיין פרוי און צוויי טעכטערלעך.

זיין פאָטער, מיין מאַן משה איז נפטר געוואָרן כ"א סיון תש"ג.

די ליבשאַפט, וואָס האָט געהערשט אין פינטשע ווייסמאַנס שטוב, טראָג איך שטענדיק אין האַרצן און אייביק טרויערט אין מיר זייער שווידערלעכער אומקום.

ר' משה־יאסל וויינמאכער

תמיד פול מיט אמונה און בטחון האָט ר' משה־יאָסל קיינמאָל נישט געהאַט קיין טענות צום רבונו של עולם, ווי עס וואָלט אים קיין זאַך נישט געפעלט. עס

איז געווען אַ נחת צו קוקן ווי ער איז שטענדיק געווען אָנגעטון ריין. די אַלטע קאַפּאָטע זיינע האָט געשיינט פון ריינקייט אויך אויף די עלטערע יאָרן. אַזאַ איז אויך געווען זיין ווייב רבקה, פון נידריקן וווקס, ברייטע אַקסלען. די מילך־ווייסע הויט פון איר געזיכט מיט ראָזע באַקן האָט געשיינט מיט אויפריכטיקער פריילעכקייט און אָן אַ שיעור חן.


ביי אונדז אין שטוב פלעגט טרעפן, אַז מען האָט פאַרגעסן אָנצושטעלן ראָזשינקע־ווייַן אויף שבת, בין איך דאַן אַ צופרידענע געגאַנגען פרייטיק צו ר׳ משה־יאָסלען קויפן וויין צום קידוש־מאַכן. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ געבלומטן שלאָפראָק און זיין ווייב רבקה האָט זיך געפּאָרעט ביים צוגרייטן די שבתדיקע מאכלים, געבאַקן חלות, קיכלעך.

ווען איך טראַכט וועגן זיי כאַפּט מיך אָן אַ הונגער צו זייער טראַדיציאָנעל־יידישלעך הויז, צו הערן ווידעראַמאָל רבקהס פרומע רייד, ווי אַזוי צו פאַרדעקן דאָס פלעשל וויין, כדי עס זאָל דערויף נישט פאַלן דער בליק פון אַ גוי און, חלילה, ווערן יין נסך; צו דערפילן ווידער די ערלעכע האַרציקייט און די ערב שבתדיקע שטימונג פון ר׳ משה־יאָסל וויינמאַכערס שטוב.

ר׳ משה־יאָסלען און זיין ווייב רבקה איז באַשערט געווען איבערצולעבן אַ שווידערלעך אומגליק נאָך איידער עס איז געקומען דער מבול פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. זייער טאָכטער, די פרוי פון ר׳ יענקל מאַלץ, איז טראַגיש אומגעקומען, באַפאַלן דורך פוילישע רוצחים.

אין מוראדיקן חורבן איז אויך די גאַנצע משפחה אומגעבראַכט געוואָרן.

מלכה ווישינסקי



ש. מ.

אמאליקער אינדערוואכנס און יום־טוב

געווען אַמאָל יידישע שטעט און שטעטלעך, צווישן זיי אויך מיין שטעטל, וואָס איז געלעגן אויסגעשפרייט פוןביידע זייטן פיליצע, אַרומגערינגלט מיט פעלדער און וועלדער. די קינסקער, ראַדאָשיצער און וולאשטשיווער וועלדער האָבן פאַרנומען ריזיקע שטחים, האָבן זיך געצויגן אויף צענדליקער קילאָמעטערס. באַזונדערס שיין איז געווען די לאַנדשאַפט אום זומער, ווען אַלץ האָט געבליט, פעלדער פאַרוואַקסן מיט ווייסע און רויטע בלימעלעך, סעדער און גערטנער מיט אַלערליי פרוכטן־ביימער און גרינסן און אין די וועלדער זענען די צווייגן פון די סאָסנע־ביימער, דעמבעס, בעריאָזעס און אַנדערע ביימער געוואָרן געדיכט באַבלעטערט.

דאָס שטעטל איז געווען אַרומגערינגלט מיט צענדליקער גוישע דערפער, אַ כרעמדע גוישע וועלט. דאָך איז דאָס שטעטל נישט בטל געוואָרן אין דער אַרומיקער וועלט. די פּאָר הונדערט משפּחות האָבן געהאַט זייערע אייגענע געזעצן, דינים און מנהגים, וואָס זענען איבערגעגאַנגען פון דור צו דור און געוואָרן אָפּגעהיטן, כאָטש עס זענען נישט געווען קיין ספּעציעלע אָרדענונג־היטער, קיין שום יידישער פּאָליציאַנט, וואָס זאָל צווינגען אָפּצוהיטן די יידישע דינים און לעבנסשטייגער. דאָס איז געקומען ווי אַן אינעווייניקסטער געבאָט.

אַ שטעטל פון סוחרים, קרעמערס, שניידערס, שוסטער, סטאָליאַרעס און בעלי־עגלות. אָרעמקייט, דחקות. אַ פּאָר הונדערט משפּחות אַרומגערינגלט מיט גויים, אָבער וואָס פּאַר אַ כוח, וואָס פּאַר אַ גייסטיקע גבורה די קליינע און אָרעמע עדה האָט געהאַט.

אַ היסטאָריש שטעטל, וואָס האָט געצויגן זיין יחוס ביז אין דער ווייטער פאַרגאַנגנהייט, פאַרוועבט מיט לעגענדעס וועגן יידישער פריינדשאַפט מיטן פוילישן קעניג קאַזשימיעזש וויעלקי, וועלכער זאָל האָבן פאַרבראַכט אויף אָפּרו אין פשעדבאָזש. איז דאָך דאָס שטעטל אין אַלע צייטן געווען אַן אָפּרו־אָרט צוליב דער גוטער לופט אין דער געגנט פון וואַלד, פעלד און וואַסער.

ווען מען איז צוגעקומען נאָענט צום שטעטל, האָט זיך קודם באַוויזן דער שפּיץ פונעם קאָשטשיאָל, וואָס איז אויך געווען זייער אַלט און דערמאָנט, אַז כאָטש מען קומט טאַקע אַריין אין אַן אַלט יידיש שטעטל, איז דאָס אָבער אויף פּרעמדער ערד, אויף וועלכער עס הערשט דער צלם און די יידן לעבן אין זיין גנאָד. צום צלם בוקן זיך און מאָדליען זיך די צענדליקער טויזנטער פּויערים אַרום דעם שטעטל. פון זיי האָבן די יידן געצויגן זייער חיונה, אָבער דאָך האָבן די קרעמערס, שוסטערס, שניידערס און דאָרפסגייער נישט גערעכנט זיך מיטן צלם און נישט צוגעפּאַסט זיך צו די גוישע שכנים. עס האָט אפילו אויסגעזען ווי די גוישע סביבה וואָלט זיך צוגעפּאַסט צום לעבנסשטייגער פון די שטעטלשע יידן. נישט זונטיק איז געווען דער רו־טאָג, נאָר שבת, און די פּויערים האָבן קיינמאָל נישט איינגעשטעלט זייערע יאַרידן אין אַ יידישן יום־טוב; די גויאישע מערהייט האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער יידישער מינדערהייט.

דאָרפסגייער

אָרעמע שניידערס, דערשלאָגענע שוסטערס און קרעמער פלעגן זונטיק זיך אַוועקלאָזן איבער די דערפער און אינאיינעם מיט זייער געצייג אָדער מיטן ביסל צעלניק, גאַלאַנטעריע אָדער פאַרביקע קאָפּטיכלעך האָבן זיי געטראָגן מיט זיך טלית און תפילין און אַ סידור, אַמאָל אויך אַ חומש. אין די פּויערישע כאַטעס האָט דער ייד אָפּגעצוימט זיך אַ גייסטיק ווינקל, ווו ער האָט געדאַוונט, געגעסן דאָס, וואָס עס איז דערויף נישט געווען קיין חשש פון טריפה; געבענטשט נאָכן עסן און נאָך געפונען צייט פאַר אַ קאַפּיטל תהילים.

אָרעמע מענטשן, אין פלוג הילפלאָזע, דערשלאָגענע, אָבער בעצם, אין תוך, גרויסע גייסטיקע גבירים, יורשים פון אַ רייכער ירושה, וואָס אייז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור און אָפּגעהיטן געוואָרן אין שטוב און אין גאַס.

שמאָלע געסלעך מיט צוזאַמענגעקוועטשטע הייזער, נגידישע הייזער און קליינע הייזקעס, האַלב־איינגעפאַלענע מיט צעבראָכענע קרומע דעכלעך פון ליים און שטרוי. דער מאַרק מיט קראָמען און קרעמלעך, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט.

די שיל — דער שטאָלץ פון שטעטל

די אַלטע שיל איז געווען דער שטאָלץ פון שטעטל. זי איז געשטאַנען נאָענט צום טייך, געבויט פון פימסן־האָלץ און די פענצטער־שויבן האָבן געבלישטשעט מיט כלערליי קאָלירן ווען די זון האָט זיך אין זיי געשפּיגלט. מען האָט דערציילט און איבערגעגעבן פון דור צו דור וווּנדערלעכע מעשיות וועגן די קינסטלער, וועלכע האָבן די שיל געבויט און באַצירט מיט די שיינע שניצערייען, אמתע

קונסטוועריק. אַ סך מעשׂיות און לעגענדעס זענען אַרומגעגאַנגען אַרום דער שיל, וועלכע איז ווירקלעך געווען אַ פּראַכטפולער בנין, מיט גאָלדענע און זילבערנע אַנטיקן, ספרי־תורהס, אויסגעניייטע כּרוכתן, לאָמפּן און פֿאַרשידענע געוועבן, וואָס יידן פֿון שטעטל האָבן אין אַלע דורות מנדב־געווען צו באַשיינען די שיל.

בשכנות מיט דער שול איז געשטאַנען דאָס גרויסע בית המדרש, וואָס איז געווען פֿול מיט לערנער און דאַווענער פֿון פֿרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. געווען איז דאָס בית־המדרש אַ צענטער פֿאַר תורה און תפֿילה און אויך די צווייטע היים פֿאַר יעדן ייד. נאָך אַ טאָג פּאַריאַגטקייט און שווערער האָרעוואַניע האָט דער ייד דאָ געפֿונען אַ פֿיזישן און גייסטיקן אָפּרו, האָט זיך באַפֿרייט פֿון אַלע דאגות, אויסגעטון פֿון אַלע זיינע וואָכעדיקע ענינים, געוואָרן אויפֿגעפֿרישט, געלייטערט.

אין בית המדרש האָבן די יידן פֿון שטעטל זיך דערוווּסט אויך וועגן די נייעסן פֿון דער גרויסער וועלט. אין די ווינטער־אָוונטן פֿלעגט מען זיך זעצן אַרום דעם גרויסן קאַפּלאָווע אויוון און שמועסן וועגן וועלט־פּאָליטיק, אויפֿווייזן די פֿעלערן, וואָס עס מאַכן די פּאָליטיקער און די, וואָס פֿירן אָן מיט לענדער און פֿעלקער, מיט גרויסע אַרמייען.

אין מיין זכרון לעבן אויף יענע ווינטער־נעכט, ווען איך בין נאָך געווען אויף דער לערע ביים שניידער און מיר איז טייל מאָל אויסגעקומען אַהיימצוגיין נאָך האַלבער נאַכט. עס איז געפֿאַלן אַ שניי, אַ זאַווערוכע. די געסלעך האָבן אויסגעזען ווי אָפּגעשטאָרבן. בלויז פֿון בית־המדרש האָבן זיך געהערט די צעצויגענע גמרא־ניגונים און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס הער איך זיך איין נישט בלויז אין זייער לערנען, נאָר אויך אין אַ שטילע לאַנגע מעשׂה דערציילט פֿון אַ שטילער און צאַרטער נשמה, וואָס בענקט צו אומגעזעענע הויכקייטן.

חברות

געווען אין שטעטל אויך אַנדערע קלענערע בתי־מדרשים און חסידים־שטיבלעך, חברה־חומש, חברה־משניות און חברה־תהילים. אַלע האָבן זיי פֿאַרנומען אַ חשובֿ אָרט אין גייסטיקן לעבן פֿון שטעטל, וואָס האָט געהאַט באַוווּסטע רביים, חסידים און מקובלים. געווען צווישן זיי גרויסע לומדים, בחורים זענען געפֿאָרן אין ישיבֿות אין די גרעסערע שטעט. ווען אין שטעטל זענען אין אַ ווינטער־נאַכט פֿאַרשיט געוואָרן די גאַסן, האָבן באַלעבאַטים דאָס ערשטע גערייניקט און אויס־געטרעטן סטעזשקעס צום בית המדרש, מען זאָל קאָנען גיין דאַווענען מיט מנין.

אָנגעשפּאַרט אויף אַ בערגל, עטוואָס העכער פֿונעם טייך־ברעג איז געשטאַנען דאָס באָד און די מקווה. חסידים האָבן זיך יעדן טאָג געטובלט אין קאַלט־שניידנדיקן וואַסער, גערייניקט דעם גוף און געלייטערט די מחשבֿות צו עבֿודת

הבורא. דאָס באָד איז געווען אַלט, געשטאַנען אויף אַ שוואַכן פונדאַמענט. אָפט האָט מען געדאַרפט טוישן די פּאָדלאָגעס, וועלכע זענען געווען פון האָלץ, האָבן זיך געשיילט און עס איז געווען אַ געפאַר פון צעקאַלעטשען די פיס. ערב שבת איז דאָ געווען באַזונדערס טומלדיק. עס איז געשטאַנען אַ רעש פון די תענוג־געשרייען, געזאַנגען און ליצנות.

נישט געקוקט אויף דער אָרעמקייט, וואָרום די נגידים האָט מען געקענט ציילן אויף די פינגער, האָט דאָס שטעטל פאַרמאָגט זיין אייגענע לעבהאַפטיקייט. יידן, ווייבער און קינדער האָבן אָנגעפילט די געסלעך און דעם מאַרק. קינדער האָבן זיך געשפּילט אין גאַס און געגאַנגען אין די חדרים, אין שול. ווייבער זענען אַרומגעגאַנגען וועגן זייערע ענינים, פאַרזאָרגן די שטיבער מיט עסן, מיט אַ מלבוש פאַר די קינדער. מען האָט זיך דורכגעשמועסט דורך די טירן פון די הייזקעס און קראָמען, זיך געקריגט, געשריגן, אַמאָל אויך געריסן זיך איבער אַ קונה. אין טעג, ווען עס איז נישט געווען וואָס צו טון, נישט געווען קיין לייזעכטס, האָבן יידן געקאָכט זיך איבער קהלשע ענינים, געפירט שטעטלשע פּאָליטיק. אַנדערע האָבן זיך אַרומגעדרייט זוכן אַ פאַרדינסטל אָדער פאַרנומען זיך מיט צדקה־ענינים, שידוכים, חתונות, בריתן. די, וועלכע מען האָט זיך געפילט דאַנקבאַר פאַר אַ טובה, אַ גמילות חסד, האָבן דערפון געהאַט הנאה, געפילט זיך פיינע מענטשן, בעלי־רחמים, בעלי־עצה. זעלטן ווער פון די, וואָס האָבן געקענט טון אַ טובה, האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט.

יידישקייט

עס איז טאַקע געווען פרעמדע ערד, גלות, אָבער דאָך איז דאָס שטעטל געווען פול מיט יידן און אָנגעפילט מיט אַ מין זאַך, וואָס הייסט יידישקייט. עס האָט געשמעקט מיט יידישע ריחות, די ריחות פון בתי־מדרשים, פון יידישע מאכלים און די ריחות פון קרעמלעך. יידן האָבן דאָ געבויט זייערע היימען, וואָס זענען זיי געווען ליב און טייער; האָבן געלעבט אַ יידיש לעבן אָנגעזאַפּט מיט יידישקייט, פאַרגעזעצט זייער אייגנאַרטיקן לעבנסשטייגער. יעדער דור האָט עפּעס איבער־געלאָזט אַ ירושה דעם קומענדיקן דור. די יידן אין פּשעדבאָזש האָבן זיך געפילט פאַרבונדן מיט אַלע יידן אין דער וועלט, אָבער דאָס שטעטל האָט געהאַט אייגענע טראַדיציעס און מנהגים, וואָס יידן האָבן געהאַלטן טייער און הייליק — אַ מלוכהלע פאַר זיך; געשאַפן זייערע אייגענע אינסטיטוציעס, גמילות־חסדים־קאַסע, ביקור־חולים, וואָס האָט פאַרזאָרגט אָרעמע קראַנקע מיט מעדיקאַמענטן, באַצאָלט פאַרן דאָקטאר; געזאָרגט פאַר אָרעמע פאַמיליעס פון די קראַנקע, אויב זיי האָבן זיך גענייטיקט, אַכטונג געגעבן אויף די קינדער, אויב אַ מוטער איז

קראַנק געוואָרן; הכנסת־כלה, וואָס האָט געהאָלפן אָרעמע כלות מיט אויסשטייער און אַנדערע נויטיקע זאַכן צו אַ חתונה; מעות־חיטין. די בעקערס האָבן נישט געטאָרט באַקן קיין מצות איידער די באַלעבאַטים האָבן זיך נישט באַשטייערט פאַר מעות־חטין, יעדער לויט זיינע מעגלעכקייטן. מיט וואָס פאַר אַ פרייד יונגע און עלטערע האָבן זיך פאַרשריבן צו העלפן באַקן מצות פאַר מעות־חטין. מען האָט זיך געפרייט, אַז קיינער אין שטעטל וועט חלילה נישט האָבן קיין הונגעריקן פסח.

תלמוד־תורה און מתן־בסתר

געווען אַ תלמוד־תורה, ווו פון אָרעמע קינדער האָט מען נישט געמאָנט קיין שכר־לימוד. אין שטעטל איז נישט געווען קיין איינער, וואָס האָט נישט געקענט דאַווענען און וויניקסטנס לערנען אַ פרשה חומש. אין יעדער שטוב האָבן די עלטערן זיך געווונטשן צו האָבן אַ קינד אַ תלמיד־חכם, אַ לערנער. די אָרעמסטע האָבן אָפּגעשפּאָרט פון ברויט פון זיך און פון דער משפחה, כדי צו קענען געבן אַ קינד לערנען. ווען אַן אָרעמע משפחה האָט זוכה געווען צו האָבן אַ קינד אַ לערנער, האָבן אַלע מקנא געווען די גליקלעכע עלטערן. דאָס איז געווען דער גרעסטער אוצר, וואָס אַ יידישע היים האָט פאַרמאָגט.

אַ שיינע אינסטיטוציע איז געווען מתן־בסתר. אויף די טירן פון בית המדרש און קלויז איז געהאַנגען די מתן־בסתר־פּושקע און יעדער האָט געפילט פאַר אַ חוב אַריינצוּוואַרפן עפּעס אַ מטבע. דאָס געלט האָט מען צעטיילט פאַר אָרעמע געפאַלענע באַלעבאַטים, וועלכע מען האָט געהאָלפן, אַז קיינער זאָל נישט וויסן, כדי זיי נישט מבייש צו זיין. דער געבער האָט נישט געוויסט וועמען ער גיט און דער נעמער האָט נישט געוויסט פון וועמען ער נעמט. געוווּסט האָבן בלויז די איינצלנע, וואָס האָבן זיך דערמיט פאַרנומען און געהאַלטן עס שטרענג בסוד.

מיט מתן בסתר האָבן זיך פאַרנומען אויך נשים צדקניות, וועלכע האָבן געזאַמלט נדבות, געלט, שפייז, זאַכן און אָפטמאָל ממש אונטערגעוואָרפן דעם נויטבאַדערפטיקן, כדי אים איינצושפּאָרן די בושה פון אָנקומען צו צדקה. די דאָזיקע נשים צדקניות זענען געווען פרויען מיט גרויסע הערצער און זיי האָבן נישט געקענט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז אין אַ יידישער שטוב זאָל חלילה דער שבת געשטערט ווערן, ווייל עס איז נישט געווען פאַרוואָס צו קויפן חלות, ווייַן און אַ שטיקל פלייש. קיינער האָט זיי נישט אָפּגעזאָגט. מען האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון ווי גרויס עס זענען זייערע מעשים. אויף דעם זאָגט דאָך דער פסוק "וצדקתו עומדת לעד".

מרדכי אורשטיין

הכנסת אורחים

אין שטעטל פלעגן פון צייט צו צייט קומען אַלערליי אורחים, מגידים, נשרפים אָדער סתם אָרעמעלייט, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער קלייבן נדבות און קיינער איז נישט אַרויס מיט ליידיקע הענט, נישט אַוועק הונגעריק. אויף שבת האָבן אפילו אָרעמע משפחות אַהיימגענומען פון בית־המדרש אַן אורח צום שבתדיקן טיש, זיך טיילן מיט אים מיט זיין מאָלצייט. יידישע באַלעבאָסטעס זענען שוין צוגעווינט געווען, אַז שבת און יום־טוב זאָל זיין אַן אורח ביים טיש, ווי גרויס די פאַמיליע איז נישט געווען. עס זענען געווען שטובן, אין וועלכע די שבתדיקע אָדער יום־טובדיקע שטימונג איז קאַליע געוואָרן, ווען ביים טיש איז נישט געווען קיין אורח. דער טיש האָט אויסגעזען ליידיק.

פון תמיד אָן האָט פשעדבאָזש נישט געקענט מפרנס זיין אַלע יידישע איינווינער און דערפאַר זענען אַזויפיל אַרויסגעפאָרן קיין לאָדזש און אַנדערע שטעט ווי אויך אין אַנדערע לענדער. אומעטום האָבן די פשעדבאָזשער זיך געהאַלטן צוזאַמען און געבענקט נאָך זייער שטעטל, כאָטש מען האָט דאָרט נישט געלעקט קיין האָניק, שטענדיק געווען פאַרהאָרעוועט, בעלי־מלאכות האָבן געאַרבעט זעכצן שעה אין טאָג. ערשט אין יאָר 1931, געדענק איך, האָבן די אַרבעטער באַוויזן אויסצוקעמפן אַן עלף־שעהדיקן אַרבעטסטאָג.

זעלבסטבילדונג

קיין מעגלעכקייטן פאַר מיטעלער בילדונג זענען אין שטעטל נישט געווען. העכסטנס האָט מען געקענט דערגרייכן זיבן קלאַסן עלעמענטאַר־שול. בעת דע־ערשטער וועלט־מלחמה זענען די שולן געווען פאַרמאַכט אין דער געגנט, ווייל אויף דער פיליצע האָבן זיך אָפּגעשפּילט פאַרביסענע שלאַכטן. דערפאַר זענען נאָך דער מלחמה געווען יוגנטלעכע, וואָס האָבן נישט געקענט לייענען און שרייבן. ערשט דער קולטור־פאַריין האָט אונטערגענומען אַן אינטענסיווע טעטיקייט צו געבן די יוגנטלעכע עלעמענטאַרע בילדונג און וויסן, אָרגאַניזירט קורסן, פאָרלעזונגען און לעקציעס. עס זענען דערביי געווען קוריאָזן, ווען געוויסע פרעלעגענטן האָבן געפּלעגט רעדן אין אַ הויך־גאָרנדיקע שפּראַך, וואָס איז נישט אַלעמאָל דערגאַנגען צו די צוהערער.

דאָך איז די טעטיקייט פון קולטור־פאַריין געווען פון גרויס באַדייטונג. זי האָט

אַנטוויקלט דאָס גייסטיקע לעבן, געגעבן אַ ריכטונג די פּסיכישע מאַניפעסטאַציעס, וואָס האָבן פאָרמירט די פּערזענלעכקייט פונעם יוגנטלעכן, געשטאַלטיקט זיין קולטור־ניוואָ און מאָראַל, זיין חוש פאַר קונסט, פאַר מוזיק און ליד, פאַר ליטעראַטור און טעאַטער.

רעזשיסער פון דראַמקרייז

גרויס דערפאָלג האָט געהאַט דער דראַמקרייז, וועלכער האָט אויפגעפירט ערנסטע פּיעסן און איז מיט זיינע פאָרשטעלונגען אויך אַרויסגעפאָרן אין די אַרומיקע שטעטלעך. אַן אָנפירנדיקע ראָל אין דראַמקרייז האָט געשפּילט הענעך פרידמאַן, וועלכער האָט רעזשיסירט און געשפּילט ראָלן. מען קען זאָגן, אַז ער איז געשטאָרבן אויף זיין פּאָסטן.

דאָס איז געווען אין יאָר 1933, דעם ערשטן טאָג חול המועד סוכות, נאָך אַ גענעראַל־פּראָבע, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט 12 אַזייגער ביינאַכט. אַהיימקומענדיק האָט ער געקרוגן אַ האַרץ־אַטאַק און געשטאָרבן. ער איז דעמאָלט אַלט געווען קוים 33 יאָר. זיין פריצייטיקער טויט האָט אַרויסגערופן גרויס טרויער אין שטעטל, באַזונדערס טיף האָבן זיין טויט איבערגעלעבט די, וועלכע האָבן אים געקענט פון דער נאָענט און אָפּגעשאַצט די שווערע אבידה פאַר דער יידישער קולטור־טעטיקייט אין שטעטל. ער איז געווען די נשמה פונעם דראַמקרייז. די הענט זענען אַראָפּגעפאַלן. ערשט נאָך אַ האַלב יאָר האָט מען אויפגעפירט די פאָרשטעלונג, וועלכע איז איבערגעריסן געוואָרן דורכן טויט פון הענעך פרידמאַן.

דער וואַל־נצחון

דער קולטור־פאַריין האָט אויך אַנטוויקלט אַ פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. ווען עס זענען אין יאָר 1932 באַשטימט געוואָרן וואַלן צום פּשעדבאָזשער שטאָט־ראַט האָט דער קולטור־פאַריין באַשלאָסן אַרויסצושטעלן אייגענע קאַנדידאַטן אויף ראַטמענער.

אויף דער קאָנפערענץ מיט די פאָרשטייער פון די יידישע פּאַרטייען, ציוניס־טישע און פאָלקיסטן איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע פון גיין צו די וואַלן מיט אַ געמיינזאַמער ליסטע. די וויכּוחים האָבן זיך אָנגעהויבן ביים באַהאַנדלען די צאָל קאַנדידאַטן פאַר יעדער גרופּירונג.

אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט זיסמע טיבערג, אברהם וויינמאַן; פון די ציוניסטן — אַלטער טורעק און נאָך צוויי פון די האַנטווערקער. די פאָרשטייער פונעם קולטור־פאַריין זענען געווען: הענעך פרידמאַן, אברהם אַלעקסאַנדראָוויטש, ישעיה פראַמעניצקי א.א. מיר האָבן געפאָדערט זעקס פּלעצער

און נאָך לאַנגע וויכּוחים איז דערגרייכט געוואָרן די הסכּמה אויף פיר ראַטמענער.

פון דער קאָנפערענץ איז אָבער גאָרנישט געוואָרן. לסוף זענען מיר געגאַנגען צו די וואַלן מיט אַן אייגענער ליסטע. דער נצחון איז געווען אַ געוואַלטיקער און האָט אַרויסגערופן אין שטעטל גרויס איבעראַשונג און שטוינונג. מיר האָבן באַקומען 20 פּלעצער אין שטאָט־ראַט, 17 ראַטמענער און 3 לאַווניקעס. אין רעזולטאַט — אַ פולע מערהייט אין שטאָט־ראַט.

עס איז זעלבפאַרשטענדלעך, אַז די פאָרשטייער פון קולטור־פאַריין האָבן אַרויסגעוויזן גרויס אחריות פאַר זייערע אויפגאַבן. נישט געלאָזט זיך אַריינציען אין קיין קריגערייען און געטון זייער אַרבעט ווי דערפאַרענע געזעלשאַפטלעכע טוער. דאָס לעבן האָט גאָר גיך באַשטעטיקט דעם צוטרוי, וואָס איז זיי געשאָנקען געוואָרן און ווען עס זענען אויף די זיצונגען פון שטאָט־ראַט פאָרגעקומען לײדנשאַפטלעכע דעבאַטן וועגן די באַזונדערע ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער יידישער באַפעלקערונג, האָבן די שטימען פון אונדזערע פאָרשטייער געקלונגען הויך און מוטיק, מיט כאַראַקטערעקשנטער איבערגעגעבנקייט און פאַרשטענדעניש. זייער שטעלונג צו די פּראָבלעמען איז געווען רעאַליסטיש, אָן פּאַרטייאישער פאַרביסנקייט, אָן באַגרענעצטקייט, מיט טיפער און אויפריכטיקער באַציאונג צו יעדן באַזונדערן פּראָבלעם, פרעמד פון עגאָיסטישקייט און קליינלעכער זעלבסטצופרידנקייט, זענען זיי געווען אינגאַנצן איבערגעגעבן זייערע אויפגאַבן.

אַזאַ איז געווען דאָס שטעטל, ווי איך האָב עס געקענט פון מיינע פריסטע קינדער־יאָרן. ווען איך בין נאָך גאָר אַ ייִנגל געווען האָב איך געגלויבט, אַז דאָס שטעטל שטייט אַזוי צווישן די וועלדער פון אייביק אָן און וועט אַזוי בלייבן ביז דער שופר של משיח וועט אַ בלאָז טון. דעמאָלט וועט דאָס גאַנצע שטעטל. מענטשן, הייזער, שילן, בתי־מדרשים, די תלמוד־תורה, דאָס באָד אינאיינעם מיטן בית עולם — אַלץ וועט אַריבערגעטראָגן ווערן קיין ארץ־ישראל און אַלע וועלן אויפשטיין תחיית־המתים. דאָס שטעטל וועט ווידער לעבן. אייביק וועט בלייבן דאָס שטעטל. ס׳קען נישט זיין קיין וועלט אָן יידישן שטעטל. אָט די ווייסע, רויטע און בלויע בלימעלעך, וואָס ווערן נישט פאַרזייט, נישט באַוואַסערט און דאָך, ווי נאָר דער פרילינג קומט, גייען זיי אויף און מאַכן די פעלדער ליכטיק און ווייס, פאַרשמעקן אַ וועלט מיט זייערע ריחות.

ווען איך בין אַוועק אין דער גרויסער וועלט, אָנגעהויבן אַריינזאַפּן איר רייכקייט און קולטור, זענען געווען מאָמענטן, ווען איך האָב געמיינט, אַז מען דאַרף מער נישט דאָס שטעטל, אָבער וואָס בעסער איך האָב דערקענט די וועלט, אַלץ מער האָב איך איינגעזען דעם טעות.

מיט די יאָרן איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן וויפל שיינקייט דאָס שטעטל האָט

פאַרמאָגט און איך האָב דערפילט ווי טיף עס לעבט אין אונדז דאָס שטעטל. די וואָרצלען זענען געבליבן און וואָס מער מיר טראַכטן זיך אַריין דערשפירן מיר דאָס העלע ליכט, וואָס איז געווען באַהאַלטן אין אונדזער קליינעם שטעטל און אומעטום ווו מיר געפינען זיך ווערט איר זען גלגולים פון די אַמאָליקע יידן אין שטעטל.

אין פלוג האָבן דאָך די שטעטלדיקע יידן אויסגעזען אַזוי וואָכעדיק, טאָג־טעגלעך, אָבער באמת זענען זיי געווען אין אַ שטענדיקן מצב פון התלהבות און התפעלות פאַר מענטשלעכער און איבערמענטשלעכער גרויסקייט און אַפילו אין זייערע וואָכעדיקע מעשים האָבן זיי געהאַט דעם גרויסן באַוווסטזיין, אַז זיי זענען אונטער דער השגחה פונעם אַלמעכטיקן, פונעם פאָטער אין הימל און יאוש איז פאַר זיי געווען דער גרעסטער חטא. אַ האַרץ מיט יאוש איז דאָך פארשלאָסן פאַר אַלע האָפענונגען און יידן אין פשעדבאָזש האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו האָפן אויף בעסערע צייטן.

סליחות־טעג

אפילו אין די אומעטיקע אלול־טעג, ווען פיש אין וואַסער נעמען ציטערן פון אימה פאַר די ימים נוראים, וואָס נעמען זיך דערנענטערן, האָבן די תפילות דערמוטיקט יידישע הערצער. צו די ערשטע סליחות איז אין שטעטל געקומען דער פאַביאַניצער רבי, אַ זון פונעם ראָספשער רבין, וועלכער האָט אַ סך יאָרן געפראַוועט רביסטווא אין אונדזער שטעטל און איז נאָך זיין הסתלקות דאָ געקומען צו קבורה. זיין זון און מיט אים אַ סך פון זיינע חסידים זענען צו דער יאָרצייט פונעם ראָספשער רבין געקומען צו זיין קבר. דער פאַביאַניצער רבי האָט שוין געהאַט אַ חזקה צו זאָגן די ערשטע סליחות פאַרן עמוד אין דער גרויסער שיל. ער האָט געדאַוונט מיט גרויס מתיקות. פון זיין זינגען, אפילו טרויעריקע ניגונים, איז תמיד געוואָרן לויטער און זיס אויפן געמיט. דאָס איז געווען אַ געזאַנג, וואָס האָט דערהויבן די נשמה און אויסגעאיידלט דעם מענטש. כ׳דערמאָן זיך ווי איך האָב אים געהערט זינגען: "יהי רצון מלפני אבינו שבשמים..." און אין זיין קול איז געווען אַזויפיל זיסער טרויער און געבעט, אַז אין מיין קינדערישער פאַנטאַזיע האָט זיך געמאָלן ווי עס עפענען זיך די טויערן פון הימל און זיין תפילה טראָגט זיך גלייך צום כסא הכבוד.

בעלי־תפילה

זינגעוודיק געמיט איז געווען אַנטוויקלט אויך ביי די פאַרשידענע בעלי־תפילות פון שטעטל, וועלכע האָבן דעם גאַנצן חודש אלול זיך געגרייט צו די

ימים נוראים, געמאַכט פראָבן מיט זייערע משוררים, די סאָפּראַנען און אַלטן, וועלכע האָבן מיט זייערע קולכלעך אויסגעזונגען די רחמים־געבעטן צום רבונו של עולם. די ווייבער האָבן זיך איבער די משוררים געריסן און געגעבן זיי צו אכלען מאכלים, וואָס זיי האָבן אַ גאַנץ יאָר נישט געזען פאַר די אויגן. אין די אָוונטן איז דאָס גאַנצע שטעטל פול געווען מיט די ניגונים פון די ימים־נוראימדיקע תפילות.

איציק שמש, אַ ייד מיט איין אויג, האָט געהאַט אַ שיינע טענאָר־שטימע און ווען ער האָט פאַרן עמוד געזונגען "כל נדרי" האָט עס צעבראָכן הערצער. עס פלעגן קומען אין שיל אַריין צוהערן זיך צו "כל נדרי" אויך פּאָליאַקן, ווי דער בורמיסטש, דער ריכטער, דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט און אַנדערע פון דער פּוילישער אינטעליגענץ. זיי האָבן מיט גרויס דרך ארץ זיך צוגעהערט צום טרויעריקן געזאַנג און נישט איינעם האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן, ווען עס האָט זיך דערהערט אַ שטיל העשען פון יידן איינגעהילט אין זייערע טליתים.

קליין און גרויס, מענער און ווייבער האָבן יום־כיפור געפאַסט. די ווייבער אין עזרת נשים זענען געקומען באַלד אינדערפרי אין שיל אַריין און פונקט ווי די מענער געזעסן אַ גאַנצן טאָג און געדאַוונט. עס פלעגט טרעפן, אַז אַ פרוי איז געפאַלן אין חלשות. מען האָט זי אָפּגעמונטערט און זי איז ווייטער געבליבן אין שיל און הייס געדאַוונט, געבעטן פאַר אירע קינדער, פאַר כלל ישראל.

אין די שילן האָבן אונדזערע טאַטעס און זיידעס פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון זייער לעבן אין לערנען און דאַווענען. די טישן, ספרים און סידורים זענען געווען דורכגעזאַפּט מיט טרערן, וואָס דורות יידן האָבן אויף זיי פאַרגאָסן אין תפילות; דורות, וואָס האָבן מיט הייליקער התלהבות טאָג און נאַכט מתפלל געווען און געלערנט און זיך ממית געווען פאַר דער תורה. אויסגעברענטע פלעקן פון חלב־ליכט האָבן וועגן דעם דערציילט. אין די בתי־מדרשים האָבן זיי אויס־געדריקט זייער צער און בענקשאַפט. דאָרט האָבן זיי פאַרבראַכט זייערע שבתים און יום־טובים. דאָרט זענען מיר אַלס קינדער געשטאַנען אונטער די טליתים פון אונדזערע טאַטעס און איינגעזאַפּט אין זיך די קרעכצן און ניגונים פון די תפילות. דאָרט האָבן אַ סך פון אונדז געפּראַוועט בר־מצוות, פאַרבראַכט זייער יוגנט ביז מען איז אַליין געוואָרן טאַטעס און געצויגן די שנורן פון פאַרגאַנגענע דורות.

איצט איז די צייט פון דערציילן און איבערגעבן די ווייטערדיקע דורות וועגן דעם גרויסן לעבן, וואָס איז געווען אַזוי הייליק און איז אַזוי גרויזאַם געוואָרן פאַרשניטן.

רחל שטערן־הערשליקאוויטש

די משפחה הערשליקאוויטש

אַ פֿאַרצווייגטע משפּחה, פינף ברידער און אַ שוועסטער, אַלע געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין פשעדבאָזש, אויפן ירושה־באָדן אין ווידאמע, אויף דער טשענסטאָכאָווער גאַס.

אין אויפגעברויזטן יאָר 1905 זענען די פעטערס: זיסמן, אביגדור און חיים אַנטלאָפן קיין אַמעריקע, ווו זיי האָבן אויפגעבויט זייערע היימען און די גאַנצע



יחזקאל הערשליקאָוויטש מיט זיינע זין און שנורן

צייט געווען אין פאַרבינדונג מיט אונדזער משפחה, געשריבן צו מיין פאָטער האַרציקע בריוו און אויף אַ יום־טוב געשיקט עטלעכע דאָלאַר.

מיין פאָטער און מוטער, פיר ברידער און צוויי שוועסטער, יאנקל, הילל, אריה, אלימלך, איך און חיה האָבן זיך אַלע פאַרנומען מיט באַאַרבעטן דאָס שטיקל באָדן, וואָס האָט געהערט צו אונדז, געפלאַנצט פאַרשידנערליי גרינסן, פאַרזעצט קאַרטאָפל. מיין פאָטער האָט אונדז אָפט געשיקט טיילן קאַרטאָפל פאַר נויט־באַדערפטיקע, גאַנצע זעקלעך, אָבער שטילערהייט, כדי נישט צו פאַרשעמען די נויטבאַדערפטיקע.

די קינדער פון פעטער יחזקאל: נחמן, יאַנקל, יוסף, זיסל און חיה־שרה זענען אַריבער קיין טשענסטאָכאָוו און זיך דאָרט איינגעאָרדנט. זיסל האָט נאָך איר חתונה אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. איך האָב פאַרלאָזט דאָס שטעטל אין די יונגע יאָרן, אָבער די גאַנצע צייט בין איך געבליבן געבונדן מיט שטאַרקע פעדעם מיטן שטעטל, מיט מיינע קרובים און באַקאַנטע, חברים און חברטעס.

מיין וועג האָט געצויגן דורכן הכשרה קיבוץ אין פינסק, וווּ איך בין געווען פינף יאָר ביי גאָר שווערע באַדינגונגען. אין יאָר 1939 בין איך אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל.

פון מיין גאַנצער משפחה איז קיינער נישט געבליבן.

כבוד זייער אָנדענק.



מיכאל הערשליקאָוויטש און זיין זון מלך אין מונדיר פון פוילישן מיליטער

די משפחה קשענטאָווסקי

שוין 45 יאָר ווי איך האָב פאַרלאָזט פּשעדבאָזש. אין יאָר 1930 בין איך אַרויסגעפאָרן פון פוילן און אָנגעקומען אין בעלגיע, אָבער אַלע מיינע יאָרן האָב איך זיך געפילט פאַרבונדן מיט אונדזער שטעטל. דאָרט האָבן געלעבט מיינע עלטערן מירל און וואָלף קשענטאָווסקי, וועלכע זענען געשטאָרבן אין יאָר 1940 און געקומען צו קבורה אויפן בית־עלמין אין פּשעדבאָזש.

אין פּשעדבאָזש בין איך אויסגעוואַקסן, דערצויגן געוואָרן, געהאָפט און געוואַרעמט די נשמהדיקסטע טרוימען. אַ סך וואַסערן זענען אָפּגעלאָפן זינט יענער צייט און אַזויפיל אומשולדיק יידיש בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן און איך זע תמיד פאַר מיינע אויגן די שיינע שיל, וואָס די דייטשע רוצחים האָבן צעשטערט, די קדושים, וואָס זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אין טויטן־לאַגער טרעבלינקע, ווו עס זענען אומגעקומען אויך מיין שוועסטער חיה־גיטל מיט איר מאַן שלמה טענענבוים און זייערע דריי קינדער.



אברהם־יאנקל און טויבע קשענטאָווסקי



רבקה קשענטאָווסקי

מיין שוועסטער רבקהלע מיט איר מאַן און זייער צוויי־יאָריק יינגעלע זענען דעפּאָרטירט געוואָרן פון בעלגיע קיין אוישוויץ.

מיין ברודער אברהם־יאנקל קשענטאָווסקי און זיין פרוי טובה, פון די ברענערס, זענען מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן אין בעלגיע.

די גאַנצע צייט לעב איך מיט די "וווּנד און וויי"־זכרונות. געווען אַזאַ האַרציקע משפחה, אין וועלכער אַלע האָבן געברויזט מיט ענערגיע און אונטער־נעמערישקייט, מיט פּלענער פאַר אַ בעסערער צוקונפט. ווער האָט געקענט פאָרויספילן אַזאַ מוראדיקן חורבן?!

אַ גאַנץ שטעטל יידן איז אַוועקגעשלעפּט געוואָרן צו די קאַלך־אויוונס און קרעמאַטאָריעס, צו די ברידער־קברים, אויף וועלכע עס איז נישט געבליבן קיין סימן און קיין זכר.

דערפאַר בין איך אַזוי דאַנקבאַר די איניציאַטאָרן, וועלכע האָבן גענומען אויף זיך דעם הייליקן חוב צו שרייבן דאָס יזכור־בוך צום אָנדענק פון אונדזער חרוב־געוואָרענער יידישער קהילה און די קדושים, וועלכע זענען אַזוי אכזריותדיק פאַרשניטן געוואָרן. הי"ד.



וואָלף און מירל קשענטאָווסקי אין זייער שניידער־וואַרשטאַט זענען אויסגעשולט געוואָרן אַ סך לערן־יינגלעך פון שטעטל. דאָ האָט מען זיך באַצויגן צו די לערן־יינגלעך מיט וואַרעמער פאַרשטענדעניש און געטון אַלץ, אַז דאָס יינגל זאָל זיך אויף אַן אמת אויסלערנען דאָס פאַך.

אברהם קאַלבערג

אזוי האָבן זיי געלעבט

פּשעדבאָזש, דאָס שטעטל, וואָס מען האָט גערופן קליין ארץ־ישראל, איז אומפאַרגעסלעך פאַר יעדן, וואָס האָט דאָרט געלעבט, איז דאָרט געבוירן און דערצויגן געוואָרן, ווו טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער האָבן געוווינט און די גאַנצע משפחה איז געווען פאַר־גלידערט צוזאַמען. פשעדבאָזשער יידן זענען געווען צוגעבונדן צו זייער היים און אַוועק איז ער נאָר דעמאָלט ווען ער האָט געמוזט זוכן פרנסה ערגעץ אַנדערשוווּ, אָבער ווו ער זאָל נישט האָבן אויסגעוואַנדערט, אין אַן אַנדערער שטאָט צי גאָר אין אַן אַנדער לאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע, אַמעריקע, האָט ער שטענדיק געבענקט נאָך זיין אַלטער היים אין פשעדבאָזש, האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלעם וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען, האָט מיטגעלעבט מיט די פריידן און ליידן פון די מענטשן, וואָס זענען געבליבן אין שטעטל.

פאַראַן צווישן אונדז אַזעלכע, וואָס האָבן שוין אַרומגערייזט אַ האַלבע וועלט, נאָר זייער היימשטעטל, ווו מיר האָבן פאַרבראַכט אונדזער קינדהייט און יוגנט, קען קיינער נישט פאַרגעסן. די לעבעדיקע בילדער, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין אונדזערע הערצער, בעטן זיך ביי אונדז: פאַרגעסט אונדז נישט, דערציילט וועגן אונדז! מיר זענען אומצעשיידבאַר אויף אייביק און זאָלן אויך אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער וויסן ווו מיר זענען געבוירן און דערצויגן געוואָרן; זאָלן זיי קענען די היים, ווו מיר האָבן די ערשטע טריט געשטעלט, געלערנט פון אונדזערע עלטערן, מלמדים און לערער תורה און שיינע מידות.

זאָלן אונדזערע קינדער און אייניקלעך אויך אין דער צייט פון יאָגן זיך צו דער לבנה נישט פאַרגעסן אין די היימען פון זייערע עלטערן, אין די אַמאָליקע שטעטלעך, וואָס ליגן אין חורבות, זענען געוואָרן אָפּגעווישט פון דער ערד; יידישע שטעט און שטעטלעך, וואָס זענען געווען און מער נישטאָ.

זאָלן אונדזערע חלומות פון אַמאָל זיין אויך דער חלום פון קומענדיקע דורות. זאָלן זיי קענען און וויסן אונדזערע איבערלעבענישן, אונדזערע שטרעבונגען

און בענקשאַפטן און זאָלן זיי ווי מיר טרויערן נאָך דעם מוראדיקן אומקום פון אונדזערע קדושים.

מיט ליבשאַפט דערמאָנען און טראַכטן מיר וועגן אונדזער שטעטל, אויף וועלכן אויך די אַרומיקע שטעטלעך האָבן געקוקט ווי אויף אַ צענטער פון אינפאָרמאַציעס. אין די צייטן, ווען אין די אַנדערע שטעטלעך איז נאָך נישט אַריינגעקומען קיין צייטונג זענען אין פשעדבאָזש שוין געווען סטאַבילע אַבאָנענטן פון פאַרשידענע צייטונגען, פון פאַרשידענע ריכטונגען, אויך וואָכן־און חודש־זשורנאַלן. דער קולטור־פאַריין איז געווען אַ צענטער פון וויסן און זעלבסט־בילדונג. יוגנטלעכע זענען יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט געקומען, גענומען אַ בוך, אַ צייטונג, דיסקוטירט איבער ליטעראַרישע און פאָליטישע פראָבלעמען. מער־געלערנטע האָבן געהאָלפן די ווייניקער־געלערנטע, געגעבן צו פאַרשטיין און אויפגעקלערט קאָמפּליצירטע פראַגן.

יוגנטלעכע, וועלכע זענען אַרויסגעפאָרן פון פשעדבאָזש זוכן אַרבעט אין אַנדערע שטעט, האָבן זיך דאָרט, אויף די נייע ערטער, אויסגעטיילט מיט זייער וויסן און אַקטיוויקייט. זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אַ באַגאַזש פון ערודיציע, ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט און באַגער צו שעפערישער טעטיקייט. זיי האָבן דערפאַר פאַרנומען וויכטיקע פּאָזיציעס אין קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אויך אין אַנדערע שטעט.

צו די אַקטיוויסטן אין דער קולטור־טעטיקייט אין פשעדבאָזש האָבן געהערט: בינעם וויינמאַן, ישעיה פראמניצקי, הענעך פרידמאַן, אברהם אַלעקסאַנדראָוויטש, שמחה קאָלבערג א. א.

אָט די שורות פּרעטענדירן נישט צו זיין אַן אָפּשאַצונג און אפילו נישט קיין קורצע כאַראַקטעריסטיק פון די דאָזיקע אַקטיווע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טוער. זיי באַצוועקן בלויז אונדזער ווילן אָפּצוגעבן כבוד דעם אָנדענק פון יענע יונגע מענטשן, וואָס האָבן אין אונדזער שטעטל זיך דערהויבן צו מאַקסימאַלער איבער־געגעבנקייט אין דער טעטיקייט לטובת הכלל, אין פאַרשפּרייטן קולטור און ווירקן פאַר הויכע אידעאַלן. זיי האָבן אויף זיך גוטוויליק גענומען צו שלעפּן אויף זייערע פּלייצעס שווערע עולן. אייגנאַרטיקע מענטשן און גרויסע אידעאַליסטן.

גרויס זענען אויך געווען די מענטשן פון תורה און חסידות, תלמידי־חכמים און יראי־שמים, ווי ר׳ נתהלע, דער מרא דאתרא, ר׳ אפרימל אלטערס, דער מורה הוראה, ר׳ פנחסל עילוי, ר׳ מענדל שוחט און אַ סך, אַ סך אַנדערע, אויף וועלכע מען האָט געקענט זאָגן: ״תורה וגדולה במקום אחד״. זייער גדלות איז געווען אין גדלות דמוחין צוזאַמען מיט עניוות, באַשיידנקייט, פשטות און צניעות.

מודה בין איך, אַז צופיל זיך פאַרלאָזן אויף דערמאָנונגען פון די גאָר־פריע יאָרן קען מען נישט. זייער אָפט מיינט דער מענטש, אַז ער געדענקט, אָבער אינדעראמתן איז ביי אים נאָר דאָ דער טונקעלער איינדרוק, אויפגעכאַפּטע שטיקלעך און ברעקלעך, וואָס ער האָט געהערט פון טאַטע־מאַמע, פון אַנדערע דערוואַקסענע. נאָר קלאָר איז מיר, אַז איך האָב איינגעזאַפּט אין זיך פון מיינע פריסטע קינדער־יאָרן אַ סך התלהבותדיקע און דערהויבענע יידישקייט, וואָס נאָר אין שטעטל און מער האָב איך אין ערגעץ נישט אָנגעטראָפן זיך אויף אַזעלכע שיינע און ערלעכע מידות.

אין זכרון האָט זיך מיר איינגעשניטן דאָס דערשיינען, יעדעס יאָר, פון פּאַביאַניצער רבין און ווי ער פלעגט מוצאי־שבת, צוועלף אַזייגער ביינאַכט, שפּאַנען איבער די געסלעך פון שטעטל, באַגלייט מיט געזאַנג פון פשוטע יידן און חשובע באַלעבאַטים. זיי זענען געגאַנגען צו דער שטאָטישער שיל נעבן דער פּיליצע. דאָס געזאַנג האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער שטימונג פון תשובה, וואָס האָט זיך פאַרשטאַרקט אין די אלול־טעג.

אַזוי איז מען אָנגעקומען אין שיל און דער רבי האָט אָנגעהויבן זאָגן די תפילות און פיוטים פון סליחות. מיט אַן אנגעלאדן האַרץ האָבן די יידן אָנגעהויבן זיך דורכצורעדן מיטן באַשעפער, מיטן טאַטן אין הימל. די תפילה האָט באַפרייט זייער געמיט, האָט דערהויבן די נשמה און אין די יידן אין שטעטל האָט זיך אַנטפלעקט די גרויסע בענקשאַפט נאָך מלכות שמים, נאָך אמת און גערעכטיקייט.



ישראל קאַלבערג

מיין פאטער ר׳ ישראל

אין מייט טאַטנס שטוב האָט זיך אויסגעפאָרעמט מיין יידישער גאַנג אין לעבן. מיין טאַטע האָט פאַרמאָגט אין זיך מענטשלעכע פשטות, נשמה־ווייכקייט און וויסן, יידיש און וועלטלעך וויסן, איז געווען דורכגענומען מיט אהבת המקום און אהבת הבריות. זיין ליבשאַפט צו תורה און מענטשן איז געווען אַן אַקטיווע. ער האָט ליב געהאַט צו לערנען און צו טון טובות, האָט אָנטיילגענומען אין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, געווען אַ מיטגליד אין פאַרשידענע אינסטיטוציעס.



שמחה בונעם קאַלבערג (לאָדז) ביי דער מצבה פאַר די אומגעקומענע פשעדבאָזשער יידן אין טרעבלינקע

זיין נוסח איז געווען אַריינצוגיסן חומר אין רוחניות און אַריינצוועבן דאָס רוחניותדיקע אינעם חומר. די מצווה פון "שטעלן אַ ייד אויף די פיס" איז ביי אים געווען זייער טייער און ער האָט זי אָפּגעהיטן אויך אין די יאָרן, ווען ער איז אַוועק פון פשעדבאָזש קיין לאָדזש, ווו ער איז געווען גאָר אַקטיוו אין דער חברה "לינת החולים", האָט אַוועקגעגעבן אַ סך צייט און מי צו העלפן קראַנקע און נויטבאַדערפטיקע.

יעדן שבת איז ער געגאַנגען צו די שיעורים אין בית המדרש. דער דאָרשט נאָך וויסן האָט אים נישט אָפּגעלאָזט זיין גאַנץ לעבן.

נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז געווען אין לאָדזשער געטאָ, האָט ער, נישט געקוקט אויף דער שרעקלעכער נויט, אָפּגעהיטן כשרות און נישט צוגערירט זיך צו קיין נישט־כשרע מאכלים. ווען ער איז געווען געצוווּנגען גיין יום־כיפור צו דער אַרבעט ביי די דייטשן, האָט ער אַלץ געטון, ער זאָל אין דעם הייליקן טאָג נישט דאַרפן אַרבעטן און האָט אויך נישט טועם געווען פון דער זופּ, וואָס מען האָט צוגעטיילט די מענטשן.

די גאַנצע צייט האָט ער געטרייסט די יידן און געמוטיקט, אַז מ'דאַרף זיין שטאַרק, ווייל די מלחמה וועט לאַנג נישט דויערן און עס וועט קומען דער סוף אויף די יידישע שונאים.

בעת דער אַקציע אין יאָר 1942, ווען מען האָט צוגענומען אַלע עלטערע יידן, זענען אין אונדזער שטוב אַריינגעקומען געסטאַפּאָ־לייט און זיי האָבן געטראָפן דעם טאַטן זיצן איינגעהילט אין טלית מיט אַ ספר אין האַנט. אין דעם מאָמענט זענען זיי באַהערשט געוואָרן פון אַן אויסטערליש געפיל פון ערפורכט און זענען שנעל אַרויס פון שטוב. זיי זענען שוין אויך נישט אַריין אין די אַנדערע שטובן פונעם הויז און די יידן, וועלכע האָבן דאָרט געוווינט זענען אין דער אַקציע ניצל געוואָרן.

אין יאָר 1943, ח׳ אלול, איז דער טאַטע, אין הונגער און קעלט, זיצנדיק ביים ספר איינגעשלאָפן. זיין נשמה איז אויסגעגאַנגען, שטיל, אָן תרעומת. ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט און די יסורים מקבל געווען באהבה.

מיר איז אויסגעפאַלן דער זכות צו באַטייליקן זיך אין מיין טאַטנס לויה וואָס איז אין יענע שוידערלעכע צייטן באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ גרויסע זכיה. מען האָט אים קובר־געווען אויפן לאָדזשער בית עולם, נישט ווייט פונעם קבר פון ראדאשיצער רבין.

אינעם הספד, וואָס עס האָט געהאַלטן ר׳ יאַנקל לעווין, האָט ער צווו.אַנד. געזאָגט: „אַזאַ ייד ווי ר׳ ישראל־הערש קאָלבערג, מיט אַזאַ וואַרעם יידיש האַרץ און גוטע מידות, האָט געהערט צו די זעלטענע יידן, וואָס זייער שיין באַלייכט אונדזער לעבן אין די ביטערסטע צייטן״.

כבוד זיין אָנדענק!

אהרן כץ

אהבת ישראל

נישט נאָר צו געדענקען און דערמאָנען פאַראייביקן מיר אונדזער חרוב־געוואָרן שטעטל, נאָר אויך צו לערנען. געווען אַ הייליקע קהילה און זי איז אַוועק אין שטורעם. אַ שטורעם נישט פון גאָט, נאָר פון טייוולאָנים און נישט־גוטע. אין יזכור־בוך צום אָנדענק פון אונדזער שטעטל פשעדבאָזש פאַרצייכענען מיר סיי דאָס לעבן און סיי דעם אומקום, אָבער צי זענען מיר אימשטאַנד אַלץ צו פאַרצייכענען? אונדזער יזכור־בוך געהערט צו די ספרים, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די אימהדיקע ליטעראַטור, וואָס איז צוגעקומען דעם יידישן פאָלק נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה און ווי אימהדיק זי זאָל נישט זיין האָבן מיר פון איר אויך אַ סך צו לערנען.

אין די בלעטער פון ספר פשעדבאָזש פאַרצייכענען מיר עפיזאָדן פונעם לעבן פון אונדזערע טאַטעס און זיידעס און מיר לערנען פון זיי די מידות טובות און די מידה פון אהבת ישראל.

אָט דאָס איז די גרויסע מידה, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר די

יידן אין אונדזער שטעטל. מיר ווייזט זיך טיילמאָל אויס, אַז אין ערגעץ איז נישט געווען אַזויפיל אהבת ישראל ווי אין פשעדבאָזש. מעגלעך, אַז אַזוי ווייזט זיך אויס יעדן אָפּגעראַטעוועטן ייד אויך פון אַנדערע שטעטלעך. איז גוט, וואָס אונדזער שטעטל איז נישט אָפּגעשטאַנען; וואָס מיר האָבן געהאַט אַזעלכע גרויסע יידן, רביים און רבנים, חסידים און סתם יידן, וואָס זענען געווען דורכגעדרונגען מיט אהבת ישראל.


זיי האָבן די מידה געירשנט פון זייערע עלטערן און זי איבערגעגעבן זייערע קינדער, און וויפל האָט מען געקענט לערנען אהבת ישראל פון ר׳ אפרימל און פון די, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט מיט ליבשאַפט און יראת הכבוד. דאָס דערמאָנען זיך אין די דאָזיקע יידן טרייסט און מוטיקט. מיר פילן זייער גייסטיקע השפעה אין אונדזער טאָג־טעגלעך לעבן.

די פעלקער פון דער וועלט האָבן גלייכגילטיקע צוגעקוקט זיך צום מוראדיקן אומקום. איצט זאָרגן זיי זיך וועגן אויספאַל פון אַטאָמישע אויפרייסן און האָבן שוין פאַרגעסן דעם אמתן אויספאַל וואָס שוועבט אין די ספערן — דאָס אַש און דער רויך פון אונדזערע פאַרברענטע ברידער און שוועסטער.

וויי, וויי דער טויבער און קורצזיכטיקער וועלט, וואָס האָט דאָס אַלץ נישט געוואָלט זען און הערן און וויל איצט אין דעם אַלעם פאַרגעסן.

מיר קענען אָבער זיי נישט פאַרגעסן. אין זייער לעבן און אומקום זעען מיר בעסער אויך זיך אַליין. אין זייערע הערצער און גרויסע נשמות איז געווען דער פאַרלוירענער גן־עדן פון אמתער מענטשלעכקייט. אָן זיי איז די וועלט שוואַרץ און ליידיק.

זייער זכות זאָל אונדז ביישטיין, אונדז און אונדזערע קינדס־קינדער.



נחמיה דויטשמן

ועד הקהילה ופעלו

ועד הקהילה היה, כמו בכל ערי פולין, מוסד מוכר באופן רשמי ע״י השלטון בתור נציג העדה היהודית כלפי השלטונות, מוסמך ואחראי לניהול כל עניני העדה הפנימיים, ובראש וראשונה היה עליו לדאוג למילוי השירותים הדתיים ולמשכורת לממלאי תפקידיה, כגון הרב, השוחט, בתי הכנסת, בית המדרש, בית־העלמין, תלמוד־תורה, המקווה וכו׳.

האמצעים להוצאות צרכי ועד הקהילה מומנו ע״י היטלי מסים שהוטלו על כל ראש משפחה לפי יכולתו החומרית. ההערכה על גובה סכום המס נעשתה ע״י פרנסי הקהילה. בדרך כלל דאגו שתהיה הערכה צודקת, איש איש כפי יכולתו.

רשת שלטון ועד הקהילה הסתעפה גם על ישובי היהודים בכפרים במחוז ואשר מספרם לא היה גדול, והם גם השתתפו בבחירות פרנסי הקהילה.

בישיבות ועד הקהילה התנהלו דיונים מיגעים וממושכים בנוגע לעריכת תקציב הכנסות והוצאות של הקהילה. נדונו כל הבקשות של המוסדות והגופים הנתמכים. לא אחת היו מתגלעים וויכוחים שונים בין הפרנסים, נציגי מפלגות שונות, וכמעט תמיד נסתיימו בהבנה, כי כולם עבדו באמונה לטובת הציבור. כדאי לציין שחפשנו וחקרנו לדעת אם התקיימו מריבות רציניות בניהול עניני הקהילה, ולשבחם ייאמר: לא!

פרנסי הקהילה נבחרו בבחירות כלליות. ההצבעה היתה בקלפי והתקיימה על פי רוב ברוב עם ובהמולת תעמולה למען פרנס זה או אחר, לפי שייכותו למפלגה או לאירגון וגם לפי כושרו האישי להתעסק בעניני ציבור וכושר ייצוגו במגע עם הרשות. זכות הבחירה היתה לכל בן העדה ששילם את המס לקהילה.

הנבחרים לועד הקהילה שיקפו, פחות או יותר, את דמות האוכלוסייה היהודית שהיתה מורכבת מחסידים מכל הגוונים וממפלגות לזרמיהן ששאפו ל״כיבוש הקהילה״, והיו תקופות שהיתה השפעה מכרעת לציונים־דתיים.

יו״ר הקהילה זוסמן טיברג

לא אצא ידי חובתי אם לא אזכיר כאן את ראש הקהילה זוסמן טיברג שהיה, במסירותו יום ולילה במשך כל ימי חייו כמין מוסד מיוחד בועד הקהילה, ואני מודה שאני ניגש לכתוב על אישיות זו בדחילו ורחימו, כי הוא היה אישיות מקרינה וכובשת, איש ציבור בולט ומוכר בכל החוגים והזרמים, בעל שאר רוח ומחשבה.

זוסמן טיברג בא לפשדבוז לפני מלחמת העולם הראשונה מרדומסק, לקח אישה ממשפחת וויינמאן. ראשית חינוכו קיבל בחדר ואח״כ המשיך ללמוד כאוטו־דידקט לימודי חול, היה פעיל בתנועת המהפכה הפולנית נגד שלטון הצאר, נפגש עם הנוער המתקדם ברדומסק והתעניין בפעילות תרבותית. למרות מהפכנותו ספג טיברג בתוכו תרבות יהודית.

בימים הראשונים לבואו לפשדבוז׳ הרגיש עצמו כנטע זר. החיים החברתיים היו אז רדומים, העיירה היתה חיה חיי שיגרה כל ימות השנה, והחיים נמשכו בעצלתיים. חשמל לא היה בעיר, לא בבתים ולא ברחובות.

חלפו ימי מלחמת העולם הראשונה. בחיים, כמו בחזית, משתנות עמדות. נכבשים שטחים, ותוך כדי כך מכירים אנשים חדשים, עניינים חדשים ושאיפות חדשות. זוסמן טיברג הפך לפשדבוז׳אי, הקדיש הרבה מזמנו ומרצו לפעילות ציבורית והצליח לפעול גדולות. הודות לקשריו עם אנשי השלטון הפולני, שזכרו את חלקו בפעילות המהפכנית, זכה להיענות לבקשותיו בעניני הקהילה היהודית. הוא היה בעל שיעור קומה. שבעיות קשות למכביר העסיקו אותו, והוא ממש נדרש ע״י האוכלוסייה היהודית לשמש נציגה בועד הקהילה ורחשו לו כבוד וחיבה, והיה גם מקור נאמן לבני־העיירה בעיצוב החברה היהודית בקהילתנו.

זוסמן טיברג טיפח את החיבה ויחסי הכבוד ההדדיים, החשיב את תפקידו הציבורי מעל הכל וביחוד מעל לחייו הפרטיים וכל יודעיו כבדוהו על יושר לבו, ואף על פי שלא היה איש־פשדבוז׳ מלידה הפך תוך זמן קצר — התושב הפופולרי ביותר בעיירה.

אהבת ארץ־ישראל קיננה עמוק בלבו, עזר למפלגות הציוניות לזרמיהן ושמח לראות את ההד החזק שהיה לתנועה הציונית־הדתית בקרב הנוער. כל מעשה ציוני, גדול כקטן, היה חשוב בעיניו והיה עוזר ועושה בהתמדה מופתית.

אדם בעל מוח ישר־הגיון והיה מבהיר את אמונתו בציונות במשפטים פשוטים, שהיו מתקבלים על דעת כולם בגלל בהירותם המשכנעת. הוא היה אומר: לכל העמים יש מולדת, קרקע ומלוכה — למה ליהודים לא? בשיחותיו היה מזכיר שאדמת ארץ־ישראל עומדת בשממונה ומחכה ליהודים שיבואו לגאול אותה.

פיקחותו ותבונתו והכושר המיוחד של מנהיגות שניחן בו, העניקו לו את הסמכות של ראש הקהילה בפועל, ונוסף לזה היו לו מהלכים בחוגים נרחבים בין הפולנים, היה אהוד על ראשי־השלטון המקומי והמחוזי, וביניהם אלה שזכרו לו חסד נעוריו, והוא היה נאמן עליהם כנציגה של הקהילה היהודית, ולכן באו אליו יהודי העיירה עם צרותיהם והוא היה ידוע כבעל־טובה וכשתדלן ושימש מעין כתובת לנזקקים לטובה או לשתדלנות אצל השלטונות.

אלתר טורק

כחייט במקצועו ראו בו בעלי־המלאכה את נציגם בועד הקהילה ובעיירה. הוא היה מעורה בהליכות החיים של העיירה. אחד מאלה שהתואר בעל בעמיו הולם אותם במלוא מובנו של מושג זה. את יעודו בחיים ראה בעסקנות ציבורית, שהיתה בשבילו כאויר לנשימה. החיים היו בשבילו עזרה לזולת.

אלתר טורק התמסר לפעולה למען נזקקים ותמיד הצליח למצוא את העזרה הדרושה להוציא את הנזקק ממצוקה, לעודד אותו ולהפיח תקווה בלבו. אין בכך שמץ הפרזה אם נאמר עליו שהיה אחד הצדיקים בהתנהגותו והליכותיו עם האנשים, והם השיבו לו בחיבה והערצה והיו לידידיו בלב ונפש.

הוא היה מלא אמונה שיבואו ימים יותר טובים ומאושר היה כשהצליח לגרום ניצוץ של שמחה בעיניהם של עניים ומודאגים, והם היו שמחים להסתופף סביבו, בבית־המדרש, בחברת "אומרי־תהילים", בטיולי־שבת ליער, חשו אז אותה הרגשה נעימה שמלווה את השהות במחיצתו של אדם טוב, אוהב הבריות.

מאיר הלר

איש נבון ובעל צדקה, פרנס קהילת פשדבוז׳, נציג איגוד הסוחרים, נתחבב על כל הסביבה על־שום יושר־לבו ועל שום הצדקה וגמילות־חסדים. הוא היה היו"ר של קופת גמילות־חסדים ע"י איגוד הסוחרים. היו תקופות שאותם הסוחרים, אשר לפני שנים מספר היו עדיין בעלי־נכסים התומכים באחיהם העניים, הפכו בעצמם להיות אביונים. הודות למסירותו ויוזמתו של מאיר הלר נהנו כל הסוחרים מעזרת קג"ח. הקופה הושיטה יד עוזרת לכל נצרך וסיעה גם בעצה ובמעשה.

מאיר הלר היה הכוח המאַחד ומלכד של מייסדי קג"ח ועשה הכל להצלחת הקופה והתמסר לפעולות באותם מקרים שהיו הקשים ביותר. כנר לרגליו שימשו דברי חז"ל שדרך־ארץ קדמה לתורה, ודרך־ארץ היא גמילות־חסדים, וכמו שכל יהודי מחוייב להניח תפילין ולקבוע מזוזה בפתחו, כן מחוייב כל איש לעסוק בגמילות־חסדים ולהיות כחוט המשולש שלא במהרה ינתק, והרי על זה אמר

ר׳ שמעון הצדיק: ״על שלושה דברים העולם עומד, על התורה, על העבודה ועל גמילות־חסדים״.

ר׳ עמנואל וולינסקי

כמי שנתברך בכשרון ובסבלנות להקשיב לשיח־לבו של הזולת ראו בו גורם בעל חשיבות־רבה בועד הקהילה, בו שימש כפרנס בכל הקאדנציות. אנשים באו אליו להשיח לפניו את הדאגות, העלבונות והיסורים הפוקדים אותם בחייהם. ר׳ עמנואל כאב עמם את כאבם ומיד התכונן לעשות משהו בשבילם.

ר׳ עמנואל היה עסקן בחסד, ובמסירות נפש עשה עבודתו ביום ובלילה, השתתף בדיוני ועד הקהילה ותמיד עמדו נגד עיניו צרכי האוכלוסיה.

הוא היה מחסידי אדמו״ר מרוספשה הנלהבים, ובדמותו התגלמו כל הגילויים הנהדרים של החסידות, שפע חמלה, אהבה ורחמים מרובים. באו אליו לשאול בעצתו גם פשוטי־עם והוא לא חשך מהם תשובה, לא היסס להשיאם עצות ישרות בכל שטח שהוא, בבעיות משפחתיות ומסחריות מסובכות והעמיס על כתפיו את דאגותיהם, כדי לבוא בדברים עם הגורמים בפעולות בעזרה, וכך הפך ביתו לכתובת מבוקשת בשביל נזקקים שונים.

שיינדל (סאלצ׳ה) וויינמן

התחנכה בבית יהודי מסורתי, אולם היא התחילה להיאבק על דרך חדשה, חופשית יותר. במאבקה סללה דרך לאחיה, אשר בהתבגרם היו לבעלי־מחשבה עצמאית ותודעה יהודית.

דרכה לא תמיד היתה סוגה בשושנים. רק הודות לאופיה המוצק ולרגש האחריות והאהבה למשפחתה, שהיה טבוע עמוק בישותה ובמעשיה, יכלה להתגבר על משברים. ביתה היה בית־ועד לפעולה ציונית, תרבותית וספרותית עברית. היא היתה האישה הראשונה בעיירה שהעיזה להביא מבחוץ מורים עבריים עבור ילדית.

מלאת נועם וחדוות־חיים היתה. ידעה לשמוח שמחה אמיתית עד עומק לבה ואף להתעצב ולחוש בסבל הזולת. גאה היתה בילדיה, והיה לה יסוד לכך. אישה מופלאה, שגילמה את האם היהודיה, ה״יידישע מאַמע״ המסורתית, והיא החדירה בילדיה בשחר שנותיהם את השפה העברית ואת האמונה בציונות.

בעלה איצק (יצחק) לוויו, יהודי לאומי גאה, היה חבר טוב ואדם טוב, צנוע בהליכותיו, קשור לתנועת ארץ־ישראל העובדת עד יומו האחרון.

נח גוטסמן

היימצא ביניכם, חברים פשדבוז'אים, איש בעל דמיון מופלג, שיוכל לתאר לנו פעילות ציונית־דתית בעיירתנו בלי נח גוטסמן? בן למשפחה אמידה, בחור־ביהמ"ד לכל תגיו ויחד עם זה לא פסל תרבות וידיעות כלליות. היה בעל ידיעות רחבות ועמוקות בספרות הכללית והיהודית והתעניין בבעיות הזמן. דמוקרט מטבעו ואציל נפש הבין לרוחם של צעירי פשדבוז' ולשאיפותיהם לפנות לתנועות הנוער, ושמו הלך לפניו כיו"ר ועמוד התווך של תנועת "צעירי מזרחי" בעיירה, מסור ונאמן לציון.

את נח אני רואה בעיקר כמנחה רוחני וכאישיות מוסרית. הוא האציל עלינו, הבריו בתנועה, מרוחו. הוא היקנה לנו את הראייה, כי יסוד היסודות הוא לראות את עצמנו כחלק בלתי נפרד מהיהדות החרדית. אורח־חיים תקין, שיש בו משום תועלת לזולת, הוא הערובה ליחסי אנוש הוגנים.

לבו רחב לכל הישג יהודי בארץ־ישראל, התמיד בלימוד ובעיון וינק אל תוכו את כל המידות הטובות של יהדות פולין הענפה, המסורתית והמתקדמת, את אהבת המולדת, נאמנות לתנועה וידידות לאדם באשר הוא אדם. רוחב־לבו והזדהותו עם האידיאלים של צעירי מזרחי עמדו ביסוד פעילותו הענפה. הוא ידע לשכנע רבים ולצרף אותם לדרך, שנראתה לו כנכונה וצודקת. בדרך זו מצא נתיב לנשמתם ולצפונות לבם של רבים מצעירי פשדבוז', אשר האמינו בו ובדבריו.

אנו, חבריו וידידיו, למדנו ממנו רבות, למדנו דרכי־חיים וסדרי־חיים; למדנו איך לא לוותר על עקרונות, כאשר מדובר בענין ציבורי או תנועתי. חשנו תענוג רוחני לשוחח אתו על נושאים שונים, נוכחנו לדעת כי הוא חושב על כל דבר באורח־עצמאי.

זוכרני את הערב האחרון שבילתי אתו בביתו. זה היה 30 באוגוסט 1939, כשבאופק כבר נראו העננים השחורים מבשרי השואה. באותו ערב קיבלתי צו־גיוס, להתייצב לצבא הפולני. שוחחנו אז על ההווה ועל העתיד, על החברה ועל כלל אנשים, על פולין המנוגעת בשנאת־ישראל תהומית. מגמתו היחידה היתה: עלייה.

הוא ניגש אל החלון והשקיף אל הרחוב, אשר ניכרה בו היטב התכונה לקראת הגיוס. בלב כבד פנה אלי ואמר:

"ימים קשים ממשמשים ובאים..."

פניו החוורים העידו על התרגשותו, ואני עזבתי אותו נסער ונרעש עד עומק נפשי

הכליון

באחד בספטמבר 1939 פלשו הגבולות פולין קלגסיו צמאי־הדם של השד המשחית היטלר. למחרת עברתי עם יחידתי את העיר פיוטרקוב בדרך לחזית. מזכרוני לא ימחה החזיון שנגלה לעיני ברחובות, בהם היהודים הסתופפו בצדי הדרכים והסתכלו בנו בעיניים עצובות ובשוועת־תחנונים קורעת־לב. לבם ניבא רעות והם פנו אלי בשאלות: מה קורה? מה יהיה אתנו?

בימים ההם ראו כבר היהודים את הענן הקודר מתפשט והולך על שמי חייהם. במוחי ניקרו אותן השאלות ולא יכולתי למצוא להן מענה. כמוהם הרגשתי שמשהו נורא ומהריד מתקרב ובא.

אולם בחלומותי הגרועים ביותר לא יכולתי אז לתאר לעצמי את אימי השואה, את כל מדורי הזוועה, על כל צורותיהם ושלביהם, אשר עברו על עיירתנו, כבכל ערי פולין. נמחה בה זכר בניה־בוניה, כלו בימי האפלה, ולא הותירו מאום, בלתי זכרון בספר — — —



אחותי רבקה דויטשמן שנספתה בשואה

שרה ויזר־בוים

תלמידותי וידידותי ב״בית־יעקב״

פשדבוז׳, עיירה שמעולם לא שמעתי על קיומה. נשלחתי אליה עם תום לימודי בסמינר ״בית יעקב״ בקרקוב, למלא את תפקידי כמורה ולפי סיכמתה של הגב׳ שנירר זצ״ל, מיסדת תנועת בית יעקב, היה עלינו, המורות, להלהיב (״בעגייסטערן״, לפי דבריה) את הלבבות הצעירים של התלמידות למען תורה ומצוותיה, כדי שיוכלו לעמוד איתנות בנסיון נגד החילוניות, ששלטה אז ברחוב היהודי.

וכך הגעתי לפשדבוז׳ במלוא ההתלהבות, מלאת מרץ ויזמה, עם תכניות וחומר רב של לימודים, הצגות, שירים ומשחקים וכו׳. לצערי ההתלהבות פגה מהר. ד׳ יירה, על בתיה שנראו בעיני כמטים ליפול, ביחוד ״ברחוב״ שהתאכסנתי בו, וכל הרחובות הצרים והעקומים, חסרי כביש ומדרכה, שבקושי אפשר היה לעבור בהם בלי סכנת נפילה, והעיקר המבטים של התושבים, שנפגשתי אתם בתחילה, שרצו כאילו להשתתף בצערי על בואי הנה — כל זה יחד צינן חיש מהר את התלהבותי למקום עבודה החדש. זכור לי שבאותו יום, בכתבי להורי ז״ל, ביאושי כי רב, הבעתי את משאלתי לעזוב את המקום לאלתר. תיארתי בפניהם עיירה נידחת, שכוחת־א־ל, בלא שמחה ובלא חיים ואיך אוכל להחזיק מעמד בה?

למחרת עליתי ל״בית הספר״. שוב אותה עצבות, קרירות ואני הרי תיארתי לי הכל אחרת. אך חיש, כבמטה קסמים השתנו פני הדברים. התחילו להתאסף ראשוני התלמידות, בישניות, מכונסות בתוך עצמן, כל אחת כאילו רז, כאילו שומרת סוד, פוחדות בפני פנים זרות, חסרי אמון. אבל לאט לאט, הותרו לשונותיהן. יום יום ראיתי בהן שנויים לטובה. בעינים נוצצות היו מקבלות כל ספור, כל פירוש חדש, כל תכנית, שיצאה מפי המורה.

אט אט, פחתה ביישנותן של הילדות הנחמדות, העיזו כבר לשאול, התחילו להתעמק, לבקש הסבר ועזרה אצל הוריהן, להביא פירושים חדשים, ששמעו בבית וכך הורגשה השותפות, שמחת ההשתייכות, חדוות היצירה. לא אשכח, איך בסיום כל שיעור, שארך אז רק שעה ומחצה והיה עליהן לפנות את הכיתה —

איך עשו זאת בלא רצון. מוכנות היו להמשיך עוד ועוד, אך הגיע תורה של כיתה שניה, שהתאספה בינתיים בפרוזדור הצר שמאחורי חדר־הכיתה.

וכך הפך בי"ס "בית יעקב" בעיירה, על רהוטו הדל, לקן חם, כאילו מגדלור מאיר בחשכת חייהן. כל אחת הרגישה, שכאן, במקום הזה, היא אינה בודדה, כמו בביה"ס הפולני, שלמדו בו לפני הצהרים. ב"בית יעקב" נזקפה קומתה, היא הככה מפלונית ־אלמונית לחלק חי של ארגון גדול. היא חלק מצבור, שלא רק שכולו יהודי, אלא כולו דתי, שאין פה להרגיש רגשי נחיתות ופחד בפני ה"שיקסעס". בקיצור: אין אימת הגויים עליהן, לפחות פה.

לפי לבושן הדל הסקתי, שמצבן הכלכלי אינו מזהיר ביותר. ביה"ס לא נתמך ע"י שום ארגון או מוסד או קרן צדקה. במסירות נפש, שאין דוגמתה, טרחו ועמלו מארגני ביה"ס לאזן את התקציב והיו מוכנים לעשות הכל, ובלבד שיתקיים. בין הפעילים ביותר היו: מר פריש, בונים שוחט, נחמיה צוקר ואחרים.

מצבם של רוב יהודי פולין היה אז בשפל המדרגה בכלל, מלבד קומץ שהיה מבוסס. בעיירה הקטנה הזאת קשה היה לפרנס משפחה, שהיתה לרוב ברוכת ילדים ושהיה רק מפרנס אחד בלבד. קמעה, קמעה נודע לי על מצבן העגום והלחוץ של המשפחות, שבנותיהן למדו ב"בית יעקב". היו בתים, שהרעב היה שם אורח קבוע. משפחות מכובדות, שלמראית עין שמרו על כבודן ולא גילו את מצבן האמיתי, תמיד היו זקוקות לגמילות חסד לכמה ימים, כדי לקנות את מרכולתם. למרבית התלמידות קשה היה לשלם את הפרוטות המעטות שכר לימוד.

לא פלא, איפוא, שהבנות לא ראו מוצא וחלמו על עתידן. לכשתגדלנה, חלמו להשתכר למחיתן ועוד לעזור למשפחה בבית. חלמו לעזוב בבוא הזמן את העיירה ובעיר גדולה למצוא את אושרן. ציפו לימים טובים יותר, רצו לגדול מהר יותר למען צאת לעיר הגדולה, שקסמה להן רק מסיבה זו. בתמימותן חשבו שהיא תספק להן זאת, שהעיירה הנידחת מנעה מהן. אזכיר פה את בקורן של שתיים מתלמידותי זיסקינד ומאשה (נשכח מלבי שמה הפרטי של הראשונה ושם משפחתה של השניה). הייתי אז בלודז' אצל קרובי בדרכי חזרה לארץ ישראל, אחרי ביקור אצל הורי בלינטשיץ.

איני יודעת איך נודע להן על כך ואיך מצאו את כתובתי בלודז'. הן באו במוצאי שבת אחד, שעות ספורות בלבד לפני עזבי את פולין ב־1939, סמוך לפרוץ המלחמה. אושרן היה כה גדול על שיוכלו לקבל מפי מידע מדויק על ארץ ישראל, על אפשרות לעליה ומציאת עבודה ועל השתלבותן בחיי הארץ בכלל. התפלאתי על כמיהתן לארץ האבות, על שאלותיהן, שהיו שאובות הרבה מהחומש... הן, כנראה, חקרו ודרשו הרבה, כי היו כל כך מעודכנות בנעשה בארץ בכל השטחים.

חלומן לעזוב את עיירת מולדתן התגשם אמנם ולעוד כמה כמותן, אך אכזבתן

היתה מרה, והגורל לא שפר עליהן. הדגישו כל פעם: "אין לנו עתיד בלודז' ולא בפולין בכלל".

לדאבון לבי לא שמעתי עליהן עוד. כפי הנראה לא עלה בידן להגשים את משאלת לבן והשלימו את מכסת ששת המיליונים.

בכאב לב ובצער עמוק אני רוצה להזכיר את ידידותי בפשדבוז', שבחברתן בליתי את שעות הפנאי בשבתות: דינה לאנדאו, שרה אברמזון, גיטל וולטפרייד ואַלטלה אפשטיין, עדינות הנפש כולן, מלבד מאַלטלה שהתכתבה אתי — לא שמעתי על גורל שלושתן.

ומיצר לבי לדואב לאין גבול על ידידת נפשי, העדינה והענוגה, האומללה והמעונה עוד בחייה — רבקהלה וולטפרייד־גינגולד, שהתיחסה לבית רוֹספשא. מאז עזבי את פשדבוז' ומאז עלותי ארצה ועד לפרוץ המלחמה לא פסקה חליפת מכתבים בינינו והם שמורים כולם אצלי כנכס יקר לאין ערוך.

נעלמה העיירה, נמחתה, כאילו לא היתה קיימת כלל. זכרונותי נראים כעת בעיני כחלום או ברגעי חזרה לאותם ימים במחשבה — כאילו הכל שריר וקיים...

ידיים זדוניות שמו קץ לכל החלומות ושאיפות של תושבי פשדבוז'...



אלישבע צחי־צוקער

די חסידישע ארטיסטקעס

פון אייביק אָן האָבן יידן געזאָרגט צו דערציען זייערע קינדער אין גײַסט פֿון לערנען. ווער עס האָט זיך באַגנוגנט מיט לערנען דאַווענען און ווער מיט אַ פּסוק חומש און אַנדערע זענען אויך דערגאַנגען צו אַ בלאַט גמרא. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן, ווי מען האָט געזאָגט אין פּשעדבאָזש, נישט געקענט מאַכן אַ מוציא איבער אַ רעטאַך, אָבער געוואָלט האָבן זיי זין לערנערס. יידן האָבן אַװעקגענומען דעם ביסל פֿון מויל, כדי צו קענען באַצאָלן שכר לימוד. אפילו דאָרפס־יידן, וועלכע האָבן געלעבט צווישן גויים, אין איינזאַמקייט און אין דחקות האָבן צוגענומען אַ מלמד צו זייערע קינדער. דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרן בנוגע זין, אָבער וואָס שייך טעכטער, האָט מען געהאַלטן, אַז זיי דאַרפֿן נישט לערנען. עס איז גענוג געווען, זיי זאָלן קענען זאָגן "מודה אני", לייענען קריאת־שמע, אַ ברכה מאַכן. דאָס אַלץ האָבן זיי געקענט לערנען ביי זייערע מאַמעס, וועלכע האָבן זייערע קענטעננישן איבער־געגעבן די טעכטער, ווי אַ צוגאָב צו קענען קאָכן, באַקן, לייגן אַ לאַטע, פֿאַר־צערעווען אַ זאָק. דער עיקר איז דאָך געווען: קריגן אַ לייטישן חתן.

זענען טאַקע געווען אין אונדזערע שטעטלעך, אין די צייטן פונעם צאַר ניקאָליי, ווייבער, וועלכע זענען געגאַנגען אין שיל מיט סידור און מחזור, אָבער אין דער אמתן נישט געוווּסט ווו אָנצוהייבן און ווו אויסצולאָזן. ביז עס האָט זיך געיאָוועט אַן "אוטשאָנע" יידענע און פרייוויליק גענומען אויף זיך די ראָל פֿון אַ פֿאָרזאָגערין. אָבער יעדע נייע תקופה אין יידישן לעבן האָט אויך געבראַנגט מיט זיך נייעסן. דער שטייגער קען נישט און טאָר נישט בלייבן פֿאַרגליווערט. צייטן בייטן זיך און מיט זיי די באַגריפֿן פון מענטשן. עס איז געקומען די צייט, ווען אויך מיידלעך האָבן זיך געריסן צו לערנען. עס איז אַרויס אַ געזעץ, וואָס האָט געצוווּנגען צו שיקן אין "שקאָלע" ייִנגלעך און מיידלעך, אָן אויסנאַם. אַנדערש האָט געדראָט מיט געלט־שטראָף. יידן אין שטעטל האָבן זיך געמוטשט פֿאַרטראַכטן וואָס צו טון. ווי שיקט מען דאָס יידישע קינדער אין שקאָלע צוזאַמען

מיט שקצים און שיקסעס? האָט מען אָנגעהויבן זוכן אַן עצה. וואָס שייך יינגלעך, איז דאָך געווען אַ תלמוד־תורה, איז מען געקומען צו נאַטשאַלסטווע און פאַר־זיכערט, אַז מען וועט דאָרט אויך לערנען פויליש. מען האָט צוגענומען אַ פויליש־לערער, אַ פּאָליאַק און עס איז געווען שלום על ישראל. ביי אונדז איז דער לערער פאַר פויליש געווען דער אַלטער טאָמשינסקי. די קינדער פון אַלע חדרים האָט מען איינגעשריבן אין דער "יסודי התורה". דאָס חדר איז געבליבן חדר, דער לערער האָט באַקומען זיין געהאַלט און אַלע צוזאַמען מיט נאַטשאַלסטווע זענען געווען גאָר צופרידן.

דעם 3־טן מאַי האָט מען אין שול געפּלעגט מאַכן "הנותן תשועה" פאַר דער רעגירונג, גאַנץ נאַטשאַלסטווע איז געווען אויפן אָרט און דעם רבס יינגעלע האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ באַנק און אויסנווייניק רעציטירט אַ "ווירש" אין פויליש. נאַטשאַלסטווע איז געווען אין זיבעטן הימל, געפרייט זיך מיט די רעזולטאַטן פון דער איינגעפירטער צוואַנגס־שול. זיי האָבן דאָך נישט געוווסט, אַז אַ גאַנצן חודש האָט מען די יינגלעך נישט געלערנט מער ווי דעם איינעם ווירש. אַזוי האָט מען זיך איינגערעדט איז דער וואָלף זאַט און דאָס שעפּסל גאַנץ...

שווערער איז געווען דאָס פּראָבלעם מיט די מיידלעך, וועלכע האָבן געמוזט גיין אין שול, אָבער ווו וועלן זיי לערנען אַביסל יידישקייט? ס'לעבן איז געגאַנגען פאָרויס. עס זענען שוין נישט געווען די אַמאָליקע צייטן, ווען מיידלעך האָבן גאָרנישט געדאַרפט קענען. אַ סך סכנות זענען אָנגעוואַקסן און געלויערט אויפן קיום פון יידישן דת. דעמאָלט איז געקומען "אגודת ישראל" מיט דער הילף פון דער ענטוזיאַסטישער פרוי שענירער און אויפגעשטעלט אַ ברייט־פאַרצווייגטע נעץ פון "בית־יעקב"־שולן פאַר מיידלעך. געווען ערטער, ווו מען האָט אין די "בית־יעקב"־שולן געלערנט אויך לימודי חול. אין אַנדערע בלויז לימודי קודש אין די נאָכמיטאָג־שעהן. דאָס האָט מען פאַרטראַכט אויך אין פּשעדבאָזש, אָבער די פראַגע איז געווען פון וואַנעו נעמט מען געלט? אמת, אין אָנהויב האָט מען קיין סך נישט געדאַרפט, בלויז אָפּדינגען אַ צימער און אנשטאָט אַ לערערין, וואָס מען וואָלט געדאַרפט ברענגען פון אַן אַנדער שטעטל זענען געווען דער־וואַקסענע מיידלעך פון "בנות אגודת ישראל", וועלכע האָבן גענומען אויף זיך פרייוויליק צו לערנען מיט די קלענערע, אָבער עס איז נאָך אַלץ שווער געווען צו לייזן די פינאַנסיעלע פראַגע.

איינמאָל נאָך מנחה־מעריב, איז מיין פאָטער, ר' נחמיה צוקער, געקומען אַהיים און געזאָגט, אַז מען האָט אין שטיבל באַשלאָסן צו שאַפן אַ "בית־יעקב"־שול. געלט? עס וועט שוין זיין. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט באַשלאָסן,

די ״בנות״ זאָלן אָרגאַניזירן עטלעכע פאָרשטעלונגען און די הכנסה זאָל גיין פאַר דער ״בית־יעקב״־שול. דער כּאַטער האָט אויך דערציילט אַז הילל, טשאַרנע־דיס בעקערינס איידעם, האָט געזאָגט אַז איך פּאַס זיך אַריין גוט אין דעם געשעפט. און דער פאָטער האָט אפילו צוגעזאָגט דעם עולם משפיע צו זיין אויף מיר, כ׳זאָל נעמען אויף זיך אַ ראָל.

עס זאָגט זיך אַזוי לייכט: אָרגאַניזירן אַ פאָרשטעלונג, אָבער וואָס פאַראַ? מ׳ען האָט טאַקע אָנגעהויבן זוכן און אַזוי ווי עס איז געווען נאָך די ימים־טובים האָט מען באַשלאָסן צוצוגרייטן עפּעס אויף חנוכה. טאַבע מרדכי מענדלס האָט געגעבן דעם געדאַנק צום שפּילן ״יהודית״. דאַקעגן הדס איטשע מאיר עקיבאס האָט געזאָגט, אַז פאַר חנוכה איז מער צוגעפּאַסט צו שפּילן ״חנה מיט די זיבן זין״. דאַקעגן האָט הדס פרידריך געהאַלטן, אַס דאָז איז צו טרויעריק. ״ס׳קען זיך דאָרט מאַכן — האָט זי געזאָגט — אַ יאָמער און אַ געוויין ווי פאַר שופר־בלאָזן. דאַקעגן ״יהודית״ ענדיקט זיך מיט אַ גרויס נס און נצחון, וואָס איז געקומען דורך אַ פרוי״.

געזיגט האָט ״יהודית״. די רעפּעטיציעס האָט מען געמאַכט אין ר׳ איטשע־מאיר עקיבאס שטוב. ער אַליין איז געזעסן אין צווייטן צימער און געלערנט. זיין ווייב יענטעלע אין שוואַרצן סאַמעטענעם קאפּקעלע מיט די גלאַנציקע שפּילקעס, אויס־געזעצט מיט גלעזערנע שטיינדלעך, האָט אַרומגעטאַנצט אַרום די ״אַרטיסטקעס״. זי איז שטענדיק געווען אָנגעטון אין אַ בלאַנק ווייס שערצעלע און געשעפּט נחת פון די חנעוודיקע מיידלעך. איר טאָכטער, די רעזשיסערקע האָט זיך געבעטן ביי איר: ״מאַמעשי, האָב רחמנות, די צייט איז קורץ און מען דאַרף זיך אויס־לערנען אַלץ אויף אויסנווייניק, שטער אונדז נישט״.

זי האָט מיט גרויס מבינות איינגעטיילט די ראָלן. מיר האָט זי געגעבן צו שפּילן די ראָל פון יהודית. זי האָט צוגעגעבן מיט אַ שמייכל: ״דו ביסט אַ מזיק און וועסט מיט דיינע שטיקלעך שוין פאַרדרייען אליפארנאָן דעם קאָפּ״.

די ראָל פון אליפארנא איז צוגעטיילט געוואָרן פאַר רודא ליזבאנד. אליפארנאס דינער זענען געווען מרים הינדא סיני און אסתר גליקסמאַן. יהודיתס באַדינערין איז געווען יוכבד בלאס. דאָס זענען אייגנטלעך געווען די היופּט־ראָלן. די רעזשיסערקע האָט זיך געזאָרגט, אַז יעדע פון אונדז זאָל גוט קענען די ראָל און נישט בלייבן שטיין אויף דער בינע ווי אַ גולם. די אַנדערע ראָלן קאָן מען צוזאַמענשטעלן שפּעטער. האָט מען טאַקע געלערנט און געחזרט מיט גרויס התמדה און איידער מען האָט זיך אויסגעדרייט איז געווען חנוכה.

דעם צווייטן טאָג חנוכה, אין אָוונט, נאָכן צינדן די חנוכה־ליכט, איז פאָר־געקומען די פאָרשטעלונג. אין די שטובן האָט זיך געררודערט. יונגע ווייבלעך האָבן צוגעגרייט אַביסל באַוואַרקע פאַרן קינד, אַ טרוקן ווינדעלע, אַ מאַמקע,

ווייל דעם אָוונט בלייבן די מענער אין שטוב מיט די קינדער און די ווייבער גייען זען די פֿאָרשטעלונג. וואָס די "בנות" וועלן שפּילן אין דער סטראַזשאצקער שאָפּע.

אינדרויסן איז געווען אַ פראָסט, דער שניי האָט געסקריפּעט הינטער די פיס, אָבער דאָס האָט נישט אָפּגעהאַלטן די ווייבער פון לויפן צו דער פאָרשטעלונג. זיי זענען געווען איינגעבאבלט אין וואַרעמע מלבושים און שאַלן און אַלע זענען זיי געגאַנגען אין איין ריכטונג, ווייבער און מיידלעך. קיין מאַן האָט מען נישט געזען אויף דער ליכטיקער שיין.

אין דער סטראַזשאַצקער שאָפּע איז געשטאַנען אַ געדיכט גערויש, אַ געפּילדער. עס האָט געזשומעט ווי אין אַ בינשטאָק. עס איז געווען אַ געפּאַקעניש ווי אויף אַ רבישער חתונה און וואַרעם ווי ביי שלמה פּענץ אויפן פּיעקעליק. ווער איז דאָ אַלץ נישט געווען אין יענעם חנוכה־אָוונט? די גרויסע מינדל, די גרויסע ליבע, די גרויסע גאָלדע, די קליינע צארטל, די קליינע צירל, די קליינע מירל, די געלע קיילע, די רויטעביילע, די שוואַרצע דינה, די ווייסע בינע, די דאַרע דאָבע, יענטל די גראָבע. שרה־לאה אברהם משהס האָט זיך אַרומגעדרייט און געקלאַפּט מיט ר' מאיר בעל הנס־פּושקע, אין די ערשטע רייען, ווו עס זענען געזעסן די רביצינס, די גבאיטעס און אַנדערע פרומע יידענעס, וואָס קיין איינע פון זיי וועט זיך נישט אָפּזאָגן צו שפּענדן פאַר די "כולל־יידן" אין ארץ־ישראל.

עס האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פונעם גלעקל און פון אַלע זייטן האָט מען גערופן: ש־ש־ששש אַ. באַלד איז געקומען דער צווייטער און דריטער קלונג און ביי דער בינע האָבן זיך באַוויזן צוויי מיידלעך, אָנגעטון אין בלויע קליידלעך מיט ווייסע שלייפן אין די לאַנגע צעפּלעך. זיי האָבן מיט אַלע כוחות געשלעפּט דעם פאָרהאַנג, וואָס איז באַשטאַנען פון צוזאַמענגענייטע ליילעכער, וועלכע זענען געהאנגען מיט רינגלעך אויף אַן אייזערנעם דראָט און די בינע האָט זיך געעפנט. מען האָט דערזען איבערגעטוענע מיידלעך אין זעק, צונויפגעקליבענע ביי יאָסל פריש, ביי ר' מנחם רפאל און ביי ר' אברהמלע זלאָטאָגורסקי. זייערע לאַנגע בערד זענען געווען פון אויפגעדרייטע שטריק און די טורבאַנעס אויף די קעפּ, — פון ווייסן פּאַפּיר. זיי האָבן זיך געדרייט מיט פאַרבראָכענע הענט אָדער געזעסן אויף דער ערד מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, געמורמלט תפילות, געבעטן ביים רבונו של עולם, עס זאָל געשען עפּעס אַ נס, אַז דער רשע אליפארנא זאָל האָבן אַ מפּלה. פון הינטערן שפּאַנישן ווענטל, וואָס איז געשטאַנען אויף דער לינקער זייט בינע, איז אַרויסגעקומען די שיינע יהודית, אויסגעפּוצט ווי אַ גרעפין אין דער מאַמעס חתונה־קלייד, פון סאַמעט אין באָרדאָ־קאָליר, מיט גאָלדענע בלעטער און קאָלירטע שטיינדלעך. דאָס קלייד האָט מען געבערענגט

פון עסטרייכישן קראקע ספעציעל צו איר חתונה. אויפן קאָפּ האָט יהודית געטראָגן אַ שטערן־טיכל ווי אַ קרוין, געמאַכט פון גאָלד־און־זילבער־פּאַפּיר, אויסגעזעצט מיט גלאַנציקע, פאַרשידנפאַרביקע קנעפּלעך און שפּילקעס. דער האַלדז איז געווען באַהאַנגען מיטן צירונג פון דער גאַנצער משפּחה, קייטעלעך, זייגערלעך, מעדאַליאָניקעס, פּערל און בורשטינענע קרעל. די פינגער פון ביידע הענט זענען געווען באַזעצט מיט פינגערלעך פון גאָלד, זילבער און איידלשטיינער. צווישן די ווייבער איז דורך אַ שעפּטשעריי. נישט אַלע האָבן געוווּסט ווער דאָס איז, געקוקט אויף איר ווי אויף אַ פּרינצעסין און געווונטשן, אַז קיין עין הרע זאָל איר נישט שאַטן.

אין איין האַנט האָט יהודית געהאַלטן אַ ווייס באַטיסטן טיכעלע. אין דער צווייטער — אַ תהילימל.

די שטימונג אין זאַל איז געווען אַ געשפּאַנטע. די פרויען האָבן שפּעטער איינע דער אַנדערער איבערדערציילט די באַזונדערע סצענעס, וועלכע האָבן אויף זיי געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, ווי יהודית איז געבליבן שטיין אַנטקעגן די פּאַרוויינטע "יידן" און מיט אַ מוטיק קול געזאָגט צו זיי: "ברידער יידן, מיר קענען מער נישט וואַרטן. אונדזערע קינדער גייען אויס פון הונגער און דורשט און עס מוז געטון ווערן אַראָפּצונעמען די באַלאַגערונג פון אונדזער שטאָט. איך בין גרייט איינצושטעלן מיין לעבן. זאָגט תהילים, בעט פאַר מיר".

ווען די בינע האָט זיך געעפנט צום צווייטן אַקט האָט מען געזען יהודיתן ביי זיך אין צימער, ווי זי גרימירט זיך, פּודערט און פּערפומירט זיך, אָבער די גאַנצע צייט האָט זי נישט אויפגעהערט צו מורמלען תפילות און תחינות. לאַנג האָט מען אין שטעטל נאָכגעזונגען דאָס יידישע ליד, וואָס יהודית האָט געזונגען מיט אויפגעהויבענע אויגן צום הימל:

עלנט קליין און נמאס איז יאָנקעלע גאָטעס זון.
ווי פיינט האָבן אים די אומות, אָבער קענען אים גאָרנישט טון.
גיבורים מיט זייער גבורה קענען קעגן אים נישט ביישטיין.
וויפל מאָל צווישן ווילדע טירע איז ער געלעגן צווישן די ציין.
אים וועט מען שוין נישט טייטן, עס וועט אים גאָרנישט זיין,
ווייל יאָנקעלע כאַפּט דעם תהילים און לויפט אין שיל אַריין...

אין דריטן אַקט, אליפאַרנאַס צוויי דינער מיט שוואַרצע בערד, וואָס זענען געווען געמאַכט פון אַלטע שייטלעך. זיי האָבן געטראָגן לאַנגע שבתדיקע שלאָפּ־רעק, איינער גרין, דער צווייטער ברוין און זענען געווען אַרומגעגאַרטלט מיט ברייטע גאַרטלען, געמאַכט פון ווייסע האַנטעכער. אויף די אַקסלען האָבן זיי

געהאַט שליפעס פון גאָלד־קאָלירט פּאַפּיר. אויף די קעפּ — הויכע הוטן פון ווייסן פּאַפּיר, ווי לעקעך־בעקער, מיט רויטע בענדלעך פאַרבונדן. זיי זענען געשטאַנען אויף ביידע זייטן פון אַ טיר און יעדער האָט געהאַלטן אין דער רעכטער האַנט אַ שפּיז פון קאַרטאָן, באַצויגן מיט זילבער־פּאַפּיר, אַרויפגעזעצט אויף אַ לאַנגן שטעקן פון אַ בעזעם. אין דער לינקער האַנט — אַ פּאַנצער־שילד פון דיקט, אויך באַצויגן מיט זילבער פּאַפּיר, דאָס לעצטע וואָס משהל שלמהקעס האָט פאַרמאָגט. אינמיטן צימער איז געזעסן אליפארנא אין האַלב אויסגעקראָכענעם כאַטעל פון רויטן פּליוש, וואָס האָט געפלעגט אַרומוואַנדערן פון איין כלה צו דער צווייטער, מיטן אונטערשייד, וואָס אויף אַ חתונה איז דער פּאַטעל געווען באַדעקט מיט אַ ווייסן ליילעך; אָבער לכבוד אליפארנא האָט מען אים באַצויגן מיט אַ גרינעם גאָבעלין מיט גאָלדענע בלעטער. אליפארנא איז געווען אָנגעטון אין אַ רויטער בלוזע, פול מיט מעדאַלן און בענדלעך, אַ ברייטן מיליטערישן פּאַסעק איבער ברוינע קאָרדערוי־הויזן אַריינגעלאָזט אין גלאַנציקע שטיוול מיט הויכע כאַלעוועס. אויף דער לינקער זייט — אַ לאַנגע שווערד, אויסגעשניטן פון אַ דאַך־שינדל און איבערגעפאַרבט אויף זילבער. אויפן קאָפּ — אַ הויך בלישטשענדיק מעשן סטראַזשאַצקע היטל. ווען יהודית איז אַריינגעקומען האָט ער אַ וווּנק געטון צו זיינע דינער, זיי זאָל פאַרלאָזן דאָס צימער. יהודית האָט זיך אָנגעהויבן חנדלען צו זיים, געברענגט אים אַ מתנה אַ קריגל כרמל־ווייַן, אָנגעגאָסן איין בעכער נאָכן אַנדערן און באַלד האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און גענומען כראָפּען...

דאַן איז געקומען דער גרויסער מאָמענט, וועגן וועלכן מען האָט לאַנג גערעדט אין שטעטל, ווי יהודית האָט מיט טרערן אין די אויגן געבעטן זיין ליבן נאָמען צו ברענגען די הילף פאַרן אויסדערוויילטן יידישן פאָלק און אויסגערופן: ״לישועתך קויתי...״ און מיט גרויס גבורה אַרויסגעכאַפּט די שווערד ביי אליפארנאן און...

אליפרנא איז אַראָפּגעפאַלן פון זיין שטול, אַרונטערגערוקט זיך הינטערן טישטוך. באַלד האָט אין יהודיתס האַנט זיך באַוויזן אַן אָפּגעהאַקטער קאָפּ, מיט וועלכן זי איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צום ראַנד פון דער בינע.

אין זאַל האָט זיך אויפגעהויבן אַ געפילדער און בראַוואָ־געשרייען. מיטאַמאָל האָט זיך אויפגעריסן אַ פענצטער און איבער אַלעמענס קעפּ איז אַריינגעפלויגן אַ באָמבאָניערע. די בראַוואָ־געשרייען זענען געוואָרן נאָך הילכיקער.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, זענען אינדרויסן געשטאַנען די חברה פון קולטור־פאַראיין מיט הענעך פרידמאַן בראש. זיי האָבן די גאַנצע צייט אַריינגעקוקט דורך די שפּאַרעס און זיי האָבן עס אַלס אויסדרוק פון ענטוזיאַזם

און אַנערקענונג אַריינגעוואָרפן די באָמבאַניערע. צומאָרגנס איז העניעך פרידמאַן, דער רעזשיסער פון אָרטיקן דראַמקרייז, אַריינגעקומען צו מיין פאָטער און אים פאָרגעשלאָגן אַ הויפּט־ראָל פאַר זיין טאָכטער אינעם דראַמקרייז.

פאַרשטייט זיך, אַז מיין טאַטע האָט אים אַרויסגעטריבן, אָבער צו זיך אַליין האָט ער געזאָגט: "מען מוז אָפּהאַקן פון דעם עסק. ווער ווייסט?־ דער יצר הרע איז דאָך גרויס. זיי קענען נאָך די מיידלעך איינרעדן צו שפּילן אויף אַן אמת טעאַטער, השם ישמרנו..."

דערמיט האָט זיך געענדיקט די קאַריערע פון די חסידישע "אַרטיסטקעס" מיט זייער אַרבעט פאַרן שאַפן די "בית־יעקב"־שול אין פשעדבאָרזש.



קבוצת תלמידות מבי"ס "בית יעקב" בפשדבוז'
אַ גרופּע שילערינס פון דער "בית־יעקב" שול אין פשעדבאָזש

הלל "זקנקן"

שהיה נער צעיר, וישב על הבאר באמצע השוק עם החבורה – שוליות החייטים והסנדלרים ועסק במעשי קונדס ושובבות, קראו לו "החבורה": "הלל דער ברייטער" (הרחב) על שום מבנה גופו הרחב והאטלטי, אך ברבות הימים, כשהתרחק מחברה זו מרחק ת"ק פרסה ועלה על דרך אחרת לגמרי, קראו לו: "הלל זקנקן" וזה על שום הזקן שהתחיל פתאום לגדל, והוא עודנו בחור צעיר לימים. אפילו בעיירה כמו פשדבוז', שלא היה בה כמעט יהודי נשוי בלי זקן, ואישה יהודיה נשואה בלי פיאה נכרית, היה זה חידוש גדול; כי בדרך כלל, התחילו לגדל זקן רק לאחר החתונה, ואילו הוא, הלל, בהיותו עוד צעיר עול ימים, התחילו פתאום לבצבץ זיפים שחורים על סנטרו ולחייו, ואלה הלכו וגדלו, הלכו והתרבו עד שהפכו לזקנקן שחור ויפה סביב פניו העגולים והמלאים; היה זה מאורע בלתי רגיל בעיירה, מה גם שהלל זה, לא השתייך לחוגים החסידיים, לא נמנה על "חובשי ספסל" בית המדרש, שאפילו בחדר לא זכה ללמוד הרבה זמן, כי כבר בשחר נעוריו, נאלץ לעזור לאביו הסנדלר, העני, והחולה. לאור כל זה נוכל להבין שכינוי זה, ממש התבקש מאליו, מה עוד בעיירה שלתשעה יהודים מכל מנין היו כינויים... כל אחד וכינוי שלו... ורק דרכו יכולת לדעת במי מדובר... אך כאן, לא הזקן היה עיקר הסנסציה, אלא הסיפור שהסתתר מאחוריו, וסיפור זה מרתק ביותר.

הלל ליבסקינד היה בנם הבכור של משה הסנדלר ורייזלה הינדה אשתו. משה ליבסקינד שהיה חייל בצבאו של ניקולאי, חזר מהמלחמה שבור ורצוץ, חולה וגבו כפוף, וילדיו הצעירים, הלל ואחיו איצ'ה הג'ינג'י, נאלצו להתיישב על השרפרפים ליד השולחן הנמוך — המלא כלים ואביזרים שונים לסנדלרות — ולעזור לאביהם החולה, להוציא לחם מן העבודה הקשה, המפרנסת את בעליה בקמצנות יתירה.

כאמור, ענין הזקן היה רק הסימן החיצוני שהצביע על המהפכה הפנימית שהתחוללה בלבו ונפשו של "הלל בעל הזקנקן", מהפכה ששינתה את כל דרך חייו — דרך שהיתה כאילו מזומנת וקבועה מראש לשולית סנדלרים, בעיירה

יהודית מזרח אירופית, בתקופה שבין שתי מלחמות העולם — שינוי דרמטי זה התחיל ב"בוקר טוב" רגיל. אחד מאלה שר' אפרימ'ל ז"ל, הקדים בהם שלום לכל אדם; פתח ב"בוקר־טוב" וסיים ב"חסיד ברסלב"... כשלנגד עיניהם המשתאות של תושבי העיירה השתלשלו פני הדברים כך.

בשנים הראשונות שלאחר מלחמת העולם הראשונה, עזב ר' אפרימ'ל את דירתו בבית ר' ישראלקי מיכאליץ ועבר לגור תקופה מסוימת, בביתו של ר' חיים מרמלשטיין, במעלה אותו הרחוב, רח' קרקובסקה; רצה הגורל, שמשה הסנדלר, שגר קודם לכן בחצרו של ישראלקי מיכאליץ, עבר אף הוא לדירה אחרת באותו הרחוב, לביתו של סטרדל, שהיה בדיוק מול ביתו של חיים מרמלשטיין.

בכדי להגיע לנהר הפיליצה, שממנו שאבו רוב תושבי העיירה, מים לכל צרכיהם; נאלצו דיירי הבתים, שבצדו המזרחי של הרחוב, לחצות את אחת החצרות או את אחד מבוסתני הפירות, שבצד המערבי של הרחוב, הגובלים עם שפת הנהר; היה זה טבעי, איפוא, שהלל דנן, עבר לעתים קרובות את חצר הבית של חיים מרמלשטיין; אם לשאוב דלי מים, אם לקנות קצת פירות מהבוסתנאי — שקנה את הפרי מבעל הבוסתן בעוד הפרי בוסר — על־גבי העצים, ובתקופת ההבשלה, עבר עם משפחתו לתוך אוהל שנטה בבוסתן, לשמור על הפרי, מפני המזיקים ההולכים על שתיים — ואם לפוש קמעה ולחטוף תנומה — בשבתות אחרי הצהריים, בימי הקיץ החמים — תחת עצי פרי המצילים והמדיפים ריחות משכרים... היה זה גם טבעי, שהוא נפגש לעתים קרובות, פנים אל פנים עם ר' אפרימ'ל — שגר באותו בית, ור' אפרימ'ל כדרכו, קידם את פניו ב"בוקר טוב" רחב, צוהל ומסביר פנים...

מובן מאליו, שעל "בוקר טוב" יש לענות "בוקר טוב", על "שבת שלום" עונים "שבת שלום" וזה מספיק לסיבוב הראשון... במפגש השני ר' אפרימ'ל שואל: "מה שלום אבא? איך הוא מרגיש? והדרך ארץ מחייב לענות: "ברוך השם, ככה, תודה!"... וכך נטווה חוט אחרי חוט, חוט אחרי חוט, והם משתזרים והולכים, הופכים לעבותות, עבותות אהדה, הערכה ואהבה הדדית, עבותות שלא במהרה יינתקו... הדיאלוג נמשך לאורך כל הדרך, השאלות, ולצידן התשובות... מה נשמע? יש עבודה, ואיך הפרנסה? לא כל כך, אַה? אי, אי. "קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים־סוף", אך השי"ת יעזור, "חסדי ה' כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו"... אולי תכנס לשעה קלה, תשתה כוס תה, לא אעכב אותך זמן רב... ברוך הבא, ברוך הבא, במקרה יש מים חמים בקומקום... לא, לא, אני עצמי אגיש... אצל אברהם אבינו ע"ה כתוב: "והוא עומד עליהם" אומרים המפרשים: עומד עליהם לשרתם... והרי לאברהם אבינו היו הרבה משרתים, אך למען כבוד האורחים, עמד הוא עצמו לשרתם, ואם אצל אברהם אבינו — שהמלאכים נראו

לו כערביים, כדברי המפרשים — כך, אצל נפש מישראל, זרע קדושים, בני אברהם יצחק ויעקב — על אחת כמה וכמה... נו, נו, תתכבד, תברך על המזונות תחילה, הם טובים מאוד ה״בני־בית״ שלי ידענית גדולה בדברי מאפה, נו, נו... בורא מיני מזונות, אמן. עוגיות טעימות, נכון? אכול, אכול, שתה את התה, שלא יתקרר...

שהכול נהיה בדברו, אמן... לבריאות... לא אעכב אותך יותר, הרי אתה צריך לעבוד, ד״ש לאבא, שהשי״ת ישלח לו רפואה שלימה מן השמים בתוך שאר חולי ישראל... נו, נו, לך לשלום, להודות? חס ושלום! על מה יש פה להודות? תכנס בהזדמנות, תכנס... אלווה אותך עד השער, אין דבר, אין דבר, שלום, שלום... בעצם אני הוא זה שצריך להודות לך, שזיכית אותי בכמה מצוות בבת אחת... קודם כל מצוות ״הכנסת אורחים״, שנית, כמה פעמים עניתי ״אמן״ אחרי הברכות שברכת... אי, רבש״ע, צא וראה, כמה טוב ונעים כששני יהודים נפגשים, קודם כל מברכים את שמך הגדול, נו, ב״ה, ב״ה, לך לשלום תצליח בכל מעשי ידיך, ותכנס בהזדמנות, הכנס... והלל אמנם נכנס, נכנס פעם, נכנס פעמיים ושלוש, קודם לשעה קלה, אח״כ לשעה ארוכה עד שהפך לבן בית, ור׳ אפרימ׳ל קורן כולו מאושר, דואג תמיד לכיבוד, תחילה מזון גשמי, אח״כ, לאט לאט, גם קצת מזון רוחני... אך שניהם קלים לעיכול... עשרה מזמורי תהילים, פרשה חומש, משנה מתוך ״פרקי אבות״, סיפורי מעשיות לר׳ נחמן מברסלב וכד׳. וירא הלל כי טוב, נכנס, לא התחשק לו לצאת... הוא התקשר לבית הזה ששום כוח לא יוכל לנתקו, לא רק שבתות אחרי הצהריים, לא רק ימים טובים ושאר ימי פגרא שהיו קודש לישיבה בצוותא. ללמוד משהו, לשמוע סיפור חסידי מרתק וכיו״ב, אלא, הלל נמשך אחרי ר׳ אפרימל כפרפר זה הנמשך אחרי האור... והדברים הגיעו לידי כך שאפילו בימי חול רגילים, היה פתאום מפסיק את העבודה באמצע, מניח את הפטיש והאמום, ובקפיצה מהירה חוצה את הרחוב, והוכ, לר׳ אפרימ׳ל לשמוע ״מילה טובה״ מפיו... אך ככל שקפיצות אלה רבו ותכפו, הפכו כמובן לבעיה לא קלה.

הורי הלל — שקודם לכן היו מאוד מרוצים ואפילו מאושרים, מהשינוי הגדול שחל בו לפתע, בפרט מקרבתו לר׳ אפרימ׳ל — התחילו מרננים: לא, לא זו הדרך, בעל מלאכה צריך לעבוד, לעבוד קשה ורצוף, וגם אז המלאכה אינה מפרנסת את בעליה אלא בדוחק, על אחת כמה וכמה כשקמים בכל פעם באמצע ולא חושבים על העבודה, מה יהיה הסוף? זו עבודה זו?

גם ר׳ אפרימ׳ל מצידו, לא היה מרוצה מביקורים תכופים אלה באמצע היום, והיה משנן באוזניו: ראה הלל, עת לכל דבר, אמר החכם מכל אדם, ובאמת, דבר בעתו מה טוב, עת להתפלל ועת לאכול, עת לעבוד ועת ללמוד, כמובן, יש לקבוע עתים לתורה, אך אסור להזניח את העבודה, חס וחלילה... יודע אתה,

הלל, מה זה אומר ליהנות מיגיעת כפיים? דוד המלך ע״ה אמר: ״יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך...״ לו ידעת כמה אני מקנא בך, הלל, אתה עובד, אתה חי מיגיע כפיך, ואני מה? אוכל לחם חסד... מימי לא הרווחתי אף פרוטה שחוקה אחת בעבודת כפיים... השי״ת יודע את האמת שהייתי מקבל עלי לעשות כל עבודה, אך אינני יודע מה, ואינני יודע איך. מה גם שאני, ל״ע, כה חלוש וזקוק לרפואה שלימה. תזכור אותי, הלל, בתפילתך, אפרים צבי בן רייצל, לרפואה שלימה במהרה, רפואת הנפש ורפואת הגוף בתוך שאר חולי ישראל... נו, נו, השי״ת בודאי יעזור, שוב לעבודה, שוב, לך לשלום ואל תבוא באמצע היום...

כה אמר ר׳ אפרים׳ל וחזר ואמר, אך הלל בשלו, לא שמע בקולו, אם כי בדברים אחרים לא סר ימינה או שמאלה מכל אשר דיבר. כאן לא שמע בקולו למרות רצונו לעשות כן, כי כח המשיכה לר׳ אפרים׳ל היה חזק יותר מרצונו לשמוע בקולו... והדברים הגיעו לידי כך שאמו של הלל — ריילה הינדה — שקודם לכן היתה מן המאושרות שבאמהות בעיירה, באה לעתים קרובות למשוך אותו הביתה, שיחזור לעבודה, וטענה וטרוניה בפיה: מה ייצא מכל זה? בן־תורה כבר לא יהיה, וגם סנדלר לא יהיה אז מה יהיה הסוף?..

עד כמה דבריה של האמא, דברי טעם היו, נוכחו לדעת מאוחר יותר. כשהגיע הלל לפרקו והתחילו לדבר בו נכבדות, רק אז ראו איך שני הצדדים של אותו הלל אינם מתישבים יחד, ואינם יכולים לגור בכפיפה אחת; אם הכלה היתה בת אותו מעמד, בתו של בעל מלאכה — לא רצתה חתן בקפוטה ארוכה, עם זקן ומתנהג כאחד החסידים... ואם היתה זו בתו של סוחר, חנווני ואפילו רוכל עני — אך חסיד, איך זה יקח סנדלר כחתן לבתו? אמנם, בחור ירא שמים ואדוק במצוות, בחור לא מכוער, בריא ובעל דרך ארץ, אך סנדלר... למען האמת, הוא היה מסכים כבר, הרי נדוניה לבתו אין. ואיך יהיה ברזן... אך רבונו דעלמא כולא, מה יאמרו הבריות? איך יראה פניו בין ״אנשי שלומנו״ ב״שטיבל״... וכו׳ וכו׳.

כך צצה הבעיה בכל חומרתה והיא הלכה והתחדדה עם כל שנה שחלפה, ועם כל שידוך שדובר בו היום, והתנדף כעשן למחרתו גדלה החרדה; הלל הולך ומתבגר — אומרת אמו — בני גילו כבר אבות לילדים... איך נצא ממבוך זה, שאל אביו... כולם היו מודאגים, אף בני ביתו של ר׳ אפרים׳ל, שלא פעם טרחו, הלכו, נסעו לראות כלה להלל ״בן־הבית״ וללא הועיל...

היחידי שלא דאג כלל היה ר׳ אפרים׳ל, השי״ת יעזור, אמר, וישלח את הזיווג המתאים והנכון, כי הרי ״הוא״, יתברך שמו, יושב ומזווג זיווגים... וחז״ל אמרו ארבעים יום קודם יצירת הולד מכריזים ״בת פלוני לפלוני״... אז מה יש כאן לדאוג? הזיווג קיים, אנחנו בעיני הבשר שלנו לא רואים אותו, אך הוא קיים... והוא יגיע אי״ה בזמן הנכון ובשעה טובה ומוצלחת... ואכן הגיע.

לר׳ וולף יעקב מלמד, בת שהגיעה לפירקה, בת נאה והסודה, אך מחמת עוניו של אביה, נאלצת לעזוב את הבית, לעבוד ולהשתכר למחיתה, בעיר הגדולה; מישהו לחש לו, לר׳ וולף יעקב — על אוזנו, שאולי כדאי לדבר על שידוך, בין בתו, לבין אותו בחור שר׳ אפרים׳ל מביא אתו לשטיבל... ר׳ וולף יעקב, שחסיד ברסלב היה, התלהב מהרעיון, ראה בזה אצבע אלוקים, וכוחו של ה״רבי״, כי הרי הבחור ירא שמים הוא, ומתקרב לחסידות ברסלב, אז מה בכך שהוא סנדלר? להיפך, זו דווקא מעלה גדולה, יוכל לפרנס משפחה, יותר טוב ממנו... השאלה הגדולה היא, רק מה תאמר הבת, מי יודע, בחורה ששהתה תקופה מסוימת בעיר הגדולה, והוא הבחור בקפוטה ארוכה, עם זקן, וכל הליכותיו יוצאות דופן... אולם, כששאלו את פי הנערה, ואמרה: הן, ברכו על המוגמר, אמרו לדבק טוב, השיקו כוסיות, שברו צלחת, וקבעו זמן החתונה, שתהיה אי״ה בשעה טובה ומוצלחת...

הלל בעל הזקנקן, אברך נעים הליכות, פנים מחייכות עטורות זקן שחור, סנדלר חסיד ברסלב, מאריך בתפילותיו ומסיימן בתפילות המתאימות מתוך ה״ליקוטי תפילות״, עובד חרוץ החי מיגיע כפיו, בעל משפחה למופת ואב מסור לילדיו; כזה השארנוהו בעזבינו את העיירה; לאחרונה ראינו אותו בשנת תרצ״ד (1934) במוצאי שבת, כשנתקבצו כל קרובינו, חברינו וידידינו, לאמירת הסליחות הראשונות, בביתו של ר׳ אהרן צוקר — דודנו, לפני עזבינו את העיירה בדרך לא״י. עודני מרגיש את לחיצת ידו, ע״י האוטובוס, עודני רואה את הדמעות בעיניו, כשאיחל לנו נסיעה טובה, שנגיע בשלום, ושנזכיר אותו ואת משפחתו על המקומות הקדושים, שיזכו גם הם לעלות לארץ ישראל בקרוב...

מי יכול היה לתאר לעצמו, אז, שלא נראה אותם יותר, שלא נראה אותם לעולם, כי הוא וכל משפחתו הוריו ואחיו, נספו בשואה ולא נשאר מהם שריד.

חבל על דאבדין. ת נ צ ב ״ה.



משה צחי

מלך ליום אחד

מלך ליום אחד, ליום השבת, ביום זה המכובד מכל הימים, הוא נראה כאחד המכובדים ונשואי הפנים שבעיירה, לולא הכרתיו לא היית מאמין שזהו אותו אדם שראית יום קודם, בערב שבת; מהודר בלבושו, מעיל שחור עשוי צמר משובח, תפור לפי מידה, נקי ללא רבב, ממש נוצץ; כובע "יהודי" עם מצחיה קטנה — שחור אף הוא — ישר, מגוהץ, ללא קמט, ללא שמץ של אבק או פרור של נוצה — כאצל הרבה בעלי בתים מכובדים; מגפיים מ"גימזה", בוהקות, כאילו זה עתה יצאו מתחת ידיו של הסנדלר; פניו זוהרים, זקנו מטופח ומסורק. כך הוא הולך לו מעדנות, פוסע כסיעה קטנה ומגפיו חורקות־שרות לו עם כל צעד וצעד. מלא חשיבות וערך עצמי הוא עובר בין הזאטוטים השובבים, ופניו מועדות לבית המדרש; האם יעבור בשלום? האם לא ירגיזו אותו, האם לא יקניטו אותו? לא, היום לא, כי שבת היום, כן, שבת היום... וכשאחד הילדים פותח את פיו לברכו לשלום, הוא נחרד, כולו נבעת, ולבו מתחיל לפעום בחזקה. האם גם היום? גם בשבת לא יתנו לו מנוחה, גם בשבת יקראו לו מוטל עם ה"ג..." אך לא, לשוא נבהל... "גוט שבת, מוטל" — קורא הזאטוט — "גוט שבת, מוטל", ועל פניו של מוטל משתפך חיוך רחב, מאושר. "גוט שבת" — הוא עונה מלא שמחה. לא מוטל עם ה"ג" — הוא חושב — אלא מוטל, סתם, כמו לכל יהודי ששמו מוטל, כי שבת היום, ובשבת אין מוטל גולם, אין...

אין לתאר את פשדבוז' בלי "מוטל גולם", הוא לא היה סתם דמות ציורית ומענינת. מוטל היה חלק מנכסי הצבור בעיירה, שאי אפשר בלעדיהם, ומי יודע איך היו נראים פני השבת בפשדבוז' אם מוטל היה קם ומכריז שביתה בערב שבת...

שתי מקצועות היו לו למוטל גולם: האחד, שואב מים והשני, בלן בבית המרחץ, ובשניהם היה מומחה גדול. היו לו מתחרים למוטל, אך לקרסוליו לא הגיעו; חמשה ימים בשבוע היה מוטל שואב מים ואילו היום הששי היה כולו קודש לבית המרחץ.

מוטל היה שואב מים מעולה, ממש אמן. הדליים היו בידיו ככנור והאסל כקשת... הוא לא הלך הליכה רגילה, איטית, כשאר שואבי מים, הוא רץ עם הדליים



מוטל גולם שואב מים —
צויר מהזכרון ע"י משה צחי

והמים לא נשפכו. הוא היה זריז מאד, עבד מהר, טוב ונקי, ונשות העיירה ידעו להעריך את זאת יפה יפה. הנה, אך הוא יצא עם דליים ריקים לפיליצה וכבר הוא חוזר, אם כי המרחק הוא די ניכר; וראה זה פלא, הדליים מלאים, הרצפה יבשה, וסביב לחבית אין אַף סימן שמלאוהו מים. ואילו מתחריו, הולכי נמושות אלה, כשיוצאים שוכחים לחזור, פה עומדים ומחכים, אין טיפת מים לנטילת ידים, והם משרכים רגליהם בשובה ונחת ולא איכפת להם כלל. וכשכבר זוכים לראותם בחזרה, הדליים ריקים למחצה, הרצפה רטובה, וסביב לחבית, כמו סביב לגיגית של טובה ריבה, בזמן שהיא מוכרת קרפיונים חיים. אין פלא, איפוא, שהעדיפו את מוטל על פני שואבי מים אחרים.

כאמור, מוטל היה גם בלן בבית המרחץ, והצטיין במיוחד על הספסל העליון

במרחץ האדים. גם כאן הוא הראה את כוחו ומומחיותו, וכשעיסה את גופך ושפשפו עם המטאטא הקצרצר העשוי עלים רכים, עד שנהיה אדום ככרבולתא דגברא וסיים בקיתון מים צוננים, הרגשתך היתה כאילו הורידו ממך משא כבד והנועותיך נהיו קלות להפליא; גם כאן לא היה מי שיתחרה במוטל, הוא היה ה"צ'מפיון", וכשנכנס לבית המרחץ ביום הששי בבוקר, לא יצא אלא לפנות ערב, לקראת הדלקת הנרות וגם אז לא הספיק להשביע את רצון כל לקוחותיו.

למען האמת היה לו למוטל עוד מקצוע, אם כי לא במשרה מלאה. הוא היה גם פושט יד, כלומר, לא עני חוזר על הפתחים, אלא מין קבצן דה־לוקס, בנסיבות מיוחדות בלבד: בברית מילה, בחתונה, חס ושלום בהלויה, ולעת מצוא... אם נתקל בך במקרה, היה פונה אליך ברמזים, בראשי תיבות, ועל דרך השלילה, בערך כך: לך, לך, אתה לא רוצה לתת... "לתת, עם ה"צ" ועם ה"ג"... עם ה"צ" ועם ה"ג"... (כלומר: "צען גראָשן" — עשר אגורות) ואם זה לא פעל כראוי, הוסיף מיד: לך, לך, משה עם ה"ג"... (כלומר: גולם) לא רוצה לתת... לא רוצה לתת וכו' וכו', ולזכותו יאמר, שלא עשה כל הפליה, בין איש לאישה, זקן ונער, בן־תורה ועם־הארץ, כולם, כולם זכו לאותו תואר כבוד עם ה"ג"... אפילו הרב דמתא, ר' נאסעלי...

עם כל תשוקתו ולהיטותו לכסף, מוטל לא ימיר את האסל והדליים האהובים עליו בקערת קבצנים עלובה, אלא רק במקרים מיוחדים ויוצאים מן הכלל: כשישנה איזה שמחה בעיירה או כשהופיעה פתאום קבוצת אנשים, זרים, שלא מבני המקום; אם ראית את מוטל מעמיד את דלייו, לפתע, באמצע הרחוב, ומתחיל לרוץ, ריצת אמוק, מערבה, לעבר ביהכ"נ, היה סמוך ובטוח שקבוצת תיירים הגיעה, באו לראות את ביהכנ"ס העתיק, ואסור לו למוטל להחמיץ את ההזדמנות להצטלם על רקע ביהכנ"ס ולקבל מטבע יפה, כי תופעה כזאת אינה חוזרת יום יום.

למוטל היה סדר בעבודה, מין תכנית עבודה קבועה, לפיה התנהג כל הימים. בבוקר עם ההשכמה יש קודם כל לספק מים ללקוחות הקבועים, המשלמים בסדר ובעין יפה; אח"כ, ללא קבועים, כלומר, אותם קמצנים שלפעמים, מביאים מים בעצמם ומקפחים את פרנסתו. ורק לבסוף, לאלה שאין להאמין להם כלל, ועליהם לשלם מראש. דרך אגב, גם בבית המרחץ יש לו רמאים כאלה הרוצים שישרת אותם חינם, מה עשה? התחכם להם, ודרש שישלמו לו בו במקום, לפני שיתחיל בעבודה, איפה יחזיק את הכסף? אַל תדאגו לו, יכניס את המטבעות לפה. וכך ישמור עליהם עד שיגמור עם הלקוח.

סדר העבודה של מוטל היה מחולק לשלושה חלקים: החלק הראשון בשעות הבוקר, לפני התפילה; החלק השני, התפילה עצמה, גם היא עבודה קשה מאוד, ואילו החלק השלישי עד הערב. עד שגמר את החלק הראשון, השמש כבר עמדה

באמצע הרקיע, ומוטל רץ לבית המדרש להתפלל תפילת שחרית; הוא מניח טלית ותפילין ומתחיל בעבודה, עבודה קשה ומפרכת.

בדרך כלל, מוטל לא היה מגמגם, להיפך, הוא דיבר בשטף ובמהירות למעלה מן הרגיל, אך כשהגיע לתפילה, השם ישמרנו, כאן, כאילו השטן ימ״ש וזכרו, נתקע בגרונו, והוא לא יכול להוציא את המילה מהפה, בבת אחת ובשלמותה. וכך, עטוף בטליתו ותפיליו, נעמד עמידה איתנה ויציבה, כלקראת קרב כידונים. רגלו השמאלית קדימה, הימנית אחורה, ואילו החלק העליון של גופו, כפוף קמעה, נע כעל גבי צירים, קדימה ואחורה, ופיו נלחם כל הזמן בשטן הארור, שאינו נותן לו להתפלל... כאילו בצבת ענקים, הוא חולץ־מוציא את ההברות המלוטעות מפיו, ולעולם לא תדע, מהי הסיבה האמיתית להתגוששות זו. האם זה מתוך רצון לבטא את המילה נכונה ושלמה, והוא לא בטוח אם ביטא אותה כהלכה, או, אלה הן המחשבות הזרות המבלבלות אותו, והוא מנסה בכל מאמצי כוחו לגרשן ממנו והלאה. אחת ברור, שכדי שלא יבלבלוהו בתפילתו, הוא מתפלל כ״כ מאוחר, כשביהמ״ד כמעט ריק מאדם. אך מעשה שטן, תמיד נמצא איזה נער שובב, ולעתים אף מבוגר, עושה מעשה ילדות, המתגרה בו, ואז הוא נמצא במצב מלחמה כפולה, עם השטן והאדם, דבר שהוא בהחלט למעלה מכוחותיו... ויכולת לראותו עם סיום כל מזמור, מתיישב בכל כובד גופו, על הספסל הקרוב, במצב של אפיסת כוחות, כאחרי עבודת פרך, נח קמעא וממשיך בתפילה, וחוזר חלילה; זוהי גם הסיבה שתפילתו בביהמ״ד, היתה קצרה, כשעה וחצי לערך... והוא לא הספיק יותר מקריאת שמע, שתיים לפניה ושתיים לאחריה, ושמונה עשרה. השאר הוא סיים בדרך, בלכתו עם הדליים הלוך וחזור, והרי היום גדול...

מוטל בא לביהמ״ד לתפילת שחרית בלבד, ואילו מנחה ומעריב התפלל תוך כדי עבודה, איש לא התגרה בו,איש לא הציק לו. הוא פשוט הלך והתפלל לאורך כל הדרך, וכשהגיע לשמונה עשרה, השאיר את האסל והדליים על שפת הנהר, נכנס למים, שבד״כ היו רדודים, מרחק מסוים כדי שלא יפריעוהו, הפנה פניו כלפי מזרח (וכלפי הדליים...) ונעמד להתפלל. על פי רוב זה עבר בשלום, אך קרה גם, ש״חברה״ ניסו לסחוב את דלייו, לשם שעשוע, ואז, ללא כל שהיות הפסיק את תפילתו ורץ לעבר ה״רשעים״ האלה, בפסקו: כל העבירה על ראשם...


לא היה לו בית למוטל, פעם כנראה, היה נשוי ועל זה תעיד הטלית שהתפלל בה, אך בזמננו, הוא היה ערירי, וישן ע״ג התנור אצל קרוב משפחה רחוק. מוטל היה חוסך ומצרף פרוטה לפרוטה, לא הוציא אף אגורה אחת על צרכי אוכל, היה תופס פה ושם משהו אצל לקוחותיו; גם על דברי הלבשה — לימות החול — לא הוציא כסף, כאן נתנו לו זוג מכנסיים ישנים, שם חולצה קרועה, טלאי פה, טלאי שם וזה הספיק; נעליים גם לא היה צריך הרבה, כי מראשית האביב ועד

לסוף הסתיו הלך יחף... עיקר הוצאותיו היו איפוא, על בגדי שבת, כאן לא קמץ, למען בגדי שבת לא היה דבר יקר מדי, הכל מן המשובח ביותר... כך הצטרפה פרוטה לפרוטה אגורה לאגורה, זהוב לזהוב, עד שהצטבר סכום גדול ו...נעלם. מישהו "ריחם" על השקית התפוחה, המלאה מטבעות וקנה אותה ב"משיכה". מוטל הרים זעקה גדולה ומרה "גנבים, גנבים, גנבו לי את כל הכסף, גנבים..." אך לך וזעק "חי וקיים", הכסף נעלם, איננו וחסל; הצגה זו חזרה ונשנתה בכל פעם שהשקית התמלאה, מוטל צעק, בכה, תלש שערות ראשו... והתחיל הכל מחדש.

מוטל מת על משמרתו; קרוב למלחמת העולם השניה, מת מיתה טרגית, באמצע תפילת שמונה־עשרה; הוא היה חולה, כל השנים, במחלת הנפילה, אם כי לא בצורה רצינית, פעם, בערבו של יום קיץ, השאיר את דלייו על החוף, נכנס לנהר ונעמד להתפלל, תוך כדי תפילת שמונה עשרה קיבל התקפה ונפל, רצה הגורל שאיש לא הבחין בנפילתו, אע"פ שמקום זה — בין ביהכנ"ס לביהמ"ד — תמיד שקק חיים, מה עוד בערבי הקיץ החמים, כעבור דקות ספורות, כשראו את הדליים על שפת הנהר — קפצו למים, אך היה מאוחר, מוטל טבע במים שעומקם לא עלה על חצי מטר...

כך נעלמה מהנוף הפשדבוז'אי הדמות הססגונית והמעניינת ששמה מוטל גולם.

ת נ צ ב " ה.



חיה ליזבאנד־כץ

יידישקייט מיט האַרץ און נשמה

ווי געדענקען מיר אונדזער שטעטל? — פרעגן מיר זיך ביים צוטרעטן פאַראייביקן אונדזערע קדושים און מיר ענטפערן זיך: צי מעג מען און צי קאָן מען פאַרגעסן? אַ קליין און שיין שטעטל געווען, אַרומגערינגלט מיט פעלדער און וועלדער, ווו יידן פלעגן קומען אויך פון אנדערע שטעט אָנשעפּן זיך מיט לופט און פארלאטען זייערע לונגען; ווו אַ לעבנס־לוסטיקע יוגנט פלעגט שפּאַצירן, דיסקוטירן און זינגען לידער פון קאַמף פאַר אַ שענערער און בעסערער וועלט; לידער פון חיבת־ציון און בענק־שאַפט צו אַ נאַציאָנאַלער היים.

יידן אין שטעטל האָבן געהאַנדלט און געאַרבעט, אָבער אין אַלעם איז געווען האַרץ און נשמה. אַזוי איז אויך געווען די טעטיקייט פון דער יוגנט מיט האַרץ און נשמה. מען האָט זיך פאַרמאָסטן אויף גרויסע זאַכן, געווען צוזאַמענשטויסן, קאָנפליקטן, מחלוקתן, אָבער אַלץ אין נאָמען פון הויכע אידעאַלן.

די יוגנט איז געווען דורכגענומען מיט דורשט צו קולטור און וויסן, האָט געזוכט פאַר זיך קודם כל אַן אידעאישע רעטונג. אפילו אין דער צייט פונעם מבול, וואָס עס האָט געברענגט מיט זיך די ערשטע וועלט־מלחמה, האָבן, פונקט ווי נחס טויב, וואָס האָט געזוכט אַ פלאַץ אויף דער ערד ווו אַוועקצושטעלן די פיסלעך, האָבן די בחורים און מיידלעך אין שטעטל געזוכט אַן אָנהאַלט פאַר זייער זיין אַלס מענטשן און יידן.

געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די איינציקע, וואָס טראָגן די וועלט אויף זייערע פלייצעס זענען די האָרעפּאַשניקעס און האָבן מבטל געמאַכט די אידעע צו זוכן אַן אייגן לאַנד, אָבער מערסטנס זענען געווען די, וועלכע האָבן געזונגען: „מיר וועלן בויען, בויען, בויען אונדזער לאַנד" און האָבן געהאַלטן, אַז מיר דאַרפן לערנען פון דער וועלט וואָס צו טאָן און ווי אַזוי צו טון, אָבער טון קענען מיר נאָר דאָס וואָס וועט זיין לטובת אונדזער געשיכטע.

די שטובן און געסלעך אין שטעטל האָבן זיך אויף לאַנג צוגעהערט צו די אמפּערנישן פון רייד און געזאַנגען, ביז — — —

ביז דעם סאַמע סוף, ווען דער ימח שמו האָט אַלץ אומגעברענגט.

ביז דעם סאַמע סוף איז אָנגעגאַנגען אַ לעבהאַפטיקע קולטור־טעטיקייט, זענען בחורים און מיידלעך געפאָרן אויף הכשרה, צוגרייטן זיך אין די קיבוצים צו אַ שווער לעבן פון אַרבעט אויף אייגענער ערד.

אין שטעטל איז געווען אַן אַרויפשטראָם פון קולטור. יוגנט און מיטליאָריקע האָבן אָנטיילגענומען אין די באַזונדערע קולטור־קרייזלעך. פאַר די אויגן שטייט מיר מיין שכן יאַנקל פוקס, ווי ער פלעגט נאָך אַ זעכצן־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג אַוועק פון שטוב צו די פּראָבן פונעם דראַמקרייז, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט הענעך פרידמאַן. וויפל איינגעבוירענעם טאַלאַנט און אינטעליגענץ עס האָט פאַרמאָגט דער דאָזיקער יונגער רעזשיסער, כאָטש ער האָט קיינמאָל נישט געלערנט אין אַ טעאַטער־שול!

דאָס שטעטל האָט נאָך ווייט נישט אַרויסגעבראַכט אַלע זיינע מעגלעכקייטן, וואָס זענען געווען פאַרבאָרגן אין אים, אָבער די שווערע באַדינגונגען, אין וועלכע די יוגנט האָט געלעבט, האָבן זיי געשטערט צו אַנטוויקלען. דאָך איז נאָך דאָ אַ סך וואָס צו לערנען און וואָס צו שעפּן פונעם גייסט און קולטור־אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אין אונדזער שטעטל.

אַ סך האָבן מיר צו לערנען פון אונדזערע עלטערן. אַ לאַנגן און שווערן וועג האָבן זיי דורכגעמאַכט, גזירות און רדיפות, אָבער תמיד אָפּגעהיטן דעם צלם אלוקים, די אמתע מענטשלעכקייט צווישן זיך, בין אדם לחברו און בין אד״ם למקום.

מיינע עלטערן זענען נישט געווען צופרידן פון מיין באַטייליקן זיך אין דראַמקרייז. זיי האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מיר, יונגע, גייען אויף אַ וועג, וואָס טראָגט אין זיך די געפאַר פון אַוועקגיין פון יידישקייט, פון אַראָפּגיין פון דרך הישר, און זיי האָבן אַזוי שטאַרק געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיין אָפּגעהיטענע יידישע קינדער. זייער יידישקייט איז געווען אַ גאַנצע און הייליקע.

אַלע זענען זיי גרויזאַם אומגעבראַכט געוואָרן. אַלע, מיינע עלטערן מרדכי און רבקה ליזבאַנד, מיינע שוועסטערס, רחל און איר מאַן חיים בורקאַווסקי מיט זייערע זעקס קינדער; מאַטל און איר מאַן נטע מיט זייערע קינדער; אסתר, וואָס האָט נאָך נישט באַוויזן חתונה צו האָבן — אַלע זענען זיי אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט דער גאַנצער עדה פשעדבאָזשער יידן.

אַ לעבן פון הונדערטער יאָרן איז געוואָרן אומגעבראַכט. אָבער די גרעאַטע־ווערטע האָבן מיטגענומען די נשמה פון הונדערטער יאָרן יידיש לעבן און זי אַוועקגעפירט אין דער וועלט אַריין, אין דער ניי־אויפגעקומענער יידישער מדינה, און מיר פאַראייביקן די נשמה פון יידישן לעבן אין אונדזער שטעטל.

יחזקאל וויינמאַן

ווייטע זכרונות

טראַכטענישן, געדאַנקען טראָגן מיך אַוועק צו די ווייטע זכרונות פון מיינע קינדער־און יוגנט־יאָרן אין שטעטל. פאַראַן איבער־לעבענישן, וואָס לעבן אויף אין משך פון אַן אויגנבליק, עס שווימען אויף געשטאַלטן, אַמאָליקע יידן, מיט די שיינע לאַנגע בערד און פאות, מיט דער התלהבות, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף זייערע פּנימער, מיט דער היץ און ברען אין האַרצן, מיטן גרויסן ביטול היש ביי זיך. געווען דאָך אַזעלכע, וואָס האָבן מבטל געווען סיי דאָס גאַנצע חומרדיקע לעבן מיט די הבלי עולם הזה און סיי אַלץ וואָס איז געווען נישט־יידיש. פאַר זיי האָט עקזיסטירט און געהאַט אַ ממשות נאָר דאָס, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו עולם הבא און דאָס האָט געמיינט רוחניות, הויכע מידות און מעשים טובים.

אַזעלכער איז אויך געווען ר׳ פייוויש שוויענטאַרסקי, וועלכן אַלע האָבן געקענט אונטערן נאָמען ר׳ פייוויש פעלדשער און ער האָט זיך אויסגעטיילט מיט זיין מסירות נפשדיקע גוטסקייט. מיט זיין גרויסן בטחון און אמונה. תמיד שטייט ער מיר פאַר די אויגן אין זיין גאַנצער מאָראַלישער גרויסקייט, מיט זיין טיפן מיטגעפיל פאַר אָרעמע און ליידנדיקע. וויפל גייסטיקע קראַפט האָט זיך באַהאַלטן אין דעם דאָזיקן מענטש. אָפטמאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אין זיין האַרצן פלאַקערט אַן אייביק פייער פון טיפער מענטשלעכקייט, וואָס האָט זיך נישט אויסגעלאָשן אויף קיין מינוט אפילו.

אַדאַנק זיין באַרוף איז ער געקומען אין באַריר מיט אַלע מענטשן אין שטעטל, יידן און קריסטן. ער האָט געקענט אַלע נויטבאַדערפטיקע, יעדן איינעמס צרות און זאָרגן און איז תמיד גרייט געווען צו העלפן, לינדערן צער, יסורים און קראַנקהייטן. יעדער, וואָס איז צו אים אַריינגעקומען מיט אַ שווער געמיט, מיט ווייטאָגן, איז אַרויס פון אים אַ באַרואיקטער, מיט אַ דערלייכטערט האַרץ, מיט אַ רפואה צו זיין קראַנקהייט.

ער האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע גרויסע נשמות אין בעסטן זין פון



ר׳ פייוויש פעלדשער מיט זיין משפחה. דער זון וואָלף־יאנקל לעבט אין קאנאדע. די טאָכטער זעלדע אין ישראל.

וואָרט, פיינפילנדיק און סענסיטיוו, תמיד אין באַוועגונג, פאַרהאוועט, פאַריאָגט ביים לויפן שאַפן הילף. אין די קנייטשן פון זיין פנים איז געלעגן זאָרג און צער איבערליידן פון אַנדערע. ווען אַ ייד איז באַעוולט געוואָרן דורך דער אדמיניסטראַטיווער מאַכט, מען האָט קאָנפיסקירט זיין פאַרמעגן אָדער עמעצן אין שטוב אַרעסטירט צוליב צוגעקלעפטע עבירות, איז מען געלאָפן צו ר׳ פייווישן און ער האָט שוין מער נישט גערוט ביז ער האָט דעם ייד באַפרייט אָדער אַוועק־גענומען פון אים די צרה, וואָס האָט זיך שווער אַראָפגעלאָזט איבער זיין קאָפּ.

פאַר ר׳ פייווישן האָבן זיך געעפנט טיר און טויער פון די פוילישע מאַכט־האָבער אין שטעטל. זיין ליבשאַפט צו מענטשן איז געווען אַן ערלעכע, אַ תמימותדיקע און אַלע האָבן פאַר אים געהאַט גרויס דרך־ארץ.

עס פלעגט טרעפן, אַז מען האָט אים גערופן צו אַ קראַנקן און ער האָט דערזען די אָרעמקייט אין שטוב, איז נישט נאָר וואָס ער האָט נישט גענומען באַצאָלט, נאָר האָט נאָך איבערגעלאָזט געלט אונטערן קישן פונעם קראַנקן. ער איז זיין גאַנץ לעבן געווען וואכזאַם נישט מבייש צו זיין קיינעם און זיין צדקה האָט זיך דערפאַר קאָנצענטרירט אויף מתן בסתר. ווייסנדיק, אַז דער קראַנקער וועט נישט האָבן קיין געלט אויף צו קויפן די נויטיקע מעדיקאַמענטן,

האָט ער זיי געברענגט צו אים אין שטוב אַריין און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי קאָסטן גאָרנישט.

אָפטמאָל האָט געטראָפן, אַז ער האָט ביינאַכט זיך אויפגעריסן פון שלאָף און געלאָפן אַ קוק טון, וואָס עס מאַכט זיין קראַנקער פּאַציענט. פאַר זיינע נאָענטע האָט ער זיך פאַרענטפערט, אַז דער קראַנקער איז זייער אַן איידעלער מענטש און וועט זיך שעמען נאָכאַמאָל צו רופן אים, וועט נישט וועלן אים מטריח זיין, כאָטש זיין מצב איז אַן ערנסטער און ער נויטיקט זיך אין הילף.

אַזוי האָט מען אים געקענט טרעפן זומער און ווינטער, אין אַלע שעהן פון טאָג און נאַכט, איילן מיט זיין רענצל אין איין האַנט און דעם שטעקן אין דער צווייטער האַנט שפּאַנען איבער די קליינע שמאָלע געסלעך אין שטעטל צו זיינע פּאַציענטן פון פאַרשידענע שיכטן. אויפן וועג האָט ער יעדן אַקעגנגעטראָגן זיין באַגריסונג, פאַר יעדן געהאַט אַ גוט וואָרט, אַרויסגעוויזן אינטערעס פאַר זיינע פּראָבלעמען און זאָרגן.

ר׳ פייוויש פעלדשער איז געווען כמעט אַ הילפס־אינסטיטוציע. ביי אים האָט יעדער געקענט באַקומען אַ גמילות־חסד. ווער שמועסט נאָך פאַר זיינע קרובים, געשוויסטער אָדער זייערע קינדער. אַלע האָבן זיי אין אים געפילט אַן אנלען און אַ פּאַטראָן אין אַלע הינזיכטן. ווען ער פלעגט קומען צו זיי אויף אַ באַזוך איז ממש ליכטיק געוואָרן אין שטוב. תמיד האָט ער מיט זיך געטראָגן אַ גוט וואָרט, אַ שמייכל, אַן אַנעקדאָט, וואָס האָט פונאַנדערגעטריבן טונקעלע וואָלקנס, וועלכע פלעגן זיך נישט איין מאָל לייגן איבער יידישע שטובן. אין זיין אָנוועזנהייט האָט די וועלט אויסגעזען ליכטיקער, שענער און אָנגענעמער.

געליבט און געאַכט דורך דער גאַנצער באַפעלקערונג איז ער פיל מאָל אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרשטייער אין דער יידישער קהילה. אין זיין האַנט האָט מען מיט גרויס צוטרוי איבערגעגעבן דעם שליסל צו אַלע יידישע אוצרות, וועלכע זענען באַשטאַנען פון גאָלד און טרערן.

איך געדענק אַ טאָג ווען אין שטעטל איז געקומען אויף אַ באַזוך אַ הויכער מלוכה־מאַן און ר׳ פייוויש האָט אים באַגלייט צו דער שיינער יידישער שיל געבויט פון האָלץ און שוין אַלט הונדערטער יאָרן. אין פּאָליש האָט ר׳ פייוויש אים געוויזן אַן אייזערנעם קאַסטן, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען עטרות און פאַרשידענע אַנדערע באַצירונגען צו ספרי־תורה פון גאָלד און זילבער. דער הויכער מלוכה־מאַן האָט אין אַ געוויסן מאָמענט זיך צו אים געוואָנדן:

„פּאַניע שוויענטאַרסקי, איר האָט דאָך דאָ אַ טייערן אוצר פון גרויסן ווערט!“

ר׳ פייוויש האָט אים געענטפערט:

„אמת, אָבער דאָס איז אַן אוצר, וואָס זינקט אין אַ טייך פון יידישע טרערן“.

דער הויכער מלוכה־מאַן האָט ביים געזעגענען זיך געזאָגט צו אים: "אייער געמיינדע האָט אַלע רעכט צו שטאָלצירן מיט אַזאַ פּאַטראָן ווי איר!"

איך זע אים פאַר זיך אין פאַרשידענע צייטן פון יאָר. אָט איז פּורים־צייט ווען מען האָט געדאַרפט אָנהייבן זאָרגן פאַר קימחא דפסחא. אויף די קהילה־זיצונגען און ביי פאַרשידענע אַנדערע געלעגנהייטן האָט מען דאַן דערפילט דאָס פייער פון זיין יידיש האַרץ. ער האָט מיט זיין דונערנדיקן קול גערופן, געמאָנט, געפאָכעט מיט די ליסטעס פון די נויטבאַדערפטיקע און צוגעהיטן, אַז מען זאָל חלילה קיינעם נישט דורכלאָזן. אויך אונדז, קינדער, האָט ער איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט, געשיקט מיט אונדז פאַרשידענע פּעקלעך שפּייז און מלבושים פאַר דעם און יענעם, פאַר אַלמנות, יורדים און סתם איינזאַמע מענטשן, וואָס האָבן זיך געשעמט מיט זייער אָרעמקייט. עס זענען געווען פאַלן, ווען זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען פון אונדז די פּעקלעך, געזאָגט אַז עס איז זיכער עפּעס אַ טעות, אָבער ר' פייוויש האָט תמיד פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו געפינען אַן אויסוועג פאַר זיין מתן בסתר, אַז יענער זאָל נישט פאַרשעמט ווערן.

ר' פייווישעס שטוב איז געווען דער דופק פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין שטעטל. אין זיין שטוב זענען פאָרגעקומען באַגעגענישן און באַראַטונגען איבערן מצב פון די באַזונדערע קהלשע אינסטיטוציעס, באַזונדערס פון דער תלמוד תורה. ווען עס האָט זיך געשאַפן די ישיבה, האָט מען אים אויסגעוויילט אַלס ערן־פאָרזיצער.

זיינע קינדער זענען געגאַנגען אין די וועגן פון זייער פאָטער און האָבן אַקטיוו אָנטיילגענומען אין דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין שטעטל. שטענדיק האָט מען זיי געזען פאַרנומען ביים צוגרייטן פאָרשטעלונגען פון דראַמ־קרייז, פאַרזאַמלונגען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אַנדערע קולטור־אַרבעטן.

ר' פייוויש, כאָטש ער איז נישט געגאַנגען לאַנג געקליידט, און ראַזירט זיך די באָרד, איז ער דאָך געווען אַ טיף גלוביקער ייד און אַ הייסער אָנהענגער פונעם ראַדאָשיצער רבין. זיין גלויבן אין רבין איז דערגאַנגען ממש ביז פאַר־אורטייל. עס דערמאָנט זיך מיר אַ נאַכט, ווען מיר זענען אין די שפּעטע שעהן צוריקגעפאָרן פון רבין. פאַר אונדז קינדער איז עס אגב געווען גאָר אַ פריילעכע זאַך דאָס פאָרן צום רבין, מען האָט געדונגען אַ וואָגן און די גאַנצע משפּחה האָט זיך אויפגעזעצט און געפאָרן צו דער סעודת ראש חודש ביים ראַדאָשיצער רבין. צוריקפאָרנדיק האָבן זיך אויפן וואָגן אַרויפגעכאַפּט צוויי שיכורע כוליגאַנעס און האָבן זיך געטשעפּעט, געזידלט און געשאָלטן, אָבער ר' פייוויש האָט זיך גאָרנישט געמאַכט פון זיי. קומענדיק דאָס צווייטע מאָל צום רבין האָט ער אים

דערציילט די מעשה מיט די כוליגאַנעס און דערבײַ מגלה־סוד געווען, אַז ער נעמט תמיד מיט עטלעכע שטרוי פונעם רבינס בעט און ווען די כוליגאַנעס האָבן זיך צו אונדז געטשעפּעט, האָט ער געהאַלטן די שטרוי אין דער האַנט און האָט דערפֿאַר נישט קיין מורא געהאַט פֿאַר קיין שום געפֿאַר.

דער רבי האָט אים געענטפֿערט:

"וצדיק באמונתו יחיה!"

ווען איך טראַכט וועגן אים ווערן מײַנע מחשבות דורכגענומען מיט באַגײַסטערט לויב־געזאַנג פֿאַרן דאָזיקן שײנעם מענטש, וואָס האָט מיט זײַן טיפֿער מענטשלעכקייט באַשײַנט דאָס לעבן אין שטעטל. די דאָזיקע שײנקייט איז אונדזער גרויס פֿאַרמעג, וואָס מיר טראָגן מיט זיך אין דער רוישיקער, טומלדיקער און צעטומלטער וועלט נאָכן מוראדיקן חורבן.



קבוצת נערות מפשדבוז'

יושבות מימין לשמאל:
הדס זיסקינד
מאשה גרינבויב
רייצלה קרקובסקי
משה וולטפרייד
עומדות מימין לשמאל:
קריבוס —

הדסה קאפעל

מיין יידישע היים

צניעותדיק, ריין און שיין האָט זיך געוועבט דאָס שטייגער־ישע לעבן אין אונדזער אַלט יידיש שטעטל פּשעדבאָזש. מיט קלעזמאָרים און מצווה־טענצלעך האָט מען חתונות געפּראַוועט; חופּות ביי דער שיל געשטעלט; מיט כּאַרביקע הבדלות איבער די געסלעך צו־ראָן־פון דער חופּה באַגלייט. אויף אַלעם איז געווען אויסגעגאָסן יידישער חן, יידישער חותם, יידישער נוסח. פון די בתי־מדרשים האָבן געקלונגען קולות פון תורה און תפילה. אין די חסידים־שטיבלעך איז פול געווען מיט חסידישער שמחה און התלהבות. שטוב און גאַס זענען געווען יידיש, אַ יידישע אַטמאָספער, א יידיש שטייגער־לעבן.

ווי זיס און אנגענעם זענען געווען די לאַנגע ווינטער־נעכט, ווען איך האָב זיך צוגעהערט צום לערנען פון מיין פאָטער, צו זיין דבקותדיק־צעצויגענעם גמרא־ניגון. מיין זיידע איז געווען איטשל מלמד, וועלכער האָט אויפגעשטעלט אַ סך צענדליקער תלמידים, האָט זיי דערצויגן צו זיין טרייע זין פון יידישן כּלל און זיי האָבן איינגעזאַפּט אין זיך זיין אהבת ישראל און אהבת התורה.

שיין איז געווען דער זומער אין שטעטל, ווען די ווינטלעך האָבן געבראַכט די ערשטע ריחות פון די צעבליטע סעדער. יידן זענען ווי דערוואַכט געוואָרן. געגומען אָטעמען, טיפער, זייערע נאָזלעכער זענען צעשפּרייט־געוואָרן און די אויגן האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן מיט ליכטיקע פייערלעך. דאָס זענען געווען יידן, וואָס האָבן אָפּגעדונגען ביים פּריץ און פויער סעדער אויפן גאַנצן זומער. די סעדער האָבן זיך געצויגן ווייט און די יידן האָבן געקענט שוין ביים בליען אָפּשאַצן וויפל יעדער בוים וועט געבן פּירות, אַראָפּגערעכנט די שאָדנס, וואָס עס קענען ברענגען שטורעמס און האָגלען אָדער אַן אינזעקט, וואָס קען באַפאַלן דאָס בליעכץ. מאַלע וואָס עס מאַכט זיך. דערביי האָבן זיי ברייט איינגעצויגן דעם אָטעם צו דערשפּירן דעם ריח פון די פולע קוישן מיט פּרוכטן, וואָס דער סאָד וועט ברענגען.

דאָס גרעסטע פאַרגעניגן איז געווען דאָס באָדן זיך אין טייך און דערנאָך אויפן ברעג אַרומלויפן אָדער באַהאַלטן זיך צווישן די גראָזן און איינאָטעמען

די ריחות פון די וואַסער־געוויקסן, דאָס בליעכץ פון קאַרשן־סעדער, פון נאָענטן וואַלד. ווען כ׳בין אַזוי געלעגן מיטן פּנים צום הימל און נאָכגעקוקט דעם גאַנג פון די וואָלקנס, איז מיר אויסגעקומען, אַז איך רייט־אַוועק אויף זיי צו די ווייטסטע מרחקים. די ריחות פון דער פרילינגדיקער און זומערדיקער וועלט האָט אַדורכגעדרונגען מיינע געבליטן און איך האָב אָנגעהויבן צו דרימלען. מיר האָט זיך געחלומט, אַז כ׳בין צווישן די טעכטער פון יהודה און כ׳הער דאָס האַרפע־שפּילן פון דוד המלך און דאָס געזאַנג פון די לוויים אין בית־המקדש. ווען עס איז אָנגעקומען דער חודש אלול און עס האָבן גענומען בלאָזן קאַלטע ווינטן און געטריבן די ערשטע פאַרוויאַנעטע בלעטער איבער די געסלעך פון שטעטל איז אין הערצער פון קינדער און דערוואַקסענע אויפגעקומען אַ פאָרכטיקע שרעק פאַר די הימלען.

אַמאָל פלעגט קומען אַ מגיד און אין בית המדרש אָדער אין שיל געהאַלטן אַ דרשה. ווען מיר איז אַלס קינד אויסגעקומען פאַרבייצוגיין די פענסטער פון בית המדרש בעת דער מגיד האָט געהאַלטן זיין ניגונדיקע דרשה, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ווי אַ פאַרכישופטע. זיינע רייד האָב איך נישט באַנומען, נאָר בלויז דעם ניגון און איך האָב געשפּירט ווי עס גייט־אויף אין מיר אַ געוויין. כ׳האָב מורא געקרוגן פאַרן געלויף פון די טונקעלע וואָלקנס אויפן הימל, פאַר ווילדע, אומריינע כּוחות, וואָס טרייבן צו זינד. כ׳בין צוגעגאַנגען נענטער צום פענסטער, זיך איינגעקוקט אין דעם איינגעשרומפּענעם, נידריקן מגיד מיט דער געלער באָרד, מיט די געקרייזלטע פּאות, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין וויקלען אויף די פינגער און דער ניגון האָט מיך געפאַנגען. נאָך די ניגונדיקע פסוקים האָט דער מגיד אָנגעהויבן אויסזונגען זיינע רייד אין יידיש: ״...איי, איי, רבונו של עולם, יעדער איינציקער פון אונדז זינדיקע באַשעפענישן פאַרמאָגט צוויי נשמות. איין נשמה איז מצד דער קליפּה... באַהיט און באַשירעמט זאָל יעדער פון אונדז זיין פאַר דער דאָזיקער נשמה, אוי ווײ, ווײ...״

מיין קינדיש האַרץ האָט זיך געקורטשעט פון פּחד, אָבער דאָך האָב איך נישט געוואָלט פאַרלירן פונעם מגידס רייד און נישט פון דעם שטילן געזאַנג, וואָס האָט באַגלייט די רייד און האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון און געמיט ביזן היינטיקן טאָג: ״...און די צווייטע נשמה איז אַ טייל פון די הימלען, אַ געטלעכע. דאָס איז די עכטע נשמה פונעם ייד...״

צענדליקער יאָרן זענען זינט דאַמאָלט אַוועק און די זינגעוודיקע רייד פונעם מגיד הערן נישט אויף צו ברומען אין מיר און אַלע יאָרן האָב איך נישט אויפגעהערט צו גאַרן נאָך דער צווייטער נשמה, די עכטע, די געטלעכע, וואָס קומט פון די הימלען.

פון מיין פאָטער האָב איך געהערט, אַז נאָענט צו די ימים־נוראים קומט דער שטן און שטעלט זיך אַוועק פאַרן כיסא־הכבוד און דערלאַנגט דעם רבונו של עולם דאָס צעטל פון די אַלע, וועלכע ער האָט אין פאַרגאַנגענעם יאָר אַראָפּגעפירט פון דרך־הישר. דעמאָלט שפרינגט אונטער דער יצר־טוב און זאָגט צום שטן:

”אָבער רבי אפרימל... רבי אפרימל...“

אַלע אין שטעטל האָבן געוווּסט, אַז רבי אפרימל איז אינגאַנצן אויסגעטון פון עולם הזה. ער האָט אויף קיין רגע נישט אויפגעהערט צו לערנען. ער האָט אין יעדער ליידיקער רגע געזען אַ שפּאַלט, וואָס פון אים גייט אַ גליטשיקער וועג און ער קען פירן אין שאול־תחתית אַריין, אַהין ווו דער שטן האָט זיך געמאַכט אַ לויערונג.

אַלע, אפילו מיר, קליינינקע מיידלעך, האָבן געוווּסט, אַז רבי אפרימלען קען דער שטן נישט בייקומען, נישט אנרעדן אים צו קיין עבירה און איך האָב זיך פאָרגעשטעלט ווי קליין און איינגעקורטשעט עס ווערט דער שטן, ווען דער יצר טוב רייצט זיך מיט אים און דערמאָנט אים רבי אפרימלס נאָמען. כ'האָב פאַר־שטאַנען, אַז דער פינצטערער שטן פאָרשט נאָך רבי אפרימלס אַלע וועגן און אַלע זיינע מעשים, זיין האַרץ און זיין מוח. ער קען אַלע זיינע געננג און זיין גאַנץ התנהגות בייטאָג און ביינאַכט. ער זוכט אַ שוואַך אָרט אינעם פאנצער פון תורה און עבודה, אין וועלכן רבי אפרימל האָט זיך פאַרקאָוועט, אָבער בשום אופן קען ער נישט אַריינגנבענען זיך אין זיין נשמה און זי מכשיל־זיין כאָטש מיט אַ קליין עבירהלע.

די געשטאַלט פון רבי אפּרימל איז תמיד געשטאַנען כאַר מיינע אויגן ווי די פאַרקערפּערונג פון גוטסקייט, הויכע מידות און הכנעה פאַרן באַשעפער. ער האָט נישט קיין הנאה געהאַט פון עולם הזהדיקע פאַרגעניגנס, געגעסן נאָר אויף אונטערצוהאַלטן דאָס לעבן, נישט געהאַט קיין ריכטיקע הלבשה אפילו אום ווינטער און פון זיין תורה קיינמאָל נישט געמאַכט קיין פרנסה, איז געווען ווייט פון יעדער מינדעסטע גאווה. אַלס קינד האָב איך אויף אים געקוקט ווי אויף אַ לאַמעד־וואָווניק, אָבער אויך היינט שטייט ער מיר פאַר די אויגן ווי דער סימבאָל פון אָפּגעהיטנקייט און איידעלער פרומקייט.

וואָס ווייטער אין די אלול־טעג זענען די ווינטלעך געוואָרן קילער. פון די נאָענטע סעדער האָט מען פון די ביימער געריסן די ווינטער־עפּל. פון די קילע ווינטלעך, פון חודש אלול, פון די אנציענדיקע ימים־נוראים, פון דער נאָענטקייט פון די פאַרכטיקע טעג, פון דעם קול־שופר, וואָס האָט זיך איצט נאָך יעדן

שחרית־דאַווענען געהערט, איז אויף קליין און גרויס געקומען אַ חשבון־הנפשדיקע פאַרטראַכטקייט. יידן האָבן געטראַכט נישט נאָר וועגן אַנגרייטן זיך אויף ווינטער האָלץ און קאַרטאָפל און אַ וואַרעם מלבוש פאַר די קינדער. יידן האָבן אויך געטראַכט וועגן יענער וועלט, וועגן פאַרזאָרגן זיך מיט אַ שטיקל עולם־הבא. עס זענען אָנגעקומען די סליחות טעג.

ראש השנה, עשרת ימי תשובה און יום־כיפור זענען כמעט אַלע יידן אין שטעטל, מענער און פרויען, געוואָרן דורכגענומען מיט ציטערניש פאַרן יום־הדין. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען איז אינגאַנצן אַרויס פון דער גשמיותדיקער וועלט. עפּעס האָט מען אַנדערש געטראַכט, אַנדערש געפילט און אפילו דאָס אויסזען פון די מענטשן האָט זיך ווי געענדערט. ביי פרומע יידן האָט געציטערט יעדער אבר און געטון תפילה אין פאַרגעפיל, אַז דער דין פון גערעכטיקייט וועט דערפילט ווערן. געוווּסט האָט אפילו אַ ייִנגל אין חדר, אַ מיידל אין שטוב, אַז תפילה דורך מעשים איז די ווירקזאַמסטע תפילה.

ווי נעמט מען יענע צייטן, ווען גערעכטיקייט איז נישט געווען ביי יידן אַן אַבסטראַקטער אידעאַל. מיט כל־נדרי פלעגט די וועלט נעמען שטייגן באַרג־אַרויף, צו גרויסע הימלישע הייכן. צו נעילה פלעגט זי אַראָפּנידערן צוריק צו דער וואָך, אָבער דער יום־כיפור איז געבליבן אין דער נשמה.

אין אַ געוויסן טאָג איז צו מיר דערגאַנגען, אַז אין שטעטל שאַפט זיך אַ בית־יעקב־שול. צוזאַמען מיט מיין שוועסטער איידל האָבן מיר מיט האַרצקלאַפּעניש געציילט די וואָכן און חדשים פאַרן עפענען די שול. מיט אומגעדולד האָבן מיר געוואַרט אויפן אָנקום פון דער יידישער לערערין.

ענדלעך איז געקומען דער טאָג פון דער דערעפענונג און אַלע האָבן מיר זיך אויסגעפוצט אין די שבתדיקע קליידלעך. עס איז פאַר אונדז געווען אַ יום־טוב צוצוהערן זיך ווי די נייע לערערין רעדט צו אונדז יידיש און קלערט אונדז אויף די שיינקייטן פון דער תורה, פון יידישע דרכים. מיר האָבן זיך באַצויגן צו איר מיט גרויס דרך־ארץ און יראת הכבוד. זי האָט אונדז אַריינגעפירט אין כּאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון יידישן געדאַנק וועגן צייט, געשיכטע און אייביקייט. זי האָט אונדז אויפגעקלערט די מאָטיוון פון קדושה און די אידעע פון שבת; דעם באַזונדערן כאַראַקטער פון יידישן שבת, וואָס איז אַנדערש פון די אָפּרו־טעג ביי די אַנדערע פעלקער; אַז די הייליקייט פון שבת פאָדערט נישט צו רעדן און נישט צו טראַכטן איבער וואָכעדיקע ענינים, איבער זאָרגן פון וואָכעדיקן לעבן. מיר האָבן אָנגעהויבן פאַרשטיין די אידעע פון שבת און פון אַ סך אַנדערע מצוות, די באַזונדערקייט פון יידישן פאָלק, פון יידישן בטחון און גלויבן אין גאולה און אונטערן צייכן פון אָט דעם גלויבן האָבן דאָך די יידן אין שטעטל

באַגלייט דעם שבת מיט די זמירות. שבת האָט דעם ייד אין שטעטל געגעבן חשיבות, האָט געהויבן זיין געפיל פון מענטשלעכער ווירדע.

אַ גרויסע פרייד האָט אונדז געבראַכט דער אָנזאָג, אַז עס קומט צו אונדז פון קראָקע די פרוי שרה שענירער, די גרינדערין פון די בית־יעקב־שולן און סעמינאַר פאַר די לערערינס. נאָך איצט זע איך פאַר זיך דעם יום־טובדיקן אויסזען וואָס דאָס שטעטל האָט באַקומען. אַ קליינינקייט, קענען זען אַזאַ פערזענלעכקייט, וועלכע איז שוין דאַן געווען באַרימט אין דער יידישער וועלט סיי מיט אירע גרויסע מעשים און סיי מיט איר רייכן יידישן וויסן, וואָס זי האָט זיך באַמיט איבערצוגעבן אירע שילערינס, וועלכע זענען אויסגעוואַקסן אין לערערינס און דערציערינס אין די בית־יעקב־שולן פון גאַנץ פוילן.

די דאָזיקע איידעלע יידישע פרוי האָט אויף מיר געמאַכט אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק, איז טיף אַריין אין מיין וועזן און געדעכעניש.

גאָר לעבעדיק איז ביי אונדז געוואָרן מיטן אָנקום פון חנוכה. מיר האָבן שוין דאַן געוווסט, אַז חנוכה איז אין אַ באַזונדערער מאָס דער יום־טוב פון דער יידישער פרוי און אַז די ראָל פון דער יידישער פרוי אין דער חנוכה־טראַדיציע איז זייער אַ וויכטיקע. שוין אַן אַלטע יידישע אגדה דערציילט די גבורה פון יהודית, וואָס האָט געהרגעט דעם גריכישן גענעראַל האלאפערנעס. מיר האָבן געלערנט די ווונדערלעכע געשיכטע פון חנה און אירע זיבן קינדער, אין וועלכער עס קומט אַזוי שטאַרק צום אויסדרוק די גבורה פון דער יידישער פרוי. מיר האָבן אָנגעהויבן גרייטן אַ פאָרשטעלונג וועגן דער טראַגישער דראַמע, וואָס האָט זיך אָפגעשפילט מיט דער דאָזיקער העלדישער פרוי. עס האָט זיך געקאָכט און גערודערט אין שטעטל. די העלדן פון טאָג זענען געווען די אָנטייל־נעמערינס אין דער פאָרשטעלונג, אָבער אויך די אַנדערע מיידלעך האָבן זיך אינטערעסירט מיטן גאַנג פון די צוגרייטונגען צו דער פאָרשטעלונג, צום שפילן די באַזונדערע ראָלן. די, וואָס זענען געבליבן לעבן, געדענקען זיכער נאָך היינט יענע יום־טובדיקע אַטמאָספער און די התלהבות פון די יידישע קינדער פאַר די העלדישע געשטאַלטן אין דער יידישער געשיכטע.

איך האָב נישט געהאַט די זכיה צו זיין לאַנג מיט מיינע עלטערן, נאָבעלע און טייערע מענטשן, פון וועלכע איך וואָלט געקענט אַ סך לערנען. כ׳פיל זיך נישט דערוואַקסן צו שרייבן וועגן זיי, די שבחים, וואָס זיי האָבן זיך פאַרדינט מיט זייער ערלעכקייט, פרומקייט און לעבנס־חכמה. מיט טויזנטער פעדעם פיל איך זיך מיט זיי פאַרבונדן. מיט לייב־און־לעבן בין איך געווען צוגעבונדן צו די מענטשן פון שטעטל, צו דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט, צו דער יידישער עטיק און גוטע מידות פון די יידן אין שטעטל ; צו יענעם לעבן פון גרויער וואָך,

פֿון הייליקן שבת און פֿון חדווהדיקע יום־טובים; צו דער יידישער סקאַרבאָווער ניגונה פֿון טאַטנס זמירות, פֿון דער פֿריילעכער מגילת־אסתּר און פֿון טרויעריקן איכה איבערן חורבן בית־המקדש.

אַ שיין און גרויס לעבן, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן מוראדיקן היטלעריסטישן חורבן, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט. טאָג און נאַכט האָבן געפֿלאַקערט די טייוולאָנישע אויוונס אין מיידאַנעק, טרעבלינקע און אוישוויץ און אין די לאַנגע עשאַלאָנען פֿון די געטאָס האָט מען אויך געפֿירט די יידן פֿון פשעדבאָזש צו די "פֿאַבריקן פֿון טויט". די פּוילישע ערד איז פֿאַרדעקט געוואָרן מיטן אַש פֿון יידישע לעבנס. דער פּוילישער הימל איז פֿאַרצויגן געוואָרן מיט שטיקנדיקע וואָלקנס רויך, וואָס האָט זיך געריסן פֿון די קרעמאַטאָריע־אויוונס און פֿאַרפֿעסטעט די לופֿט. דער דאָזיקער רויך האָט פֿאַרסמט די נשמות פֿון די פּאָליאַקן. דער היטלעריסטישער גיפֿט האָט אַריינגעדרונגען אומעטום און אונדזערע פּוילישע שכנים האָבן מיטגעאַרבעט און געהאָלפֿן די ברוינע תליינים אויסגעפֿינען באַהאַלטענע יידן.

זעקס מיליאָן קדושים האָט אונדז געקאָסט דער היטלעריסטישער קאָשמאַר. צווישן זיי אויך די הונדערטער יידישע משפּחות פֿון אונדזער שטעטל. אַזוי איז אָפּגעמעקט געוואָרן פֿון דער ערד די יידישע קהילה אין פשעדבאָזש.



שרה איטשל מלמדס

איינע פֿון די ליכטיקע געשטאַלטן אין אונדזער שטעטל, וואָס שטייען ווי לעבעדיק פֿאַר די אויגן און נערן די נשמה מיט געלייטערטער בענקשאַפֿט. נאָך דער פּטירה פֿון איר פֿאָטער האָט זי אַליין געפֿירט דאָס מלמדות, געלערנט מיט די קינדער עברי, חומש און רש"י.

סאַל רישפּאַן

אונדזער אומפאַרגעסלעך שטעטל

אומפאַרגעסלעך איז אונדזער שטעטל. אומפאַרגעסלעך זענען די שײנקײטן פֿון די פֿאַרגאַנגענע יאָרן אין שטעטל, װײטע, זיסע שטעטלדיקע יאָרן, געהילטע אין חלומות װעגן גרױסע מעשׂים, אין פֿאַנטאַזיעס װעגן אַ װײטער גרױסער װעלט; באַגלײט מיט חסידישע ניגונים, מיט תּפֿילות פֿון פֿרומע ײדן, מיט עקזאַלטירטע געזאַנגען פֿון יונגע חלוצים, פֿון אידעאַליסטישע טרױמער, װאָס האָבן געזען פֿאַר זיך די װיזיעס פֿון שענערע װעלטן פֿאַר מענטש און ייד און האָבן געגליט מיט דער־װאַרטונגען, גרײט זיך מקריב צו זײַן פֿאַר זײער פֿאַרװירקלעכונג.

װי װײט מיר זאָלן נישט זײַן פֿון אונדזער שטעטל זעען מיר תּמיד פֿאַר זיך סײ די גאָטספֿאַרכטיקע ײדן, לומדים, חסידים מיט זײער דבֿקותדיקער התלהבֿות און סײ סתּם סוחרים און קרעמער מיט זײער אײגנאַרטיקער לעבנס־חכמה און אײַנגעבױרענער ערלעכקײט; די מלמדים, װאָס האָבן געלערנט די קינדער פֿונעם ערשטן אלף־בית ביז גמרא און תּוספֿות, געשאַרפֿט זײערע מוחות און דורכגעזאַפּט זײערע הערצער מיט ײדישער שײנקײט, מיט געפֿיל פֿאַר גוטע און הױכע מידות.

װער קען פֿאַרגעסן דיך, טײער שטעטל פּשעדבאָזש?!

פּשעדבאָזשער ײדן אין אמעריקע האָבן זײער שטעטל קײנמאָל נישט פֿאַרגעסן. האָבן די אַלע יאָרן פֿון זײער זײַן אין אַמעריקע געפֿילט זיך שטאַרק פֿאַרבונדן מיט פּשעדבאָזש, מיט זײערע נאָענטע און טײערע.

אונדזער לאַנדסמאַנשאַפֿט אין אַמעריקע איז געגרינדעט געװאָרן אין יאָר 1905 און אַלע יאָרן האָבן מיר מיט ציטערניש און האַרצקלאַפּעניש נאָכגעפֿאָלגט װי אַזױ עס לעבן די ײדן אין פּשעדבאָזש. זײער נױט האָט גערירט אונדזערע הערצער און מיט אַלע מעגלעכקײטן האָבן מיר זיך באַמיט זײ צו העלפֿן. יעדער בריװ, װאָס איז געקומען צו אונדז פֿון אונדזער הײמשטעטל, האָט געפֿונען אַ הילכיקן אָפּקלאַנג צװישן אַלע לאַנדסלײַט, האָט אונדז געמוטיקט אָנצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט און אַרױסהעלפֿן אין פֿאַרצװײפֿלטע מאַטעריעלע סיטואַציעס.

עס זענען שוין אַריבער אַזויפיל יאָרן זינט דעם מוראדיקן חורבן און די פאַרבינדונג מיט דער שארית הפליטה פון אונדזער שטעטל לעבט שטאַרק אין אונדזערע הערצער. מיר פילן זיך הייס פאַרבונדן מיט די פשעדבאָזשער לאַנדסלייט אין ישראל. צוזאַמען באַוויינען מיר די דורות יידן און יידישקייט, פון וועלכע עס זענען געבליבן בלויז ריזיקע ברידער־קברים, אָן אַ מצבה, אָן מינדעסטן אָנדענק, וואָס זאָל אַרויסשרייען צו דער וועלט די שוידערלעכע טראַגעדיע, וואָס האָט דאָרט פאַסירט.

מיר, די פשעדבאָזשער לאַנדסלייט אין אַמעריקע, האָבן נישט שלום געמאַכט מיטן דאָזיקן פאַרלוסט און די גאַנצע צייט האָבן מיר נישט אויפגעהערט צו זוכן דעם וועג און די מיטלען צו פאַראייביקן די קדושים פון אונדזער שטעטל און שטעלן זיי אַ מצבה. מיר האָבן זיך קלאָר געמאַכט, אַז די שענסטע פאַראייביקונג איז אַ ספר־מצבה, אַ יזכור־בוך פון דער חרוב־געוואָרענער יידישער קהילה אין פשעדבאָזש. מיר לעבן מיטן געדאַנק, אַז דאָס ספר וועט זיין אַ סימבאָלישע מצבה נאָך די קדושים פון אונדזער שטעטל, די פאַרפייניקטע, פאַרברענטע און לעבעדיק־באַגראָבענע. דאָס זענען דאָך אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטערס, פרויען און קינדער, נאָענטע פריינד, חברים און באַקאַנטע — אומפאַרגעסלעכע געשטאַלטן.

דערמאָנענדיק די דאָזיקע געשטאַלטן זענען אונדזערע הערצער דורכגעדרונגען מיט אומגעהויערער ליבשאַפט צו יענע אַלע, וואָס זענען געווען און זענען מער נישטאָ; צו אַלע די, וואָס זענען אַ טייל פון אונדזער לייב און נשמה.

דאָס יזכור־בוך, וואָס מיר שאַפן מיט געמיינזאַמע כוחות, וועט זיין אַ שטענדיקע דערמאָנונג לדורי־דורות. אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער, וואָס האָבן נישט געקענט די פאַרגאַנגנהייט פון זייערע עלטערן און אור־עלטערן, וועלן אין דאָזיקן ספר דערקענען זייער יחוס; וועלן אין אים זען אַ דאָקומענט און אַ שפּיגל פון אַ רייכן און שיינעם לעבנסשטייגער, וואָס איז מער נישטאָ.

אַלע צוזאַמען שטעלן מיר אויף דאָס הייליקע ווערק. אַלע האָבן מיר אָנגעשטרענגט אונדזערע כוחות, כדי צו שאַפן די מאַטעריאַלע באַזע פאַרן אַרויסגעבן אין דרוק אונדזער קאָלעקטיווע שאַפונג, די זכרונות און איבערלעבענישן פון צענדליקער פשעדבאָזשער יידן, גבית־עדותן און דאָקומענטן פונעם לעבן און אומקום פון אונדזערע טייערסטע און נאָענטסטע, פונעם מוראדיקן חורבן פון אונדזער קהילה.

דער ספר הזכרון פאַר דער יידישער קהילה אין פשעדבאָזש וועט בלייבן אַן אייביק געדעכעניש פאַר אונדז און פאַר אונדזערע קינדער און אויך פאַרן גאַנצן פאָלק, לדורי־דורות.

מיין היים

וווינענדיק צענדליקער יאָרן אין אַמעריקע האָב איך אָבער אויף קיין איין טאָג נישט פאַרגעסן אין מיין היימשטעטל פשעדבאָזש, די היים פון מיין טאַטן, דעם למדן און ראָספשער חסיד; פון מיין מאַמען, אַן אמתע אשת חיל, וואָס האָט מיט איר ערלעכקייט און גוטסקייט אַרויסגערופן צו זיך ליבשאַפט פון אַלע, וואָס האָבן זי געקענט. זיי און אויך מיינע דריי ברידער זענען אומגעקומען. געבליבן איז מיר בלויז מיין איינציקע שוועסטער טובה, וועלכע געפינט זיך אין ישראל.

אַ סך זאַכן געדענקט זיך פון די קינדער־און יוגנט־יאָרן אין אונדזער שטעטל, די חסידים און לומדים, די אינטעליגענטע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן. די יידן זענען דאָרט געווען ווי איין גרויסע משפחה, פריינדלעכע און האַרציקע, האָבן זיך דאָרט געלעבט שטיל, אָרעם, אָבער בנעימותדיק, באַשאַנקען מיט אַ סך בטחון און גלויבן, אַז עס וועלן קומען בעסערע טעג, אַז מען וועט האָבן נחת פון קינדער און עס וועלן מקוים ווערן די גוטע ווונטשן אויף פּרנסה און רוח. דאָס זענען געווען די גוטע ווונטשן פון די פשעדבאָזשער יידן, וועלכע האָבן געבעטן נישט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַר אַלע אַנדערע, פאַר כלל ישראל.

בכלל איז ביי די יידן אין פשעדבאָזש געווען אַנטוויקלט דאָס געפיל פאַר קעגנזייטיקער הילף, נישט צו לאָזן קיינעם אויסגיין פון הונגער, העלפן אַן אָרעמאַן חתונה־מאַכן אַ טאָכטער, אַ בוגרת.

ווען איך פאַרטראַכט זיך איצט איבער יענער צייט, זע איך ווי שטאַרק עס איז געווען ביי די יידן אין אונדזער שטעטל דער פאַרלאַנג צו העלפן, די גרייטקייט צו טון אַ טובה. איך געדענק די צענדליקער אָרעמע קרעמער, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין געלט איינצוקויפן דאָס ביסל סחורה, וואָס מען האָט געדאַרפט אויפן יאַריד, אָבער תמיד זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אויסגעבאָרגט דאָס געלט.

אָט דערפירט מיך מיין זכרון צו דער אַמאָליקער יוגנט אין פשעדבאָזש, און מיר ווייזט זיך אויס, אַז זי איז געווען אַנדערש ווי אין אַנדערע שטעטלעך. עפּעס ליבס און וואַרעם־האַרציקס האָט געאָטעמט פון זיי און זיי האָבן געהאַט אַזאַ שטאַרקן דורשט צו וויסן. איך רעד פון די, וועלכע איך האָב געקענט פון דער נאָענט, געזען זייער ליבשאַפט און דרך־ארץ פאַר די עלטערן. מיינע חברטעס

האָבן געהאַלטן בכבוד זייערע טאַטע־מאַמע, נישט געקוקט דערויף, וואָס אַסך פון זיי האָבן שוין געהערט צו אַן אַנדערער וועלט מיט אַנדערע באַגריפן. אויך עלטערן האָבן אָפט אַרויסגעוויזן זייער פאַרשטענדעניש אפילו ווען נישט אַלץ איז זיי געווען צום האַרצן.



בראָניע דאַוונער, פּראָטאָקאָל־סעקרעטאָרין פון דער פשעדבאָזשער סאָסייטי אין אמריקע, מיט איר מאַן יחזקאל.

פּאַראַן נאָך אַ סך זאַכן, אינטערעסאַנטע געשיכטעס, וועלכע האָבן פּאַסירט אין פּשעדבאָזש און עס איז כדאי וועגן זיי צו דערציילן.

מיר דאַכט זיך, אַז אַ סך אַרבעט וואַרט נאָך אויף אונדז, מיר זאָלן דאָס אַלץ פאַראייביקן פאַר די קומענדיקע דורות. דערפאַר טאַקע איז מיר אַזוי נאָענט צום האַרצן די אַרבעט פאַרן יזכור־בוך און איך האָב אויף זיך גערן גענומען דעם עול פון ווערן די פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַרין פון דער סאָסייטי און גלייכצייטיק פון רעליעף־קאָמיטעט און העלפן אויפזוכן לאַנדסלייט איבער גאָר דער וועלט; אַ פּאָסטן, וואָס איך האַלט אָן שוין דרייסיק יאָר ביזן היינטיקן טאָג.

טיף אין האַרצן האָב איך געשווירן, אַז ווי לאַנג איך וועל לעבן, וועט אויך פשעדבאָזש לעבן אין מיר. מיינע שענסטע יאָרן זענען פאַרבונדן מיט פשעדבאָזש. אַזוי טראַכטן אויך אַלע אונדזערע לאַנדסלייט אין אַמעריקע. די עקזעקוטיווע פון דער סאָסייטי האָט זיך דערפאַר איינגעשפּאַנט מיטן גאַנצן האַרץ אין דער אַרבעט כּדי פאַראייביקן אונדזערע קדושים און די שיינקייט פון אַמאָליקן יידישן לעבן אין שטעטל, וווּ מיר האָבן זיך אויסגעלעבט אין דער יוגנט, אָנטיילגענומען אין קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן, געפירט דיסקוסיעס און געווען דורכגענומען מיט הויכע אידעאַלן.

דער בייזער שטורעמווינט האָט חרוב געמאַכט אונדזער שטעטל, אומגעבראַכט אַלע אונדזערע נאָענטסטע און טייערסטע, פאַרברענט אונדזער פּרעכטיקע שיל, אפילו דעם בית־עלמין געשענדעט.

מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן אונדזערע קדושים און נישט אויפהערן זיי צו באַקלאָגן. זאָל דאָס ספר זיין אַ נר־תמיד פאַר אונדזערע קדושים.

מענדל גערשאנאוויטש, ניו־יארק

פשעדבאזשער יידן

זכרונות, חלומות פון אמאל, פון דער פריער און שפעטער יוגנט, עפיזאדן און איבערלעבענישן — אלץ ווילט זיך פארשרייבן און דערביי ארויסברענגען און פאראייביקן די געשטאלטן פון די יידן אין פשעדבאזש; דאס שטעטל, ווו מיר האבן געשטעלט די ערשטע שריט אין לעבן, ווו מיר האבן געשלאגן ווארצלען, געלערנט אין חדר, געוואקסן און געצייטיקט צו ווערן מענטשן, טרייע יידישע זין און טעכטער. ניין, דאס אלץ פארגעסט מען נישט. עס בלייבט איינגעקריצט אין זכרון אויף אייביק. מען בענקט און מען ווייטאגט. מען וויל דאס איבערגעבן די ווייטערדיקע דורות, אז אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער זאלן קענען זייער אפשטאם, זאלן וויסן ווער עס זענען געווען זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס. מיטן פאראייביקן זייער אנדענק ווילן מיר, אז די ווייטערדיקע דורות זאלן לערנען פון אונדזערע זיידעס די הויכע מאראל און שיינע מידות, מיט וועלכע זיי האבן זיך אויסגעצייכנט.

די בילדער פון דער אמאליקער צייט שווימען אן אין מיין מוח און ווידער זע איך זיך אינעם שטעטל, וואס איז פונאנדערגעטיילט דורך דער פיליצע. די זייט, וואס האט געהערט צו פשעדבאזש, האט זיך געהאלטן פאר חשובער פון דער אנדערער זייט, ווידאמע. אין פשעדבאזש האט זיך געפונען די גאנצע שטאטישע אדמיניסטראציע, דער מאגיסטראט מיטן בורמיסטש און דער פאליציי־קאמיסאריאט מיט די פיר פאליציאנטן.

פייוויש פעלדשער — און די אפטייק

ביי דער בריק האט געוווינט פייוויש פעלדשער און ער האט אויך פארטרעטן א דאקטאר. דאס גאנצע שטעטל האט אין אים געזען א רופא און האט זיך ביי אים געהיילט. ווען עמעץ וואלט מיך געפרעגט, צי כ׳קען מיט איין ווארט באצייכענען דעם כאראקטער פון דאזיקן ייד, וואלט איך נישט געדארפט לאנג טראכטן און וואלט גלייך געענטפערט: איידלקייט.

ער איז געווען די פארקערפערונג פון איידלקייט, טאקט און לעבנס־חכמה.

ער האָט דערצו אויסגעצייכנט זיך מיט אָן אַ שיעור סבלנות סיי צו זיינע פּאַציענטן און סיי צו ייִדן, וואָס האָבן זיך סתם געוויסיקט אין זיין הילף.

אַקעגנאיבער, ביי דער בריק, איז געווען די אַפּטייק. דער אַפּטייקער איז געווען אַ פיינער מענטש, אַ פּאָליאַק, מיט אַ שופּליך און שוואַרצע וואָנסעס, מיט ציכטיק־געוואַשענע הענט, ווי אַלץ אין דער אַפּטייק האָט געגלאַנצט פון זויבערקייט. דער ריח פון די מעדיקאַמענטן האָט פאַריסן און מען האָט אים געפילט אין דער גאַנצער גאַס.

קולטור־דורשטיקע יוגנט

לינקס, אויפן קינסקער וועג, איז געווען דער יידישער קולטור־פאַריין, וואָס האָט געהאַט אַ רייכע ביבליאָטעק און יוגנט פלעגט זיך פאַרזאַמלען דאָרט אין די אָוונטן, הערן לעקציעס, רעפעראַטן, אָפּהאַנדלונגען איבער שרייבער און ביכער, איבער פּאָליטישע געשעענישן און פאַרשידנערליי געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. אַרום דעם קולטור־פאַריין האָט זיך קאָנצענטרירט אַ קולטור־דורשטיקע יוגנט, וואָס האָט שוין געפילט אויף זיך די שוועריקייטן פון לעבן און דורך וויסן און לערנען געוואָלט דערגרייכן אַ בעסערע צוקונפט. אַ סך האָבן געחלומט פון אַרויס־רייסן זיך אויף ברייטערע וועגן, וועלכע האָבן געדאַרפט פירן צו אַ שענער לעבן.

אברהם וואלף זיינוולס — א גייענדיקע ענציקלאפעדיע

געווען צווישן די פּשעדבאָזשער יוגנטלעכע טאַלאַנטירטע כוחות, וועלכע וואָלטן ביי גינסטיקע באַדינגונגען אויסגעוואַקסן פאַר געלערנטע אויף פאַרשידענע געביטן. אַזעלכער איז געווען אברהם וואָלף זיינוולס. אין שטעטל האָט מען אים גערופן "די גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע". ער האָט אַ סך געלייענט און ווער עס האָט געוואָלט וויסן פּרטים וועגן אַ בוך, אַ שרייבער, אַ דיכטער, אַ וויסנ־שאַפטלער — האָט זיך געוואָנדן צו אברהם וואָלף זיינוולס און ער האָט אים גלייך איבערגעגעבן אַלץ וואָס ער האָט געוווּסט, און געוווּסט האָט ער אָן אַ שיעור. דערצו איז ער אויך געווען אַ בעל־מסביר און אויפגעקלערט אַזוי, אַז עס איז געבליבן אין זכרון.

די שיל און תשמישי קדושה

אַ סך וועלן מסתמא שרייבן וועגן אונדזער פּרעכטיקער שיל, וואָס מאַלער פון אַנדערע שטעט און פון פאַרשידענע לענדער זענען געקומען זי מאָלן. עס פלעגן אויך קומען טוריסטן באַוווּנדערן די שיינקייט פון דער אַלטער יידישער

סינאַגאָגע, וואָס אין איר זענען געווען קאָנצענטרירט די שעפערישע כוחות פון אַמאָליקע יידישע קינסטלער אין אונדזער שטעטל.

תמיד שטייט זי, די פשעדבאָזשער שיל, פאַר מיינע אויגן מיט איר גאַנצער פּראכט. אין די ימים־טובים, ווען עס האָט אין שול געפלייצט מיט ליכט און זי איז געווען באַצירט און אויסגעפּוצט, די תפילות זענען געווען באַגלייט מיט הערלעך געזאַנג, איז מיין קינדיש האַרץ, מסתמא ווי ביי אַלע מתפללים, געווען געוואָנדן צום באַרג מוריה און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך הער דאָס געזאַנג פון די לוויים אין בית המקדש. אַ דערהויבענע התלהבות האָט אַלעמען באַהערשט און עס האָט זיך געשטאַרקט דער גלויבן און דער בטחון אין אומקער קיין ישראל, צו דער הייליקער שטאָט ירושלים.

כ׳זע פאַר זיך אויך דעם פאָלי׳ש, דאָס צימער, ווו מען האָט געהאַלטן די זילבערנע כתרי־תורה, ״ידן״ און פאַרשידענע אַנדערע תשמישי קדושה, מענטעלעך צו די ספרי תורה, אויסגעהאַפט מיט זילבערנע און גאָלדענע פעדעם; פּרוכתן, וואָס האָבן געהאַט זייער געשיכטע און לעגענדעס. געווען אַ פּרוכת, וואָס מען האָט פאַרבונדן מיטן גרויסן נאַפּאָלעאָן. אַזוי איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור די מעשה פון נאַפּאָלעאָנס אָפּשטעלן זיך אין שטעטל רייטנדיק אויף זיין ווייסן פּערד. בלייבנדיק שטיין פאַר דער שיל, האָט ער באַוווּנדערט איר פּראכט, די שיינע אַרכיטעקטור און די קינסטלערישע שניצערייען. פון גרויס התפעלות האָט ער גענומען דעם טייערן טוך, וואָס איז געווען באַשטימט צו באַצירן זיין פערד מיט די העפטערייען פון גאָלד און זילבער, און ער האָט דאָס טוך געגעבן אַ מתנה דער שיל.

די צדקוֹת פון רבי אפרימל

טראַכט איך פונעם בית המדרש דאַרף איך נאָר אַ פאַרמאַך־טון די אויגן און עס שטייט פאַר מיר אין זיין גאַנצער גרויסקייט רבי אפרימל. אַ קליין יידעלע, אַן אויסגעמאָגערטס, אַ צעקנייטשטס, נאָר ביים דאַווענען און לערנען איז ער געווען איין שטיק פלאַם.

אַ ייד אַ גאון, מיט אַן אָפענעם קאָפּ, געזעסן טאָג און נאַכט על התורה ועל העבודה, האָט געלערנט מיטן עולם, איז געווען ממש ״פה מפיק מרגליות״, אַ מויל, פון וועלכן עס שיטן זיך פּערל און תמיד מיט הייליקער התפעלות פאַר זיין רבין, ר׳ נחמן בראַצלאווער, אין וועמענס כוח די בראַצלאַווער חסידים גלייבן ביזן היינטיקן טאָג.

אָפּגעקומען איז רבי אפרימל מיט אַ כזית ברויט און אַביסל וואַרעם וואַסער, ווי מ׳האָט געזאָגט אין שטעטל: מיט שה״י פה״י. אַ סך מעשיות און מופתים

האָט מען וועגן אים דערציילט. אין מיין זכרון איז געבליבן די מעשה, וואָס זאָגט עדות וועגן זיין מענטשלעכער גרויסקייט.

אַ גאַנצן זומער האָט רבי אפרימל געטראָגן אַ דין צייגן כאַלאַטל, אָבער ווען עס האָט זיך אַמאָל געשטעלט אַ קאַלטער ווינטער מיט שטאַרקע פרעסט, האָט אים זיין ווייב פאַר די לעצטע גראָשנס געקויפט אַ ווינטער־מאַנטל, אָבער אויפ־צומאָרגנס איז ער אַהיימגעקומען פון בית המדרש אָן דעם מאַנטל. אויף זיין ווייבס פאַרוואונדערונג האָט רבי אפרימל געענטפערט מיט זיין כאַראַקטעריסטישער פשטות:

”אין בית המדרש האָב איך היינט געטראָפן אַ ייד, וואָס האָט אינגאַנצן געציטערט פון קעלט. זיין צייגן כאַלאַטל איז געווען בלויז לעכער. נו, דו אויף מיין אָרט וואָלסטו אים נישט אַוועקגעגעבן דעם מאַנטל? ער קען דאָך, חלילה, אויסגיין פון קעלט. ווי קען מען לאָזן אַזוי אַ מענטש אַרויסגיין אין גאַס?”

⁂

נעבן דער געשטאַלט פונעם גרויסן צדיק רבי אפרימל שטייען פאַר מיינע אויגן אויך די פשוטע יידן פון אַ גאַנץ יאָר. אויך זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אהבת ישראל און הויכער מאָראַל. אַזעלכע זענען אויך געווען די פרויען און יינגע מיידלעך, אָפגעהיטענע און צניעותדיקע. אויפן בילד, וואָס איז אונדז געבליבן פון יענע צייטן, איז נאָר איינע, אלישבע צוקער־צחי (צווייטע פון רעכטס) געבליבן לעבן, עד מאה ועשרים, אין ישראל. אסתר גליקסמאַן־גרינבלאַט (צווייטע פון לינקס) איז געשטאָרבן אין ישראל.



שלמה בעריש בעדער

אין שטעטל האָבן אַלע געקענט דעם בעדער שלמה בעריש. ער האָט זיין אַרבעט גענומען זייער ערנסט. מיטוואָך האָט ער שוין אָנגעהויבן זיך גרייטן צום שמייסן אין שוויצבאָד. דאָנערשטיק האָט ער אונטערגעהייצט דעם אויוון און געלאָזט אים ברענען אַ גאַנצע נאַכט ביז אויפצומאָרגנס. די גרויסע שווערע שטיינער זענען געווען צעגליט אויף רויט. די יידן, וואָס זענען אַריין פרייטיק אין באָד האָבן געגאָסן פון די שעפלעך וואַסער אויף די שטיינער און דערפון האָט זיך געשאַפן אַ געדיכטע פּאַרע, אַז איינער דעם אַנדערן האָט נישט געזען, אָבער וואָס גרעסער די היץ, אַלץ גרעסער דאָס פאַרגעניגן און ווען דער בעדער האָט גענומען שמייסן מיט די בעזעמלעך זייערע נאַקעטע קערפּערס איז די הנאה געווען אין לשער, די קולות זענען געגאַנגען עד לב השמים און געפּאָדערט: נאָך, שטאַרקער, לעבעדיקער... אין יידישע אויערן האָט עס געקלונגען ווי געזאַנג.

קאָפּעלע בעל־עגלה

נישט ווייט פון דער מקווה האָט אין זיין אָרעמער הייזקע געוווינט קאָפּעלע בעל־עגלה. ער פלעגט פאָרן מיט זיין פערד און וועגעלע איבער די דערפער, טוישן גלעזלעך, טעלער, טעפּלעך אויף אַלטע שמאַטעס. ער איז געווען אַ קליין־געוווקסיקער און געהאַט אַן אויסגעדרייטן פוס. אין דער האַלב־חרובער שטוב האָט געפּיפן דער דלות, געיאָגט זיך מיטן ווינט, וואָס האָט געבלאָזן דורך די לעכער פונעם צעבראָכענעם דאַך. ווען עס איז געפאַלן אַ רעגן, האָבן אין שטוב אויסגעפעלט כלים אונטערצושטעלן. דאָס וואַסער איז גערונען אויף דער פינצטע־רער ערדענער פּאָדלאָגע און מאַן און ווייב האָבן עס געמוזט שעפּן מיט עמערס און אַרויסגיסן אויפן הויף. זיין פערדל, אַ גרויע שקאַפּע איז געווען אַ שותף צו דער דירה, איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פון שטוב, אָפּגעטיילט מיט אַ ליילעך.

דער יאַריד

דינסטיק איז געווען דער גרויסער יאַריד־טאָג, צו וועלכן מען האָט זיך געגרייט עטלעכע טעג. מאָנטיק אויפדערנאַכט איז דאָס גאַנצע שטעטל געווען וואַך, געסדרט, געחשבונט און צוגעגרייט די סחורות צום מאָרגנדיקן יאַריד.

באַגין, עס האָט קוים אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג האָט מען אָנגעהויבן אויפצושטעלן די בוידן און טישן, אויסשטעלן און פונאַנדערהענגען די סחורות, אַנצוגן, הויזן, היטלען, שטיוול, טרעפּעס, גאַלאַנטעריע, געבעקס.

שוין זינט יאָרן איז געווען איינגעפירט דער דאָזיקער יאַריד צו וועלכן די פויערים כלעגן זיך צונויפפאָרן פון דער גאַנצער סביבה און יעדער פון זיי האָט געבראַנגט עפּעס צום פאַרקויפן און פאַרן אָפּגעלייזטן געלט איינגעקויפט ביי די יידן פאַרשידענע זאַכן, וואָס ער האָט געדאַרפט אין דער פויערישער ווירטשאַפט.

מערסטנס פלעגן די פויערים קומען מיט פערד־און־וואָגן, געבראַנגט זעק תבואה. עס האָט געטראָפן, אַז אַ פויער האָט שוין נישט געהאַט קיין תבואה פון פריערדיקן שניט, האָט ער געבראַנגט אַ פּאָר קערצלעך ווייץ פון קומענדיקן פאַרזיי. עס זענען אויך געווען פויערים, וואָס זענען געגאַנגען צופוס. אַלטע און יונגע, פויערים און פויערטעס האָבן אין געפלאָכטענע קוישן, אין טאָרבעס און אין בלעכענע קאַנען, געטראָגן אייער, בינטלעך ציבעלעס. אויף די פירן האָבן זיי געפירט זעק קאַרטאָפל, הינדלעך און כלעריי פרוכטן. פון באַגין אָן האָט מען זיי געזען פאָרן און גיין צופוס. מען האָט נישט געזען קיין איין פויער און קיין איין פויערטע, וואָס זאָל גיין מיט ליידיקע הענט אָדער פאָרן מיט אַ ליידיקע פור. יעדער האָט עפּעס געפירט, יעדער האָט עפּעס געטראָגן צום פאַרקויפן.

די טאַרגאָוויסקע, ווו דער יאַריד איז פאָרגעקומען, איז געווען אַ גרויסער פּלאַץ און דאָרט איז אויך פאָרגעקומען דער האַנדל מיט פערד, בהמות און חזירים. דער טומל איז דאָרט געגאַנגען עד לב השמים. פערד האָבן געהירזשעט, בהמות האָבן געמעקעט, אָקסן האָבן געריעוועט און די קעלבער, וואָס זענען געלעגן געבונדענע אויף די פירן מיט היי, האָבן געמרוקעט און געקוויטשעט. דער האַנדל איז דאָ אָנגעגאַנגען מיטן גאַנצן ברען.

געווען יידן אין שטעטל, וואָס האָבן געקויפט פאַר זיך, אָבער ס׳רוב האָט געקויפט אויף האַנדל, אויף צו פאַרקויפן.

עס האָבן אויפן דינסטיקדיקן יאַריד אַרויסגעקוקט די שניט־קרעמער, וואָס פלעגן אין דעם טאָג אָפּלייזן עטלעכע מעטער שטאָף. אויך די שפּייז־קרעמער, וואָס האָבן פון אַ גאַנצע וואָך לייזן ביי די יידן אין שטעטל, נישט געקענט ציען קיין חיונה, האָבן אַרויסגעקוקט אויפן יאַריד־טאָג, געהאָפט אָפּצולייזן אַביסל געלט פאַרן צוקער, נאַפט און אַנדערע אַרטיקלען. עס האָבן געוואַרט אויפן יאַריד די שניידערס, די שוסטערס. אויך דער בעקער מיט זיינע פרישע זעמעלעך האָט געוואַרט אויף די פויערים, וואָס האָבן זיך אין יענעם מאַרק־טאָג פאַרגינען צו עסן פריש ווייס געבעקס.

קאָנפליקטן

צום בעסטן האָבן פראָספּערירט די געשעפטן מיט די שאַרפע געטראַנקען, ווארום דער רוב פון די פויערים, וואָס זענען געקומען אויפן יאַריד, צי זיי האָבן

יאָ עפּעס איינגעהאַנדלט אָדער נישט, האָבן שטענדיק געמוזט מאַכן אַ כּוסה. דער דינסטיקדיקער יאַריד איז געווען אַ גוטע געלעגנהייט פאַר די פּויערים צו טרעפן זיך מיט באַקאַנטע, מיט יידן, מיט וועלכע מען האָט גוט געלעבט און געקענט זיך נאָך פון די קינדער־יאָרן; מיט פּויערים, קרובים פון אַן אַנדער דאָרף. איז מען אַוועק אין שענק פייערן די באַגעגעניש און אין אַ סך פאַלן האָט עס זיך געענדיקט מיט אַ געשלעג ביז בלוט.

אַזעלכע געשלעגן זענען געווען אַן אָפטע דערשיינונג אויף די יאַרידן. די סיבות זענען געווען פאַרשידענע. עס פלעגט טרעפן, אַז צוליב אַ ירושה־סכסוך אָדער צוליב אַ גרענעץ אויפן פעלד, וואָס מען האָט געמיינט צו דערליידיקן ביים דורכשמועסן זיך ביי אַ גלעזל בראַנפן, אָבער געענדיקט האָט עס זיך מיט קלעפּ.

יידן אין שטעטל זענען שוין געווען צוגעוווינט צו אַזעלכע געשלעגן און געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אָריענטירט אין וואָס עס האַנדלט זיך. נישט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז אַזאַ געשלעג איז אויסגעבראָכן צוליב אַ שיקסע, איבער וועלכער עס האָבן צווישן זיך קאָנקורירט צוויי יונגע פּויערים און דאָס פייער, וואָס האָט געברענט אין זיי די גאַנצע צייט, איז אויסגעבראָכן ווען זיי האָבן זיך צונויפגעטראָפן אויפן יאַריד אין שטעטל.

ביטערע דאָליע נאָך אַ נישט־צושטאַנדגעקומענעם יאַריד

דאָס זענען אַלץ זייטיקע זאַכן, זייטיקע געשעענישן, אָבער די וויכטיקסטע ראָל פון יאַריד איז געווען אַן עקאָנאָמישע, נישט בלויז פאַר די פּשעדבאָזשער איינוווינער נאָר אויך פאַר די פון די שכנותדיקע שטעטלעך, וואָס פלעגן קומען אויפן יאַריד פאַרקויפן זייערע סחורות. נישט אַלעמאָל איז אַלץ צוגעגאַנגען גלאַטיק. עס פלעגט טרעפן אַז עס האָט גענומען פלייצן אַ שטאַרקער רעגן אָדער גאָר אַ שניי־זאַווערוכע אין די ווינטערס און דאָס האָט אַ תּל געמאַכט פונעם יאַריד. די וועגן זענען געווען פאַרגאָסן אָדער פאַרשיט מיט בערג שניי, די פּויערים האָבן נישט געקענט קומען אין שטעטל און פונעם יאַריד איז גאָרנישט געוואָרן.

דעמאָלט האָט דער נישטצושטאַנדגעקומענער יאַריד זיך שווער געלייגט אויף די אָרעמע יידישע קרעמער און בעלי־מלאכות. אין אַזעלכע טעג האָט מען געקענט זען די גאַנצע ביטערע דאָליע פון די יידן אין די שטעטלעך. יידן פלעגן זיך אָנבאָרגן הלוואות איינער ביים אַנדערן, אָדער אין דער גמילות חסדים־קאַסע. עס איז געקומען דער טערמין צו באַצאָלן און עס איז נישט געווען פון וואָס. עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אָנגעבאָרגט בלויז אויף עטלעכע טעג, איינצוקויפן אַביסל סחורה און נאָכן אָפּלייזן גלייך באַצאָלן. נישט געווען

קיין יאַריד, איז נישט געווען קיין לייזעכץ און מען איז אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, נישט געקענט קוקן אין די אויגן די בעלי חובות.

עס דערמאָנט זיך מיר, ווי מען פלעגט אויסשטעלן די געשטעלן אינמיטן מאַרק, ווער מיט פאַרטיקע מלבושים, ווער מיט שיך, היטלען, מלבושים פאַר פרויען און קינדער. די ענגשאַפט איז געווען זייער גרויס. עס איז אָנגעגאַנגען אַ ביטערע קאָנקורענץ צווישן קרעמער און בעל־מלאכה, וועלכע האָבן זיך אויס־געקוקט די אויגן אויפן פדיון און אויף די פאַרדינסטן, וואָס וועלן קומען פון יאַריד. גאָר באַזונדערס גרויס איז געווען דאָס שטופעניש און דער טומל פאַר די קריסטלעכע חגאים. דעמאָלט האָט מען געדאַרפט זיין פאָרזיכטיק און האָבן די אויגן פון פאָרנט און פון הינטן, אַז מען זאָל נישט באַגנבענען. מען האָט געמוזט אַכטונג געבן אויף די פויערים און פויערטעס, צווישן וועלכע עס זענען געווען אַזעלכע פלינקע, וואָס האָבן געגנבעט אונטער די הענט.

דאָס זענען געווען די יידישע פרנסות אין אונדזער שטעטל. עס זענען אויך געווען סטאַבילע געוועלבער, שניט־און שפּייז־געשעפטן, געווען קרעמלעך, ווו מען האָט געקויפט פאַר צוויי גראָשן פעפער און זאַלץ, אָדער אַ הערינג פאַר צען גראָשן. אויך שניידער, היטלמאַכערס און שוסטערס זענען געווען; אַזעלכע, וואָס האָבן נישט מער ווי איבערגעניצעוועט אַן אַלט מלבוש, אָדער פאַרלאַטעט אַלטע אָפּגעטראָגענע שיך.

קאָנקורענץ און באָיקאָט

אין די לעצטע יאָרן, ווען עס האָט זיך פאַרשאַרפט דער קאַמף קעגן יידישן האַנדל, ווי אַ צוגאָב צו די גרויסע שטייערן און עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ באָיקאָט אויף יידישע געשעפטן. די גויים האָבן אַוועקגעשטעלט פּיקעטן, אויפגעקלערט די פויערים, זיי זאָלן נישט קויפן ביי יידן. דאָך זענען געווען פויערים און אַרבעטער, וועלכע זענען גערנער געגאַנגען קויפן אין די יידישע געשעפטן. דער ניי־אויפגעקומענער קריסטלעכער סוחר האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין באַזונדערע העפלעכקייט. דער קונה האָט אין קריסטלעכן געשעפט נישט געפילט זיך אַזוי היימיש ווי אין יידישן. ער האָט זיך נישט געטאָרט צורירן מיט די הענט צו קיין שום אַרטיקל, האָט געמוזט אַראָפּנעמען דאָס היטל און, דער עיקר, די פּרייזן אין די קריסטלעכע געשעפטן זענען געווען העכערע ווי אין די יידישע. דערצו האָט ער זיך נישט געטאָרט דינגען.

אין די יידישע געשעפטן און קראָמען האָבן די קריסטלעכע קונים זיך געפילט פריי, געקענט קלויבן און באַטאַפּן די סחורות וויפל זיין האַרץ גלוסט. דינגען זיך און אַראָפּדינגען פון די פּרייזן, געניסן פון קרעדיט, באָרגן אויפן חדשים ראַטעס.

די יידישע סוחרים און קרעמער זענען געווען היימיש, צוגעלאָזן, נישט געבלאָזן פון זיך, געלאָזט זיך פאַראינטערעסירן מיט די פריוואַטע דאגות פון זייערע קריסטלעכע־קונים.

די יידן אין פשעדבאָזש האָבן גוט געקענט די פראָבלעמען פון זייערע קריסט־לעכע שכנים, פון די פויערים אין די דערפער. זייערע געוווינהייטן און שטייגער פון איינקויפן און האַנדלען. דערצו זענען דאָך די יידישע קרעמער געווען אויך די אָפנעמער פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פראָדוקטן, וואָס די פויערים פלעגן ברענגען אין שטאָט אַריין צום פאַרקויפן.

די געוועלבער און קרעמלעך זענען געווען איינגעאָרדנט פרימיטיוו. באַזונדערס האָבן די קרעמער און קרעמערינס זיך געמאַטערט אין ווינטער, געליטן פון פראָסט און פון ווינט, געוואַרעמט די געפרוירענע הענט ביי די פייערטעפּ און אויסגעקוקט זיך די אויגן אויף אַ קונה.

אַזוי האָבן אויסגעזען די אָרעמע קראָמען. עס זענען אָבער אויך געווען עטלעכע פאַרמעגלעכע סוחרים מיט בעסער איינגעאָרדנטע געשעפטן, וואָס האָבן געפירט דעם האַנדל אויף אַ גרעסערן פאַרנעם, אָבער זייער צאָל איז געווען אַ קליינע.

פשעדבאָזשער יידן פלעגן אויך פאָרן אויף די יאַרידן, פלעגט אָפט פאַסירן, אַז עס זענען געקומען באַאַמטע פון שטייער־אַמט קאָנטראָלירן צי די אַלע, וואָס האַנדלען אויפן מאַרק האָבן ״פאַטענטן״, וועלכע דערלויבן זיי צו האַנדלען. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט צאָלן שטייערן. עס זענען געווען אָרעמע ווייבער, וואָס האָבן אַליין אויפגענייט אַביסל קינדער־קליידלעך אָדער ספודניצעס פאַר פויערטעס, ווי אויך אַנדערע אָרעמע קרעמער און זיי האָבן זיך נישט געקענט פאַרגינען אויסצוקויפן פאַטענטן און צאָלן שטייערן.

אויב דער סעקוועסטראַטאָר האָט געכאַפט אַזעלכע קרעמער אָן אַ דערלויבעניש צו האַנדלען, האָט ער ביי זיי צוגענומען די סחורה און דערצו האָבן זיי נאָך געדאַרפט באַצאָלן שטראָף. דאָס באַווייזן זיך פונעם סעקוועסטראַטאָר אויפן יאַריד האָט געווירקט ווי אַ געשפענסט. אויב מען האָט אים באַמערקט צו דער צייט, האָבן זיי באַהאַלטן זייערע סחורות, אָבער נישט אַלע און נישט תמיד האָבן זיי באַוויזן דאָס צו טון. דעמאָלט איז געווען פאַר זיי אַ ביטערער טאָג, וואָס האָט זיך לאַנג געלאָזט פילן אויף זייער מאַטעריעלן מצב.

לצים

געווען אין שטעטל פאַרשידנערליי לצים, ווי למשל ישראל ״קראַטש״, וועלכער האָט ליב געהאַט צו מאַכן ליצנות, אָפטון פאַרשידענע שטיקלעך. אין אַ יאַריד־

טאָג האָבן זיי באַזונדערס אויפגעלעבט, האָבן זיך געלאָזט ווילגיין מיט זייערע שפּאַסן, וועגן וועלכע מען פלעגט לאַנג רעדן אין שטעטל, דערציילן וועגן זיי און לאַכן מיט גרויס הנאה.

ישראל "קראַטש", אַן אָרעמער ייד, אָבער שטענדיק פריילעך און לוסטיק, געהאַט גרייט אַ גלייכווערטל אויף יעדער געשעעניש. אַמאָל האָט פּאַסירט, אַז ער איז געפאָרן אויף דער באַן פון גאַרשקאָוויץ קיין לאָדזש און אין דער זעלבער קופּע איז געזעסן אַ רייך פּאָרפאָלק, וואָס האָט געפירט מיט זיך אַ סך נאַשוואַרג. ישראלן האָט געחלשט דאָס האַרץ און אין אַ געוויסן מאָמענט האָט עס אויסגעזען, אַז ער איז ווירקלעך געפאַלן אין חלשות. מען האָט אים גענומען ראַטעווען און דאָס רייכע פּאָרפאָלק האָט זיך אויף אים דערבאַרעמט און אים מכבד געווען מיט נאַשוואַרג און אַנדערע געשמאַקע זאַכן, וואָס ישראל האָט אַראָפּגעשלונגען מיט גרויס שנעלקייט. אין שטעטל האָט מען געוווּסט, אַז דאָס איז איינס פון ישראלס לצנותדיקע שטיקלעך.

מאָטל גולם, אַזוי האָט מען אים גערופן אין שטעטל און קיינער האָט זיך נישט פאַרטראַכט איבער זיין אמתן ביינאָמען. ער איז געווען אַ ייד מיט אַ לאַנגער טונקל־ברוינער באָרד, האָט געטראָגן וואַסער און געכאַפּט פיש אין דער פּיליצע. עס פלעגט טרעפן אַז זיין ווענטקע האָט זיך אין עפּעס פאַרטשעפּעט, האָט ער דעמאָלט קיין סך נישט געטראַכט, פאַרשאַרצט די פּאָלעס און אַריין אין וואַסער, אָבער דאָס וואַסער איז וואָס אַמאָל געוואָרן טיפער, איז ווייט אַריבער די פּאָלעס, שוין דערגאַנגען ביז צום האַלדז, אָבער מאָטל איז ווייטער געגאַנגען, נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס וואַסער איז געווען קאַלט ווי אייז. ער איז געגאַנגען אין איין פּחד, אַז דער פאָדעם פון זיין ווענטקע זאָל זיך נישט איבעררייסן. לצים, וועלכע האָבן דאָס צוגעזען, האָבן אים צוגעזאָגט, פינף גראָשן, אַז ער זאָל שטייענדיק אין וואַסער זאָגן פון אויסנווייניק אַ קאַפּיטל תהילים. ווען ער האָט ענדלעך געענדיקט דאָס קאַפּיטל תהילים איז ער שוין געווען בלוי ווי אַ מילץ.

דער שוואַרצער אהרן

צווישן די מאָדנע טיפּן אין שטעטל איז געווען אַזאַ ייד ווי דער שוואַרצער אהרון. זיין שוואַרץ בערדל איז אין מיין צייט שוין געווען דורכגעפלאָכטן מיט גרויע האָר. דאָס היטל האָט ער געטראָגן מיטן דאַשעק אָן אַ זייט און פלעגט אָפּט דערציילן וועגן בערדיטשעוו, פון וואַנען ער איז געקומען און האָט זיך מסתמא געפילט שטאַרק צוגעבונדן צו בערדיטשעוו, ווייל נישט איינמאָל האָט ער וועגן דעם גערעדט אפילו מיט זיך אַליין.

ווען עס איז געקומען פאַר פּסח און יידן אין שטעטל האָבן גענומען צוגרייטן

דעם ווייַן כשר לפסח, יעדער האָט איינגעלייגט ראָזשינקעס אין פלעשער, אין פּעסלעך, איז דער שוואַרצער אהרן אַרומגעגאַנגען און געטענהט, אַז מ׳זאָרגט נישט אין שטעטל פאַר די אָרעמע יידן, ער האָט דערפאַר געצעהט, אַז אנשטאָט וואָס יעדער באַזונדער לייגט איין ראָזשינקעס אין פלעשער און אין פעסלעך, דאַרפן אַלע יידן זיך צונויפנעמען און אַריינשיטן פולע זעק מיט ראָזשינקעס אין דער פּיליצע, וועט זיין ווייַן פאַר אַלע יידן אין שטעטל...

סליחות

אַזוי ווי מיר שרייבן זכרונות מישן זיך די זאַכן, געשטאַלטן און טיפן אויס צוזאַמען און מען פאַרלויפט אָפטמאָל, דאָס וואָס איז געווען שפּעטער פאַר די זאַכן, וואָס זענען פאַרגעקומען פריער. ווען מיר רעדן וועגן טיפּן אין שטעטל מוז מען דערמאָנען דעם געלן שמש, אַ ייד מיט אַ רויטער באָרד, וואָס פלעגט פרייטיק פאַר ליכט־צינדן גיין איבערן שטעטל מיט אַ הילצערנעם האַמער, קלאַפּן אין די טירן און לאָדנס און רופן: ״שבת, דער הייליקער שבת קומט, מען דאַרף צינדן ליכט!״

באַזונדערס הייס איז געוואָרן זיין רופן פאַר די ימים נוראים, ווען עס זענען אָנגעקומען די סליחות־טעג, פיר אַזייגער פאַרטאָגס האָט ער שוין געקלאַפּט מיטן האַמער אין די טירן און לאָדנס:

״שטייט אויף יידן צו עבודת הבורא״.

שבת־צו־נאַכטס פאַר ראש השנה האָט מען געזאָגט די ערשטע סליחות. נאָך צוועלף ביינאַכט איז דאָס בית־המדרש און די חסידים־שטיבלעך אָנגעפילט געוואָרן מיט מתפללים. אויף די מענטשן איז אָנגעפאַלן אַ פּחד. מען האָט זיך דערציילט וועגן געהויבענע גרויסע יידן, וואָס האָבן געקענט אַ סך פּועלן ביים רבונו של עולם מיט זייערע תפילות, מיט זייערע טענות פאַרן באַשעפער. יעדער שמועס האָט זיך געענדיקט מיט אַ זיפץ: ״אַזאַ פּחד... אלול, מיט וואָס קומט מען פאַרן רבונו של עולם?..״

אין די אלול־טעג זענען יידישע פּלייצעס געוואָרן איינגעבויגענער, האָבן געדאַווענט האַרציק, ביטער און אומרואיק. אמאָל איז אַ מגיד געקומען, אַן אַלטער, מיט אַ שוואַכן גוף, מיט אַ הויכן שטערן. האַרט ביי מנחה איז ער אָנגעקומען אויף אַ טרייסלדיקער אָרעמער פור און שוין נאָכן דאַווענען אין בית המדרש האָט ער גענומען זאָגן אַ דרשה, דערציילט אַ משל, אַז די וועלט איז געגליכן צו אַ ים, דעם מענטשנס לעבן צו אַ שיף אויפן ים, און דער מענטש צו אַ קאַפּיטאַן אויף דער שיף. איז דער קאַפּיטאַן ערלעך, פירט ער די שיף גוט און האָט נישט קיין מורא פאַר די צעבושעוועטע כוואַליעס פון ים. זיין קול איז געוואָרן

וואָס אַמאָל העכער: "אלול איז געקומען. ראש השנה און יום־כיפור קומען אָן!" ביי יידן האָט געציטערט יעדער אבר.

דער מגיד האָט געטענהט, אַז די וועלט איז אָוועק ווייט פון גאָט, מענטשן זענען פאַרזונקען אין בלאָטע און אַז ס'קומט אלול דאַרף מען מעורר זיין, תשובה־טון.

די טעג פון חודש אלול זענען אין שטעטל געווען טעג פון ערנסטן חשבון מיט זיך אַליין און מיט דער וועלט. יידן האָבן זיך געגרייט צו די ימים נוראים און די גאַנצע וואָך פאַר ראָש השנה האָט מען יעדן טאָג זיך אויפגעהויבן פיר אַזייגער פאַרטאָגס און מען איז געגאַנגען צו סליחות. דער געלער שמש האָט שוין געזאָרגט, אַז קיינער זאָל נישט פאַרשלאָפן. ער האָט נישט נאָכגעלאָזט קיין איין שטוב. געקלאַפּט מיטן האַמער אין די לאָדנס און מיט זיין זינגענדיקן ניגון גערופן:

"יידן, הייבט זיך אויף צו סליחות, ס ל י ח ו ת!"

אין שטובן האָבן זיך די קינדער אויפגעכאַפּט צוזאַמען מיט די דערוואַקסענע און יעדער האָט ביי זיך אין האַרצן געטראַכט, אַז עס קומען אָן די ימים נוראים, די פאַרכטיקע טעג און מ'דאַרף תשובה־טון. יידישע קינדער האָבן תמיד געהאַלטן מלחמה מיטן שלאָף און דאָס האָט זיך געצויגן אויך אין די עלטערע יאָרן. יעדער פרומער ייד האָט שטאַרק מורא געהאַט, ער זאָל חס־ושלום נישט "פאַרשלאָפן "זיינע יאָרן. דאָס לעבן איז געווען שווער, זאָרגן אָן אַ שיעור, האָט מען זיך קוים אַרומגעזען ווי די צייט איז אַוועק און יידישקייט האָט דווקא געפאָדערט אַ וועלט מיט צייט: דריי מאָל אַ טאָג דאַוונען, אַ קאַפּיטל תהילים, אַ פּרק משניות, וואַשן זיך פאַרן עסן, בענטשן, אָפּהיטן שבת און יום־טוב. היינט ווו זענען די מצוות פון בין אדם לחברו? געבן צדקה, מבקר חולה זיין אַ קראַנקן, וואָס ליגט אין בעט א.א.וו. ווו נעמט מען אויף דעם אַלעם צייט? איז געבליבן איין איינציקער אויסוועג — באַגנבענען די נאַכט, אַראָפּ־רייסן אַביסל צייט פון שלאָף.

אַזוי האָבן זיך געפירט אַ סך יידן אַלע טעג פון יאָר, אָבער גאָר באַזונדערס איז עס געווען אין חודש אלול, דער חודש פון התעוררות, פון וועקן אויפוועקן דעם ייד פון זיין גייסטיקן שלאָף. מען מוז זיך דאָך גרייטן צום יום הדין.

מיט געשריי און געוויין האָבן די תפילות זיך געטראָגן פון בית המדרש: "די נשמה איז דיין און דער גוף איז דיין, האָב רחמנות אויף דיין ווערק..." אין די מוחות פון עלטערע יידן האָבן געקעכערט אומעטיקע געדאַנקען: דאָרטן, אויף יענער וועלט, איז פאַראַן אַ גן־עדן און מען דאַרף בעטן זוכה צו זיין צו קומען אַהין אין ליכטיקן גן עדן. דערפאַר דאַרף מען אין די טעג פון חשבון

הנפש צוגיין צו זיך אַליין מיט מידת הדין, באַמיען זיך אויסצובעסערן און מתקן צו זיין וואָס מען קאָן נאָר און אויף וויפל מען קאָן נאָר.

אין די דאָזיקע טעג האָבן די יידן אין פשעדבאָזש מיט אַלע כוחות געזוכט מתקן צו זיין די אייגענע מעשים. דאָס איז דאָך דער זין פון תשובה. דאָס איז דאָך דער זין פון תפילות און סליחות און פון אַלע צוגרייטונגען צום יום הדין.

א מעשה מיט אן אויפגעגראָבענעם קבר

פאַרשידענע מעשיות האָט מען זיך דערציילט אין שטעטל, וווּנדערלעכע מעשיות, וועלכע האָבן אָבער גאַנץ אָפט אַנגעוואָרפן אַ פחד. אַזאַ איז געווען די מעשה מיט חיים צאלקעס עלטסטן זון, וועלכער האָט נאָך זיין פאָטערס טויט געפירט צוזאַמען מיט זיין מוטער די בעקעריי. ער איז פלוצים געשטאָרבן און מען האָט אים אין דעם זעלבן טאָג קובר געווען. נאָך האַלבער נאַכט איז ער געקומען זיין מוטער צו חלום און איר געזאָגט, אַז מען האָט אים באַגראָבן לעבעדיקערהייט.

די מוטער האָט געוויינט און געקלאָגט, אָבער נישט געוווּסט וואָס צו טון. אויף דער צווייטער נאַכט איז ער ווידער געקומען צום חלום און דערציילט, אַז ער האָט געוואָלט אַרויס פון קבר, אָבער נישט געקאָנט. האָט ער זיך אָפגעביסן אַ פינגער פון זיין רעכטער האַנט און זיך אויסגעריסן די האָר פון קאָפּ.

אויף צומאָרגנס איז די מוטער אַוועק צום רב און אים דערציילט איר חלום. דער רב האָט זיך שטאַרק איבערגענומען און איז צוזאַמען מיט אַ גאַנצער עדה יידן אַוועק אויפן בית הקברות. ווו זיי האָבן געזען, אַז די ערד אויפן קבר איז געווען שטאַרק צעשאָקלט. חברה קדישא האָט געעפנט דעם קבר און אַלע האָבן דערזען ווי דעם ברמיננס הענט זענען געווען פול מיט די האָר, וואָס ער האָט אויסגעריסן פון זיין קאָפּ און אין דער זייט איז געלעגן זיין פינגער.

אַביסל ווייטער פונעם מאַרק איז געשטאַנען די גרויסע קירך. יידן האָבן געוווּסט, אַז ווען עס האָבן זיך דערנענטערט די חגאות, האָט דער גלח אָנגעהויבן העצן די פּאָליאַקן קעגן יידן. מען האָט זיך דאַן געהיטן אין די נעכט נישט צו ווייזן אין גאַס, ווארום ווען די גויים זענען אַרויס פון קאָשטשאָל האָבן זיי זיך געלאָזט ווּילגיין, געוואָרפן שטיינער אין יידישע פענצטער, באַפאַלן אַ צופעליקן יידישן פאַרבייגייער און אים צעשלאָגן.

דער מוהל

געווען אין שטעטל עטלעכע קליינע פאַבריקלעך, ווי הענעך ווײַמאַנס מעסער־פאַבריק, די אליעארניע, עטלעכע טישלער־וואַרשטאַטן. קיין גרויסע פאַבריקן זענען

אין שטעטל נישט געווען, דאָס לעבן איז געפלאָסן שטיל און לאַנגזאַם. יידן האָבן זיך אַליין גערופן "פשעדבאָזשער קריכערס", אָבער געווען צווישן זיי שיינע און לויטערע געשטאַלטן, וועלכע מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

ר' יוסף, אַ הויכער מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד, אַ תלמיד חכם איז געווען דער מוהל אין שטעטל. מען האָט אים גערופן יוסף פון דער בריק, ווייל ער האָט געהאַלטן אין אַרענדע די בריק און גענומען אָפּצאָל פון יעדן פערד־און־וואָגן, צוואַנציק גראָשן פאַר דורכפאָרן פון איין זייט בריק אויף דער צווייטער, פון פשעדבאָזש קיין ווידאמע און צוריק. ער האָט מיט זיין פאַמיליע געוווינט אין אַ קליין הילצערן הייזל, אין וועלכן ער האָט אויך געהאַט אַ קליין אייזן־געוועלבל, עטוואָס ווייטער פון דער בריק, אויף לינקס, איז געווען דאָס געריכט.

ווידאמע האָט אויך געהאַט אַן אייגענע שיל, אַ בית המדרש, אין ווידאמע האָט זיך אויך געפונען דער בית הקברות.

עס האָבן דאָרט געוווינט סוחרים און בעלי־מלאכות, בעלי־עגלות און טרעגער, פשוטע יידן און לומדים.

ביי דער רעכטער זייט פונעם ראַנד, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן ציען דער באַרג, זענען געשטאַנען עטלעכע גרויסע הייזער, וואָס האָבן אויסגעזען צו זיין האַלב איינגעזונקען אין דער ערד. די קוימענס מיט שטיקער ווענט האָבן אַרויסגעשטאַרט און אָנגעוואָרפן אַן אימה. מען האָט זיי גערופן די פאַרשאָלטענע הייזער און עס זענען וועגן זיי אַרומגעגאַנגען אַ סך לעגענדעס. מען האָט זיך דערציילט, אַז עס איז דאָרט אַמאָל פאָרגעקומען אַן אויסגעלאָסענע פאַרווילונג, מענער און פרויען האָבן געטאַנצט נאַקעטע און די מוזיק האָט געשפּילט און עס האָבן זיך געהערט ווילדע קולות ביז שפּעט אין דער נאַכט. זענען דאַן די יידן געלאָפן און אויפגעוועקט דעם רבין, געזאָגט, אַז שדים און נישטגוטע האָבן זיך דאָרט אַריינגעכאַפּט און רייצן צו זינד. דער רבי האָט דאַן אַרויסגעלאָזט אַ קללה און די הייזער מיט די מענטשן זענען גלייך איינגעזונקען געוואָרן.

עס איז גרויס דער ווייטיק צו טראַכטן, אַז עס איז נישטאָ מער אונדזער שטעטל, אַז די אַלע טייערע יידן זענען מיט דער גרויזאַמסטער אכזריות צעטראָטן געוואָרן, געפייניקט און דערמאָרדעט דורך די דייטשע רוצחים און נישטאָ קיין זכר, קיין מצבה און מיר ווייסן אפילו נישט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

צווישן די אומגעקומענע איז אויך געווען מיין פאָטער דוד־יעקב און מיין מוטער חוה־פעסל, מיין שוועסטער העדל־לאה, וועלכע זענען אומגעקומען אין אוישוויץ. זאָלן דערפאַר די דאָזיקע ווערטער זיין אַ מצבה, אַן אָנדענק נאָך זייערע פאַרשניטענע לעבנס.

ישעיה בוקאָווסקי



ישעיה בוקאָווסקי איז געקומען פון פשעדבאָזש קיין אַמעריקע אין יאָר 1920 און איז באַלד געוואָרן אַקטיוו אין דער פשעדבאָזשער סאָסייטי. אין יאָר 1932 איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פרעזידענט פון דער סאָסייטי, איז געווען צווישן די גרינדער פונעם רעליעף־קאָמיטעט פאַר שיקן פינאַנסיעלע הילף צו די יידן אין פשעדבאָזש.

מיט מסירות נפשדיקער איבערגעגעבנקייט האָט ער זיך געווידמעט דער הילף פאַר די אָפּגעראַטעוועטע פשעדבאָזשער יידן פונעם מוראדיקן אומקום אין דער נאַצי־תקופה.

ער איז געבליבן טריי דער דאָזיקער אויפגאַבע זיין גאַנץ לעבן, ביז צו זיין פטירה אין יאָר 1952.

ער איז געווען איינער פון די שיינע געשטאַלטן פשעדבאָזשער יידן, וועלכע האָבן אויך אין אַמעריקע נישט פאַרגעסן אין זייער שטעטל און האָבן זיך געפילט פאַרבונדן נישט נאָר מיט די זכרונות פון אַמאָל, נאָר אויך מיט די מענטשן און אַלע האָבן אין אים געפילט אַן איבערגעגעבענעם פריינד, גרייט צו העלפן און דערמוטיקן אויך אַנדערע איינצושפּאַנען זיך אין דער הילפס־אַרבעט פאַר פשעדבאָזשער יידן, פאַרן כלל און פאַר יעדן יחיד באַזונדער, און אַלץ, וואָס ער האָט געטון האָט מען געפילט זיין וואַרעם יידיש האַרץ.

כבוד זיין אָנדענק.



Słow. Dobroczynne «GMILUS-CHESED» w Przedborzu
Przy Zw. Drobnych Kupców.
אנפראצענטיגע הלואה קאסע „גמילות-חסד" אין פרזעדבארז
ביי די קליינהענדלער פאראיין.
Przedbórz, dn. ______ 193_ r.

יחזקאל אפעל, ניו־יאָרק

פון פשעדבאָזש ביז ירושלים

שפּאַצירנדיק איבער די גאַסן פון ירושלים, צום הר־הרצל, צו די קעלערן פון אומקום, האָט זיך אויפגעוויקלט פאַר מיר די איכה־מגילה פון אונדזער שטעטל, ווו איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן און ווידער האָב איך דערפילט ווי גרויס עס איז דער כוח פון די קינדער־יאָרן אין שטעטל און ווי שטאַרק עס זענען די פעדעם, וואָס פאַרבינדן אונדז די שארית הפליטה פון דער יידישער קהילה אין פשעדבאָזש. איינצלנע זענען מיר פאַרבליבן, עדות פון אַ גרויזאַמער טראַגעדיע. כ'קוק אויפן שטיין, די מצבה נאָך די קדושים און זיי לעבן ווידער אויף פאַר מיינע אויגן. כ'זע זיך זיצן אין פשעדבאָזשער בית המדרש און אין מיינע אויערן קלינגען די צעצויגענע גמרא־ניגונים. אין זכרון איז מיר פאַרבליבן איינגעקריצט דאָס חדר, ווו מיר האָבן געלערנט און דער רבי האָט אונדז דערציילט וועגן חורבן בית המקדש, וועגן יידיש מלכות, וועגן גרויסע יידישע גבורים.

אַזויפיל צענדליקער יאָרן זענען אַוועק זינט יענער צייט און אָט זיץ איך איצט דאָ אויף אַ שטיין נישט ווייט פון מיליטערישן בית־עלמין אין ירושלים, ווו עס ליגן יונגע יידישע גבורים פון די לעצטע מלחמות און פאַר מיינע אויגן שוועבן בילדער פון חדר, ווינטער־נעכט, באַלויכטענע מיט דער ציטערנדיקער שיין פון די לאָמטערנדלעך, וואָס מיר האָבן צונויפגעשטעלט פון פּאַפּיר. אַ טרויעריק בילד שטעלט זיך מיר פאַר די אויגן. כ'זע זיך אַ קליין יינגל שטיין אויף אַ באַנק און זאָגן קדיש נאָך מיין פרי־פאַרשטאָרבענער מאַמע.

אָט לייען איך די נעמען אויף די מצבות פון מיליטערישן בית־עלמין אין ירושלים. זיי רופן אַרויס אין מיין זכרון נעמען פון שטעטל, וועלכע גייען מיר נאָך איבער די פאַרשידענע וועגן פון מיין לעבן. אָט איז אברהם ריקלס זון, משה פּוקס, חיים, יצחק, יעקב און נאָך אַ סך צענדליקער אַנדערע נעמען. אין די אויערן קלינגען זייערע באַהאַרצטע שטימען און זיי מישן זיך אויס מיטן יאָמערן פון

יתומים, פון מאַמעס. זיי דערנענטערן זיך צו מיר, ווײנען אַרײַן בײַ מיר דאָ צווישן די שורות, ווילן, אַז איך זאָל זיי נישט פֿאַרגעסן, אַז איך זאָל זיי דערמאָנען.

מײַנע שפּאַצירן איבער ירושלים באַפֿליגלען מײַן פֿאַנטאַזיע און עס קומען מיר אויפֿן געדאַנק מענטשן און פּאַסירונגען פֿון מײַנע קינדער־יאָרן, וואָס איך בין שוין אַזוי ווײַט פֿון זיי און דאָך דאַכט זיך מיר, אַז דאָס איז ערשט נעכטן געשען. איך הער ווי משהל חזן מאַכט קידוש און כ׳פֿיל דעם טעם פֿון משה יאָסלס ווײַן בײַם שבתדיקן טיש. כ׳זע די לויטערע פּנימער פֿון מײַן שוועסטער רחל און איר מאַן יאָסל, ווי ער פֿאַרהערט זײַער זון יאַנקעלע די פּרשה פֿון דער וואָך, חומש מיט רש״י. אין אַלעמענס אויגן לײַכט די פֿרייד. טאַטע־מאַמע זענען שטאָלץ מיטן זונס גוטן קעפּעלע. דער פֿאָטער דריקט צום האַרצן זײַן זיבן־יאָריקן זון און זאָגט: ״דו וועסט אויסוואַקסן אַ גאון... וואָס פֿאַר אַ מתּנה זאָל איך דיר קויפֿן?״ יאַנקעלעס ענטפֿער איז געווען, אַז ער וויל פֿאָרן קיין לובלין לערנען אין אַ ישיבה.

עס שווימען פֿאַרבײַ ווײטערדיקע בילדער, אָפּגעריסענע, צעשויבערטע איבער־בלײַבענישן פֿון אַ לעבן, וואָס איז אונטערגעגאַנגען, פֿאַרברענט, באַגראָבן אין מאַסן־קברים. עס טויכט אויף פֿאַר מיר די געשטאַלט פֿונעם פּשעדבאָזשער קברן, וועלכן מען האָט גערופֿן מאַנדל טרעגער. אין מאַרק איז ער געזעסן אָפּגעזונדערט פֿון אַלע טרעגער. אפֿשר האָבן זיי אים מקנא געווען פֿאַר זײַנע צוויי פּרנסות: טרעגער און קברן...

אין זכּרון טויכט אויף די געשטאַלט פֿון בלינדן איציק, וואָס האָט פֿרײַטיק פֿאַרנאַכט געקלאַפּט מיט זײַן הילצערנעם האַמער אין די לאָדנס און גערופֿן צו ליכט־צינדן. באַלד האָבן ייִדן גענומען שטראָמען צום דאַווענען. דאָס גאַנצע שטעטל האָט באַקומען אַן אַנדערן אויסזען. עס האָט זיך געענדערט דער אויסזען אויף די ייִדישע פּנימער, די געפֿילן און מחשבֿות. אַ קלייניקייט — דער שבת קומט אָן.

אָט שטיי איך בײַם קבֿר פֿון זאבֿ זשאַבאָטינסקי און מײַנע געדאַנקען לויפֿן צוריק צו יענער צײַט, ווען כ׳בין אַרײַנגעטרעטן אין בית״ר, אַ צעפּלאַמטער פֿון זשאַבאָטינסקיס אידעען. דערנאָך, ווען איך בין אַוועק קיין לאָדזש און געווען אויף זשאַבאָטינסקיס אַרויסטרעטונג אין זאַל פֿון דער פֿילהאַרמאָניע אָנגעטון אין בית״ר־מונדיר בין איך געשטאַנען אויף דער בינע און געהאַלטן אין האַנט די בלוי־ווײַסע פֿאָן. מײַן האַרץ און מוח זענען געווען באַהערשט פֿון דער פֿלאַמיקער וויזיע, וואָס זשאַבאָטינסקי האָט פֿאַר אונדז געמאָלן מיט אַזאַ אָראַטאָרישער קראַפֿט.

דאָס אַלץ מישט זיך אויס מיטן שטילן געוויין וואָס וויינט אין מיר; געוויינען פֿון ייִנג־פֿאַרשניטענע טרוימער, געוויינען פֿון מאַמעס און וויג־קינדער. דאָ, בײַ

די קברים פון געפאַלענע צה״ל־זעלנער הער איך די פאַרדושעטע גסיסה־כאָרכלען פון מיין שטעטלס געשחטענע יידן און איך באַוויין זייר גרויזאַמען אומקום, די שוידערלעכע טויטן פון מיינע ברידער ירחמיאל און שמואל מיט זייערע משפחות, פון מיינע שוועסטערס רחל און אסתר מיט זייערע מענער און קינדער, די זין און טעכטער פון אַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן נישט דערלעבט צו זען די פאַרווירקלעכונג פון זייערע טרוימען.

די טרערן שטיקן מיך אין האַלדז ווי שווערע שטיינער. מיינע ליפן מורמלען:

יתגדל ויתקדש...



ק. שמעוני

איטשע וואַגמאַן

אַ געבוירענער אין פּשעדבאָזש, איז ער נאָך אַלס ייִנגל אַוועק מיט זײַנע עלטערן קיין וואַרשע, ווו ער האָט געלערנט אין חדר, אין תּלמוד־תּורה און שפּעטער, ווען ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן, ווערן זעלבשטענדיק, האָט ער זיך גענומען צו וועלטלעכע לימודים, האָט אָנטיילגענומען אין די אָוונט־קורסן, וועלכע זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן "בונד" אין וואַרשע.

ער איז געווען אַ ברודערן־זון פון יונה אלעניק, אַ קוזין פון געלן איטשע וואַגמאַן.

ביז די שפּעטסטע יאָרן האָט ער זיך געפילט פאַרבונדן מיט זײַן געבורט־שטעטל. די פאַרוואָגלטע יידישע שרײַבער פון פוילן, וועלכע זענען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען נאָענט מיט אים אין פּאַריז, האָבן אָפט געהערט אים רעדן מיט נאָסטאַלגיע וועגן זײַנע קינדער־יאָרן אין פּשעדבאָזש, וועגן די שיינע געשטאַלטן, חסידישע ייִדן און פּשוטע פאָלקס־מענטשן. ווייזט אויס, אַז שוין אין זײַנע צײַטן, אין דעם לעצטן צענדליק יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט (ער איז געבוירן אין יאָר 1890), זענען שוין אין פּשעדבאָזש געווען איינצלנע השׂכּלה־שפּראָצונגען, בײַ וועלכע דאָס טאַלאַנטירטע ייִנגל האָט עפּעס גענאַשט. אין זײַנע שמועסן פלעגט ער זאָגן, אַז זײַנע ערשטע ליטעראַרישע בענקשאַפטן האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך אינעם שטעטל און דווקא אין לשון־קודש. דאָס שטעטל האָט ער געהאַלטן פאַר אַ קוואַל פון לעבעדיקער ייִדישקייט און פון דאָרט האָט עס געשטראָמט אין די שטעט אַריין. דער גרויסער טײַך איז גרויס און ברייט ווייל די קליינע טײַכלעך און די קוואַלן טראָגן צו אים זייערע וואַסערן.

די ליבשאַפט צום שטעטל איז געקומען צום אויסדרוק אויך אין זײַנע ליטער־ראַרישע אַרבעטן, באַזונדערס אין זײַן אַרבעט "דער רעאַליזם בײַ עוזר וואַר־שאַווסקי" וועלכע איז פאַרעפנטלעכט אינעם יזכּור־בוך פון 14 אומגעקומענע ייִדישע שרײַבער, דערשינען אין פּאַריז. אין דער פּאַריזער פּרעסע האָט ער אויך געדרוקט זײַנע עסייען וועגן פּרץ, יהואש, נאָמבערגן, ווייסבערגן, האַראָנטשיקן, קאַגאַנאָווסקין, וואַגלערן א. א.

אין וואַרשע איז איטשע וואַגמאַן געווען גאָר נאָענט מיט א.מ. ווייסנבערג, איז געווען פון זיינע הויפּט־מיטאַרבעטער אינעם ליטעראַרישן זשורנאַל "אונדזער האָפענונג", וווּ ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען איבער דער אייראָפּע־אישער ליטעראַטור (טאָלסטאָי, גאָרקי, דאָסטאָיעווסקי, וויספּיאַנסקי, ריימאָנט, איבסען, מעטערלינק, בראַנדעס א.א. ער האָט זיך אויך באַטייליקט מיט ליטעראַרישע אַרבעטן אין "אין שטראָם", "אַרבעטער־וואָרט" א.א., אָבער צומנאָענטסטן האָט ער זיך געפילט מיט ווייסנבערגן, האָט אין אים געזען אַ געטרייעם שומר פון דער יידישער ליטעראַטור, פילבאַר כאַר די דינסטע און איידלסטע ניואַנסן.

נאָך פריער האָט וואַגמאַן געשריבן רעפּאָרטאַזשן פון וואַרשעווער לעבן. שוין אין יאָר 1907 האָט ער דעביוטירט ליטעראַריש אונטערן פּסעוודאָנים יצחק. אין פאַריז האָט ער אויך געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים ד"ר אברבנאל און "בית". ער איז געווען אַ פעדער־מענטש פון באַרוף. אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער זיך געריסן צו ווערן אַ טייל פון יענע כוחות, וואָס האָבן געשטרעבט צו ברענגען באַנייאונג אין יידישן לעבן. עס איז אפילו טיילמאָל געווען אין אים אַ האַרבער ויתרוצצו צווישן זיין בענקשאַפט נאָך ליטעראַרישער שלימות און זיין שטרעבן צו זיין אַ מיטקעמפער אין סאָציאַלע שלאַכטן. דאָס געפיל פאַר סאָציאַלן יושר און די ליבשאַפט צו ליטעראַטור זענען געווען דער סינטעז פון זיין נשמה אין אַלע זיינע שפּעטערדיקע לעבנס־יאָרן, אויך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז אין פאַריז געקומען צו אַן עקאָנאָמישער פּאָזיציע, געפירט אַ פוטער־געשעפט, אָבער די פעדער נישט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט. די יידישע שרייבער האָבן אין זיין שטוב געפונען אַ וואַרעמע היים. אין זיין הויז האָט אַ צייט געוווינט דער באַקאַנטער שרייבער אפרים קאַגאַנאָווסקי. זיינע אַרבעטן זענען געדרוקט געוואָרן אין פאַרשידענע זשורנאַלן און ליטעראַרישע ביילאַגעס פון דער יידישער טאָג־פּרעסע אין פראַנקרייך. זיין שטוב איז געווען אַ גאַלעריע פון קונסט־בילדער פון גרויסע מאָלער, באַזונדערס יידישע.

עס איז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר וואַגמאַנען, וועלכער האָט זיין יוגנט פאַרברענגט אין וואַרשע און איבער פערציק יאָר געלעבט אין פאַריז און דאָך האָט פּשעדבאָזש פאַרנומען אַזאַ גרויס אָרט אין זיינע שמועסן מיט חברים שרייבער. עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט אין פּשעדבאָזש געזען אַ סינטעז פון אַשס און ווייסנבערגס "שטעטלעך", דאָס אידילישע און דאָס אומרואיקע, די זמירות פון דער ווייסל און די תפילות פון דער פּיליצע, מיט אַלע ווידערקולות פון געסל און בית־המדרש, וועלכע האָבן געקלונגען אין זיינע אויערן ביז זיין שפּעטן עלטער. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1976 אין פאַריז.

אברהם רובין

בית אבי

בהעלותי לנגד עיני את זכרון אבי ואמי עולה לפני עולם נפלא של אמונה ועדינות הנפש, שכל תענוגי עולם הזה היו בעיניהם כאפס נגד עונג של דביקות האדם ליוצרו ולמידות טובות. בצניעותו כי רבה ובהליכותיו הנעימות ידע אבי, ר' אפרים שוחט למצוא מסילות ללב איש־שיחו, אם במשא ומתן של הלכה ואם בכל מגע שהוא, ולהעריכו כערכו.

בית אבי היה פתוח לכל וגילה כשרון למצוא דרכי ביטוי הולמות בכל מקרה והזדמנות שנראו לו כמחייבים זאת. לב אבי היה מלא אהבה לכל אשר בשם ישראל יכונה, וכל סגולות הנפש האלה ירש מאביו. הסבא ר' צמח דוד היה שו"ב בפשיסכא עד שעבר לפשדבוז'. בשנת 1911 עלה לארץ־ישראל. רבים הסיפורים ששמעתי מאבי על אהבת סבי לארץ־ישראל. אהבת התורה בערה בו ולא פסק מלהגות בה והיא הקרינה על כל מעשיו, וברוח זו חינך את בניו.

מכאן גם יחסו של אבי לא"י, לתורה, לעבודתו כשו"ב, שראה בה שליחות קדושה, ולאישי סגולה בכל הדורות. הוא היה חסיד נלהב, מחסידי אלכסנדר, וגם אותי לקח אתו בנסיעתו לרבי והסביר לי את גדולתו, את מהותה של החסידות וההתעוררות הרוחנית שהיא מביאה עמה. בחצר הרבי עזר לי אבי לגלות עולם של רגשות וחוויות.

אני זוכר את היום בו נפרדתי מאבי ואמי בעזבי את פולין הכבושה בידי הנאצים. השתוחחו והסתכלו בקיפאון של צער, הסתכלו בדומיה וקדרות. אבא ביקש לגרש את המרה־שחורה והיה מדובב לעצמו: "אוי להם לבנים שגלו מעל שולחן אביהם", והנה פרץ זרם דמעות רותחות מעיני אמי, והרי היו אלה הימים הראשונים של שברי־חיים, חיים שנחרבו, ילדים שעזבו ואבות אומללים.

אבא ארז לי את התפילין ושם "טלית־קטן" בתרמילי. בבריסק בדקו חיילים רוסיים את מטלטלי והחרימו את התפילין שנחשדו בעיניהם. על הטלית־קטן אני שומר עד היום. דרך גבולות ומכשולים בשנות נדודי ברוסיה הרחוקה, בפולין ובדרכי ארצה, בכל התנאים ובכל המצבים, היתה לי קרן־אור גדולה שהאירה את החשכות והקלה עלי את סבל חיי הקשים.

זאת היתה הפעם האחרונה שראיתי את הורי. על פשדבוז׳ היהודית ירדה אז שעת מחנק ויאוש חשאי. המחנק והערפל היו מבשרי סער, אבל איש לא פילל עדיין כי הסער הממשמש ובא יהיה כה נורא ורצחני. לא על העיירה לבדה ירד אז רפיון־ידים. כל יהודי היה מדוכדך ברוחו.

וגדול הצער עוד יותר לשמע הידיעות על אימי השואה והחורבן שעברו עליהם. בימים הראשונים ברוסיה הצלחתי לשלוח להם חבילות וקיבלתי מכתב מאבי, בו כתב: ״...אתה לא יכול לתאר לך כמה גדולה עזרתך בשבילנו״. עברו שנים ולא קיבלתי שום ידיעה מהם. אחרי שהצבא הסובייטי גירש את הגרמנים מפולין שלחתי מכתב מרוסיה הרחוקה לעיריית פשדבוז׳ לדעת מה קרה עם משפחתי. התשובה הגיעה, אדישה וקרה: ״הוריך פונו יחד עם כל יהודי העיירה לרדומסק ואין אנו יודעים את כתובתם״.

לאחר־מכן כבר ידעתי שהם ידעו היטב על הטבח האכזרי ורבים מהם היו בין עוזרי המרצחים וכך נספו הורי, אחי ואחיותי יחד עם כל העדה היהודית.

ת.נ.צ.ב.ה.



משפחת ר׳ אפרים שוחט

יחזקאל צוקר

בית הורי עלה באש

אהבת האדם, אהבת ישראל ואהבת ארץ־ישראל — היתה מן התכונות שעיצבו את דמותו של אבי ר׳ אהרן־זאב צוקר ז״ל. הוא היה יושב־ראש המזרחי בפשדבוז׳, וער לכל המתהווה בעיירה, פעיל ומפעיל. בפעילותו המפלגתית והחברתית, התנהג באומץ ובלי משוא פנים, היה מזדמן עם כולם, עם אנשי אגודת ישראל וציונים, ובהסברותיו ונימוקיו היה משפיע בהסתמכו על הכתוב: ״נצח ישראל לא ישקר״, דרש הרבה מעצמו ומזולתו.

תמיד אני רואה אותו לפני, דמות אצילה, עיניו מפיקות טוהר, חמלה ורוך, מחשבה בהירה ומחבב את שומעיו על קונם על דרך ״ואהבת לרעך כמוך״.

מזכרונות ילדותי והתבגרותי נחרתו בלבי ההערצה והכבוד שרחשו לו כל מכיריו; תורה ודרך־ארץ באכסניה אחת, ולבניו הנחיל את מידת הדרך־ארץ ואת היחס לזולת ואת האהבה לכל יודעי יגון וסבל.


כשאני מעלה בזכרוני ומעביר לנגד עיני תמונת העיירה וחיי היהודים בה, שזורים וקשורים בקשרי משפחה וידידות זה לזה, נראה לי שהסיסמה כל ישראל חברים מאוד יאתה לה. בבית אבי הרגשתי את זה באופן טבעי. לעתים תכופות שמעתי ממנו את מימרת חז״ל: ״כל ישראל ערבים זה לזה״. זאת אומרת, כי מעשיו של היחיד משפיעים על הכלל ולפעמים על גורל האומה כולה, והיה ברור לנו, כי עם ישראל הוא הלוחם הטבעי לצדק, בלי צדק אין לו קיום. עצם מלחמתו על קיומו היא מלחמה לצדק.

הייתי בין מייסדי ״צעירי מזרחי״ בעיירתנו ואז שוחחתי עם אבי על מצבם של היהודים בגולה ותקוותינו לשוב לארץ אבותינו ועל בלהות המלחמות הנשקפות לנו, ועדיין מהדהדים באוזני דבריו: ״אנו עם שאינו עושה מלחמות, רק שואף ליושר ולצדק, ועליו להיות חזק, כי אין דבר המסייע לרשע כחולשה, ולכן חובתנו להיות חזקים ולהגן על הצדק. וכי מי יעשה את המלאכה הזו אם לא אלה המבדילים בין רשע לצדיק? עלינו לזכור, כי בגולה אנו נהרגים בכל שעה של זעם ובכל פורענות שמביאות עלינו האומות ולכן עלינו להיות עם בארצו״.

זו היתה משאת נפשו, ולכן שש לרעיון הציוני־הדתי כמו לקראת כל מצווה שבאה לידיו. נכונותו להגן על הצדק, יושרו ומעשיו הטובים הקנו לו ידידים בנפש.

שלושה אחים: דוד, דב וכותב השורות נשארו בחיים. עם דוד עברתי יחד את הגיהנום הנאצי, מחנות אוישוויץ וגרליץ, שם מת אחינו יחיאל חודשיים לפני סוף המלחמה. דב, הצעיר מאתנו, עבר אף הוא את כל מוראות המלחמה ועלה ארצה עם עלית הנוער. אחרי המלחמה עברנו כל התלאות עד אשר הגענו ארצה, הקמנו פה משפחות וממשיכים להגשים את חלומו של אבינו ומבכים את מותו בשואה האיומה.

ה׳ ינקום דמם!



פּשעדבאָזש -
אַ שטעטל אויף דער פּיליצע

טיף איינגעקריצט איז געבליבן דאָס שטעטל אין מיין זכרון און אין מיין געמיט. קליין איז געווען דאָס שטעטל פּשעדבאָזש און מען פֿלעגט זיך וויצלען, אַז די קאָזעס קריכן אויף די דעכער און קוקן אויף די מענטשן פֿון אויבן אַראָפּ. אינדערראַמען האָט דאָס קליינע שטעטעלע פֿאַרמאָגט אָן אַ שיעור שיינקייט, אַ שטראָמיקן טייך מיט שיינע ברעגן, געדיכטן פּאַרק. גאָר נאָענט פֿון שטעטל איז געווען דער קינסקער סאָסנע־וואַלד, אין וועלכן עס זענען אָבער געוואַקסן אויך אַלערליי מינים אַנדערע ביימער. איצט זאָגן וואָס פֿאַר אַ מין ביימער דאָס זענען געווען, קאָן איך נישט. עס זענען דאָך נישטאָ אין יידיש די נעמען פֿאַר אַלערליי ביימער און נישט איך האָב אין די קינדער־יאָרן געוויסט ווי אַזוי די אַלע ביימער הייסן. כ׳ווייס נאָר, אַז דער וואַלד איז געווען אַזוי גרויס ווי ווייט מיין אויג האָט געקענט דערגרייכן. ער איז געווען געדיכט און הויך ביז צום הימל און יעדער בוים האָט, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, געוואָלט אַריבערוואַקסן דעם צווייטן בוים.

עס איז געווען שיין צו קוקן ווי אַזוי יעדער בוים שטרעקט זיך מיט די צווייגן און צעשפּרייט זיך אין דער ברייט און עס איז געווען שטאַרק אנגענעם צו רוען אין זייער שאָטן. דערפֿאַר זענען טאַקע אין די זומער־חדשים געקומען אַהער אויף אָפּרו יידן פֿון לאָדזש און פֿון וואַרשע. אַ סך האָבן געדונגען וווינונגען ממש אין וואַלד.

אַלס קינד האָב איך ליב געהאַט זיך שפּילן אין וואַלד מיט די פֿייגל. זיי זענען געשפּרונגען איבער די צווייגן און איך בין געזעסן אויפֿן גרינעם מאָך און זיך צוגעקוקט. עס זענען געווען אַלערליי פֿייגעלעך, געפֿלעקט פֿון אַלערליי קאָלירן און מיט לאַנגע פּיסקלעך ווי נאָדלען, וואָס פֿלעגן זיך אַוועקשטעלן און פּיקען די קאָרעס פֿון די ביימער. איך האָב זיך איינגעהערט אין זייער זינגען. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געטרילערט און זיך פֿאַרגאַנגען אין אַזאַ זיס געזאַנג, אַז מיר פֿלעגט שיר נישט אויסגיין דאָס האַרץ. כ׳האָב געזען ווי פֿייגעלעך זיצן

אין נעסטן און ווי זייערע מאַמעס ברענגען זיי עסן. ווי אַזוי די מאַמע לייגט יעדן קינד אין מויל אַריין אַביסל עסן און איך האָב געהערט ווי אַזוי די קליינינקע פייגעלעך פישטשען, אַז זיי ווילן נאָך.

גאָר אנגענעם איז זומער געווען ביים טייך, ווו מיר פלעגן זיך, מיט גרויס פאַרגעניגן און הארמידער פון עכטער קינדערשער פרייד, באָדן אין די קילע שטראָמיקע וואַסערן, וואָס האָבן געבלישטשעט אין דער זון און געוואָרפן פון זיך אַן אָפשיין, וואָס האָט געבלענדט אין די אויגן; די רוישיקע, פריילעכע זומערדיקע רעגנס, דונערן און בליצן, די פילפאַרביקע רעגנבויגנס. די גאָלדענע זומערדיקע טעג האָבן געוועקט צאַפלדיקע האָפענונגען און ליכטיקע צוזאָגן. דערמאָנט מען זיך אין זיי, ווערט דאָס האַרץ פאַרפלייצט פון אַזאַ גרויסער ליבשאַפט, אַ לויטערע און ליכטיקע, אָבער באַלד שטעלט זיך פאַר די אויגן דער מוראדיקער חורבן און אין האַרץ נעמט וויינען אַ גרויס געוויין.

געבליבן זענען אין זכרון אויך קאַלטע גרויע האַרבסט־טעג, ווען דעם הימל האָבן באַדעקט בלייענע כמאַרעס, וואָס האָבן געגאָסן פון זיך שלאָקס־רעגנס און עס האָט אויסגעזען, אַז זיי וועלן שוין גאָר קיינמאָל נישט אויפהערן. אין אַזעלכע מאָמענטן ווילט זיך אַרומגיין איבער די פאַרעגנטע געסלעך און איינאָטעמען אין זיך דעם אומעט און טרויער פון די נידריקע הייזער און טראַכטן וועגן די מענטשן, וואָס האָבן זיך אַזוי שווער געראַנגלט צו האַלטן זיך מיט אַלע כוחות אויף דער אויבערפלאַך. עס גייט אויף אין מיר אַזאַ גרויס רחמנות צו אָט־די מענטשן און עס ווילט זיך וואָס מער דערציילן וועגן זייער לעבן. אין דער פינצטערסטער אָרעמקייט האָבן זיי דאָך אָפגעהיטן אַזויפיל ליכטיקע שיינקייט, אַזויפיל מילדקייט און אַזויפיל געפיל פאַר דער פרייד פון אַנדערע. אַ שמחה אין שטעטל איז געווען אַלעמענס פרייד.

א פארשוווּנדענע וועלט

פשעדבאָזש איז געווען אַ טיפּיש יידיש שטעטל מיט אַלע יידישלעכע מעלות און חסרונות, מיט היימישקייט, נאָענטקייט און וואַרעמקייט, מיט פרומע, גאָטס־פאַרכטיקע יידן, חסידים און סתם באַלעבאַטישע מענטשן, בעלי־מלאכות, קרעמערס און סוחרים, מיט זייערע קליינשטעטלדיקע השגות און וועלט־אויסקוק, וואָס זענען דערטרונקען געוואָרן אינעם ים פון דאגות־פרנסה.

געווען אין שטעטל אויך אַ קולטור־דורשטיקע יוגנט. עס איז אויפגעקומען אַ שטאַרקע יוגנט־באַוועגונג, רעכטע און לינקע — עס האָבן זיך געשאַפן אָרגאַניזאַציעס, אַ קולטור־פאַריין. עס האָבן זיך געהערט נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און אַנדערע לאָזונגען, וואָס האָבן געהאַט אַ שטאַרקע השפעה אויף דער יידישער

גאָס. ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע אידעאַלן האָבן צעוויגט די הערצער פון די יידישע יוגנטלעכע און זיי האָבן מיט זייערע דלותדיק־צונויפגעקליבענע גראָשנס איינגעקויפט ביכער פאַר דער געשאַפענער ביבליאָטעק. דאָרט איז מען זיך צונויפגעקומען הערן רעפעראַטן, פירן וויכוחים און פיבערן דעם חלום פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלער אויפריכטעניש, פון אַ נייער יושרדיקער וועלט.

מיינע עלטערן

מיינע עלטערן, וואָלף און טויבע אַלעקסאַנדראָוויטש, זענען געווען באַלעבאַטישע מענטשן. מיין פאָטער איז געווען באַליבט ביי קליין און גרויס. "פעטער וואָלף — האָט מען אים גערופן און דערמיט אויסגעדרוקט די ליבשאַפט ווי צו אַ גוט און האַרציקן מענטש. ער איז געווען קלוג און טאָלעראַנט צו יעדן מענטש און געווען באַקאַנט פאַר אַ וויצלער. פאַר יעדן האָט ער געהאַט אַ הלצה, אַ גוט וואָרט, וואָס זאָל לינדערן צער און זאָרג. אין די שווערסטע צייטן האָט ער געזען די גוטע זייטן פון לעבן. דאָס הויז פון מיינע עלטערן איז געווען אָפן פאַר יעדן, וואָס האָט געפילט אַ באַדערפעניש אין ערלעכער וואַרעמקייט.

א פאַרצווייגטע משפחה

אַ פאַרצווייגטע משפחה זענען מיר געווען. פאַראַן אַזויפיל צו דערציילן וועגן זיי, גוטע, טייערע און האַרציקע מענטשן. אין שטוב זענען מיר געווען פיר קינדער. מיין ברודער חיימל, דער עלטסטער, האָט חתונה־געהאַט און זיין פרוי האָט אים געבוירן דריי קינדער. ער איז תמיד געווען פאַרהאָוועט, פאַרהאָרעוועט מפרנס צו זיין זיין הויזגעזונד.

אויך מיין דריטער ברודער, בערל האָט געפירט פאַר זיך אַ באַלעבאַטישקייט. ער האָט געהאַט אַ פרוי און דריי קינדער און האָט זיך איבערגעצויגן קיין ראַדאָמסק, אָבער תמיד געפילט זיך צוגעבונדן צו פשעדבאָזש און ווי אַלע אַנדערע געטוליעט זיך צו אונדזער משפחה.

אברהם האָט געוווינט צוזאַמען מיט אונדז און געפירט אַ קליינעם קאַמאַשנ־שטעפער־וואַרשטאַט. אין שטוב איז געשטאַנען דער ריח פון פריש־אויסגעאַרבעטע לעדערלעך. איך, מיין ברודער זיינוול און מיין שוועסטער חנהלע זענען געווען די יונגסטע אין שטוב און געווען צוזאַמען מיט די עלטערן.

אונדזער שטוב איז שטענדיק פול געווען מיט חברים און חברטעס, מיינע, מיין ברודערס און שוועסטערס. עס האָט געטרוישט און געפילדערט. די מאַמע האָט אַלעמען מקרב געווען. נישט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט שווער געהאָרעוועט, האָט זי יעדן אויפגענומען גאַסטפריינדלעך, מיט אַ ליבן שמייכל אויף

די ליפּן, האָט מיטגעלאַכט מיט אונדז פון די פריילעכע מעשיות, וואָס מיר האָבן זיך דערציילט און אונדז איז געווען גוט צו פילן דעם טעם טעם פון איר געלעכטער. זי איז געווען באַליבט און געשעצט ביי אַלע וואָס האָבן זי געקענט.

בענקשאפט

מיין בענקשאַפט צום שטעטל לעבט טיף אין מיר. פשעדבאָזש מיינט פאַר מיר טאַטע און זיידע, מאַמע און באָבע, שוועסטער און ברידער און אַזויפיל גוטע און געטרייע חברים און חברטעס, מיט וועלכע מיר פלעגן שפּאַצירן און חלומען וועגן ווייטקייטן, ווייטע שטעט און לענדער. שיין זענען געווען די אָוונטן, ווען מיר האָבן שפּאַצירט אויף דער בריק איבער דער פּיליצע, וואָס האָט זיך געצויגן צווישן פשעדבאָזש און ווידאמע, ווי זי וואָלט זיך פאַרנומען פונאַנדערצוטיילן זיי אין צוויי באַזונדערע שטעטלעך, אָבער די מענטשן האָבן זיך נישט געלאָזט, געפּילט זיך פאַראייניקט אין איין יידישע קהילה. באַלד ביי דער בריק האָט זיך געפונען דער שטאָטישער פּאַרק, ווו מיר פלעגן שפּאַצירן און פאַרברענגען. דורך די ביימער האָט זיך געזען דער אויסגעשטערנטער הימל און די לבנה האָט געשיינט איינע אַליין. נישט איינע פון אונדז פלעגט אין אַזעלכע אָוונטן נאָכקוקן איר און זיך פאַרטראַכטן, פאַרחלומען און אַמאָל אויך זוכן ווערטער ווי אַזוי אויסצודריקן אָט דעם צויבער.

זייענדיק אַ קליין מיידעלע פלעגט זיך מיר אויסדויכטן, אַז דער וועג, אויף וועלכן מיר שפּאַצירן, ציט זיך אומענדלעך ווייט, אָבער ווען איך בין צוריק־געקומען פון ווייטן רוסלאַנד, ווו איך בין געווען צוזאַמען מיט מיין שוועסטער חנהלע און מיט מיין ברודער זיינוול, בין איך געווען דערשטוינט צו זען ווי קורץ עס איז דער דאָזיקער וועג און ווי קליין עס איז די שטאָט; די שטאָט פון אונדזערע קינדער־און יוגנט־יאָרן; פון איידעלע און ליכטיקע אידעאַליסטן און גרויסע בעלי־מידות, וואָס ווען איך דערמאָן זיך אין זייער אויסגעהאַלטנקייט, קוראַזש און מסירות־נפש פאַר די אידעאַלן, ווער איך פונסניי פול מיט באַוווּנדערונג פאַר זיי און נאָך טיפער און שניידנדיקער איז דער ווייטאָג נאָך זייער טראַגישן אומקום.


דזשעק קואפמאַן

דאס בילד פון מיין מאמע

מיט שטאָלץ האָט מיין מאַמע געטראָגן איר אָפּשטאַם פון פּשעדבאָזש און דער אָנדענק פון מיין מאַמען איז דערפאַר געבונדן מיט דער וואַרעמקייט פון די יידן אין שטעטל. טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז עס איז נאַריש אויפצוהענגען אויף די ווענט פון מיין שטוב בילדער כ:ין באַרימטע מאלער. עס איז גענוג ווען עס שיינט אַראָפּ דאָס בילד פון מיין מאַמע. זי שטראַלט איידעלער און וואַרעמער פון אַלע אַלטע און מאָדערנע בילדער.

מיין מאַמע איז געווען די פאַרקערפּערונג פון צאַרטקייט, גוטסקייט און אמונה. זי האָט געגלויבט אין רבינס ווונדערלעכן כוח און זיין וואָרט איז פאַר איר געווען הייליק. ווען מיר האָבן מיט איבער זעקס צענדליק יאָר צוריק זיך געקליבן צו פאָרן קיין אַמעריקע, האָט זי דערצו געמוזט באַקומען די הסכמה פונעם ראספשער רבין און זיינע ווערטער: ״זע, היט אָפּ יידישקייט אינעם וויטן לאַנד״ זענען פאַר איר געווען אַ הייליקער געבאָט. אונדזער שטוב אין אַמעריקע האָט געהאַט אַלע טעמים און חנען פון פּשעדבאָזשער יידישקייט. אַ שטילע ליכטיקייט האָט געשטראַלט אין די שבתים און יום־טובים. די מאַמע האָט אַלץ געטון, עס זאָל אויסזען ווי אין פּשעדבאָזש, די זעלבע פייערלעכקייט, די זעלבע מאכלים און די זעלבע שכינה, וואָס איז פרייטיק־צו־נאַכטס געקומען אין יעדער פּשעדבאָזשער יידישער שטוב.

מיר ווייזט זיך אויס, אַז די גאַנצע צייט פון איר לעבן אין אַמעריקע האָט פון אירע אויגן אַרויסגעשיינט די בענקשאַפט נאָך דער שיינקייט פון דער אַלטער היים אין שטעטל. זי פלעגט אונדז דערציילן מעשיות פון איר יוגנט אין שטעטל און דערביי איז זי ווי צוריק געוואָרן יונג און קרעפטיק. דאָס איז די קרעפטיקייט פון דער יידישער פרוי אין אַמאָליקן שטעטל איבערצוהאַלטן אַלע דורכגעמאַכטע צרות און בלייבן שטאַרק, פול מיט האָפענונג אויף בעסערע טעג. תמיד האָט פון איר געאָטעמט מיט עפּעס אַזאַ מעכטיקן גלויבן אין די גערעכטע וועגן



די מצבה אויפן בית־עלמין פון דער פשעדבאזשער
סאָסייטי אין אַמעריקע

פון באַשעפער. זי האָט ממש געגליט מיט אַזאַ אומדערשיטערלעכן, אייביק־יידישן בטחון און האָט געלויכטן מיט אַזאַ גרויס־מענטשלעכקייט אינעם אויפנעמען באהבה ,מיט ליבשאַפט אַלע געשעענישן, פריילעכע און אומעטיקע, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער משפּחה.

אַזוי האָט זי מיט דער זעלבער וואַרעמקייט און גוטסקייט אויפגענומען יעדן פשעדבאָזשער לאַנדסמאַן, אין וועלכן זי האָט געזען עפּעס פון איר אַמאָליק לעבן אין שטעטל. אַ היימישער פשעדבאָזשער ייד איז איר תמיד געווען נאָענט און ליב צום געמיט.

עס איז גוט צו געדענקען אין דער הייליקער גוטסקייט און ערלעכקייט, וואָס די מאַמע האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פון שטעטל און דערפאַר ציט מיך תמיד צו די פשעדבאָזשער לאַנדסלייט אין כרך ניו־יאָרק. ווען איך קום אויף אַ פאַרזאַמלונג, באַגעגענען מיך היימישע יידן מיט אַזאַ ליבער וואַרעמקייט און פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן גוט געקענט מיין מאַמען, טייל געדענקען זי ווען זי איז נאָך געווען יונג און נעמען זיך דערמאָנען אַמאָליקע יאָרן אין שטעטל. פון זייערע היימישע, האַרציקע אויגן לייען איך אַרויס די בענקשאַפט נאָך דעם אַמאָל, נאָך אַזויפיל גוטע און טייערע מענטשן, וואָס זענען אַוועק. כ'דערזע פאַר זיך די לאַנדשאַפט פונעם שטעטל, פונוואַנען איך שטאַם, פון וועלכער איך

בין אַרויסגעוואַקסן. אַן אָרעמקייט געווען, פאַרשטויבט אַלט גאָלד פון יידישער אָרעמקייט, יידיש לעבן...

גיי איך אַהיים פון דער פאַרזאַמלונג ביי די האַרציקע לאַנדסלייט פון מיין און מיין מאַמעס אָרעם שטעטעלע. אין דמיון זע איך נאָך אַלץ די אַמאָליקע פשעדבאָזשער ווירקלעכקייט. כ׳דערזע די איידעלע געשטאַלטן פון מיין זיידע און באָבע, זייערע קלוגע און בטחונדיקע אויגן און כ׳הער ווי מיינע אַלטע לאַנדסלייט דערציילן די מעשיות פון זייער ערלעך און צניעותדיק לעבן, אַזוי ווי עס וואָלט אַלץ ערשט נעכטן געווען...

שטילע, אָרעמע מענטשן זענען זיי געווען די יידן אין פשעדבאָזש, אָרעם אין גאָלד, אָבער רייך אין דער נשמה, נגידים אין האַרץ.

ווי אַנדערש זענען זיי געווען פון אַ סך רייכע יידן אין אַמעריקע, וואָס זענען אַזוי אָרעם אין נשמה, פאַרגעסן פונוואַנען זיי שטאַמען. וועגן זיי קען מען קוים אָנשרייבן אַ שורה, אָבער וועגן מיין מאַמען, ווי וועגן אַנדערע פשעדבאָזשער יידן, פרויען און מענער קען מען דאָך אָנשרייבן גאַנצע ביכער און נאָך אַלץ נישט קענען זיך קיין עצה געבן מיט דעם גראַנדיעזן מאַטעריאַל.

די יסורים און גרוילן, וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט די יידן אין פשעדבאָזש אין די צייטן פון די היטלעריסטישע רוצחים, האָבן זיי נאָך מער געהייליקט און מיר וועלן קיינמאָל נישט אויפהערן צו באַוויינען די קדושים.



טובה מלץ־דגן

משפחת בריש מלץ



משפחת מַלץ נמנתה על המשפחות המכובדות ב־פשדבוז׳. אבי, בריש מלץ ז״ל היה יהודי תלמיד חכם, מתפלל בבית החסידים דא־לכסנדר. מדי יום ביומו היה מעיין בספרים, בבית לבדו או בשטיבל בחברת ידידים.

לאבא היו שני אחים: יעקל ושאול ועוד ארבע אחיות. שתים מהן גרו בפשדבוז׳. שלשת האחים היו סוחרי עצים. המסחר של אבי היה עצים להסקה. עקב זה עזר אבי להרבה משפחות שלא היה בידם כסף לקנות את העצים והוא נתן להם בהקפה, ולעתים קרובות גם לא עמדו בהתחייבויותיהם.

אמי, מירל (מרים), היתה אשה צנועה וחסודה, עזרה הרבה למשפחות נזקקות, במזון ובביגוד, והרבה עזרה לאנשים חולים. בעזרתה זו שיתפה את הבנות. טוב לבה והנכונות לעזרה לזולת של אמי, הם שדחפו אותי להמשיך בדרכה, ולכן למדתי להיות אחות, ואני עוסקת במקצוע זה עד היום.

אחי ואחיותי הם: לאה הבכורה, היתה בקיבוץ הכשרה של ״החלוץ המזרחי״ בפשדבוז׳, התכוננה לעלות ארצה, ובגלל המלחמה לא הספיקה; אחי משה, נער מתבגר שלמד בישיבה; חיה ויעקב היו ילדים קטנים עם פרוץ המלחמה.

אני עליתי ארצה בשנת 1936. הורי התנגדו בתחילה לצעד זה, ולבסוף הסכימו ואבי אפילו ליווה אותי לוורשה בדרכי ארצה.

במשך ארבעת השנים הראשונות שהייתי בארץ עמדתי בקשר מכתבים עם הורי בפשדבוז׳, הם תמכו בי בכסף ובבגדים, ובשנת 1940 ניתק הקשר, ויותר לא שמעתי מה עלה בגורלם.

אניא דיקמאַן, פּאַלע און זענעק אַלעקסאַנדראָוויטש


פּשעדבאָזש

פּשעדבאָזש איז אַ קליין היסטאָריש שטעטל, וואָס ליגט אויף דעם טייך פּיליצע. אַמאָל זענען דאָרט געווען גרויסע און ווילדע וועלדער, וועלכע מען רופט אויף פּויליש באָרי. דער נאָמען פון שטעטל פּשעדבאָזש נעמט זיך טאַקע פון דעם. דער קעניג קאַזימיעזש וויעלקי האָט אָפט איינגעאָרדנט גרויסע יאַכטן אין די וועלדער. ער האָט אין דער געגנט אויסגעבויט אַ שלאָס און דערפאַר האָט מען אַ גאַס אין פּשעדבאָזש גערופן פּאָדזאמטשע. עס איז אויך געווען אין פּשעדבאָזש אַ שיל, וועלכע דער קעניג האָט אויסגעבויט.

די גרעסטע טייל יידן אין פּשעדבאָזש זענען געווען סוחרים און בעלי־מלאכות. עס איז געווען אַ פריילעך און קולטורעל שטעטל פול מיט לעבן. די יוגנט איז געווען דורשטיק נאָך קולטור און האָט געשאַפן קולטור־געזעלשאַפט־לעכע און אידעאָלאָגישע אָרגאַניזאַציעס, אַלגעמיין ציוניסטישע און "מזרחי". עס איז אויך געווען אַן אָרגאַניזאַציע א.נ. "קולטורא". דער נאָמען טאַקע באַווייזט וועגן דער קולטורעלער טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע. "קולטוראַ" האָט געהאַט אַ גרויסע ביבליאָטעק מיט ביכער פון די בעסטע שרייבער. דער ביבליאָטעקאַר איז געווען בינעם ווײמאַן. די ביבליאָטעק איז געווען טעטיק יעדן אָוונט. די אָרגאַניזאַטאָרן פון "קולטוראַ" זענען געווען: הענעך פרידמאַן, אברהם אַלעק־סאַנדראָוויטש, אַלטער פּשעדנאַוועק, פוקס א.א. די אָרגאַניזאַציע איז געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ. יידישע יוגנטלעכע האָבן זיך צונויפגעזאַמלט עטלעכע מאָל אין דער וואָך, מערסטנס פרייטיק־צו־נאַכטס און שבת. עס זענען דאָרט פאָר־געקומען לעקציעס און פאָרלעזונגען, רעפעראַטן און דיסקוסיעס אויף פאַרשידענע טעמעס. די יוגנט האָט דאָרט איינגעזאַפּט אַ סך קולטור און וויסן.

עס איז אויך טעטיק געווען אַ דראַמאַטישער קרייז, אין וועלכן דער רעזשיסער איז געווען הענעך פרידמאַן. מיט אייגענע כוחות האָבן מיר אויסגעפירט פאַר־שידענע פאָרשטעלונגען ווי למשל גאָגאָלס "רעוויזאָר", הערש לעקערטס "דער בונט אין אויסבעסערונגס הויז", "דער אורטייל" און אַנדערע פאָרשטעלונגען.

קלוגע און דרייסטע יידן



וואלף אלעקסאנדראוויטש ז״ל
אומגעקומען אין טרעבלינקע 1941

אין פשעדבאָזש האָבן געוווינט אַ סך ערלעכע און קלוגע יידן, צווישן זיי זענען אויך געווען אונדזערע עלטערן וואָלף און טובה אַלעקסאַנדראָוויטש. אינ־דזער פּאָטער איז געווען אַ באַקאַנטער סוחר, וועלכער האָט געהאַט אַן איינ־געבוירענע אינטעליגענץ. איך געדענק, ווי פאַרשידענע מענטשן זענען געקומען צו מיין פּאָטער זיך אַן עצה האַלטן און אויך אַ סך מאָל באָרגן געלט. מיין פּאָטער האָט געהאָלפן מיט אַלעם ווי נאָר ער האָט געקענט.

מיינע ברידער חיים־אברהם און בער זענען געווען געזונטע און שטאַרקע בחורים און האָבן זיך תמיד אָנגענומען פאַר די שוואַכערע און נישט געלאָזט קיינעם קיין שלעכטס טון. איך געדענק גאַנץ גוט און אַלע געדענקען מיר דעם אַנטיסעמיטיזם אין פוילן און אויך אין אונדזער שטעטל האָט עס נישט געפעלט און ווען עס האָט פּאַסירט, אַז כוליגאַנעס האָבן זיך געמאַכט פריילעך און אָנגעפאַלן אויף יידן, זענען מיינע ברידער געווען די וועלכע האָבן זיך געשטעלט און נישט געלאָזט טון קיין שלעכטס די יידן.

איך געדענק אַ פאַל, ווען אויפן רב ר׳ אפרים זענען אָנגעפאַלן כוליגאַנעס און האָבן אים געדראָט אַריינצוואַרפן אין דער פּיליצע. דעמאָלט איז צופעליק דורכגעגאַנגען מיין ברודער אברהם און זעענדיק וואָס דאָ קומט פאָר איז ער צוגעגאַנגען צו די כוליגאַנעס און זיי פאַרגעלייגט, זיי זאָלן זיך מיט אים שלאָגן און נישט מיט אַ שוואַכן אומבאַהאָלפענעם מענטש. די כוליגאַנעס אָבער האָבן מורא געהאַט פאַר מיין ברודער און זענען אַנטלאָפן. מיין ברודער האָט אַהיימ־געפירט דעם רב ביז זיין שטוב. איך וויל דאָ אונטערשטרייכן, אַז מיין ברודער איז נישט געווען רעליגיעז, אָבער איז געווען אַן אינטעליגענטער בחור און נישט געלאָזט קיינעם שלעכטס טון.


ווען מיר זענען צוריקגעקומען נאָך דער מלחמה קיין פוילן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אַלע אונדזערע טייערע און נאָענטע זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די היטלעריסטן. מיין עלטסטער ברודער חיים איז געווען אויסבאַהאַלטן

צוזאַמען מיט אלתר ליטמאַנאָוויטש און האָבן זיך טאַקע אָפּגעראַטעוועט פון די היטלעריסטישע רוצחים. אָבער ווען זיי זענען צוריקגעקומען קיין פשעדבאָזש האָבן זיי געוווינט צוזאַמען מיט נאָך פיר מענטשן, וועלכע האָבן זיך אויך מיט ניסים אָפּגעראַטעוועט פון די היטלעריסטישע מערדער, זענען אויף זיי אָנגעפאַלן פוילישע רוצחים און זיי דערמאָרדעט. דאָס האָט פּאַסירט אין 1945. די פוילישע גויים האָבן נישט געקענט שלום מאַכן מיט דעם פאַקט, אַז עס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט אַ פּאָר יידן. זיי האָבן געוואָלט אַ פוילן אָן יידן.

איך בין געווען אין פשעדבאָזש נאָך דער מלחמה און געזען ווי אַזוי זיי לעבן דאָרט אָן יידן. זיי לעבן אין גרויס אָרעמקייט. זיי האָבן זיך אויף דעם פּאָרדינט. מיין מאַן ז. דיקמאַן, דער טאַטע פון מיינע צוויי קינדער, האָט געשטאַמט פון פשעדבאָזש. ווען מיר זענען צוריקגעקומען נאָך דער מלחמה קיין פוילן און ווען ער האָט זיך דערוווּסט וואָס עס איז געשען מיט זיין גאַנצער משפחה און אַז אַלע יידן פון פשעדבאָזש זענען אומגעקומען אין טרעבלינקע, האָט ער זיך אזוי שטאַרק איבערגענומען און איז שווער קראַנק געוואָרן. דער צער איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט עס נישט אויסגעהאַלטן און איז געשטאָרבן אין יאָר 1953.

איך בין געבליבן מיט צוויי קליינע קינדער אין לאָדזש און געמאַכט אַלע באַמיאונגען, מען זאָל מיר דערלויבן אַרויספאָרן פון פוילן. אין 1957 האָב איך באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן און איך האָב אָנגעהויבן וואַנדערן מיט מיינע קינדער ביז איך האָב זיך באַזעצט אין אַמעריקע.

ווען איך שרייב און דערמאָן זיך אונדזערע אַלע איבערלעבונגען, איז מיר אַליין שווער צו גלויבן, אַז אַ מענטש קען אַזויפיל איבערלעבן און דאָס נאָר צוליב דעם, ווייל מיר זענען געבוירן געוואָרן יידן. און טראָץ דעם אַלעם בין איך גליקלעך און שטאָלץ מיט מיין יידישן אָפּשטאַם, מיט די לויטערע געשטאַלטן פון פונעם קליינעם יידישן שטעטל, וואָס די היטלעריסטישע רוצחים האָבן אַזוי גרויזאַם אומגעבראַכט.





די מענטשן אויף די דאָזיקע בילדער האָבן זיך טיף איינגע־קריצט אין מיין זכרון צוזאַמען מיט די איבערלעבענישן אין מיין געבוירן שטעטל פשעדבאָזש, וועגן וועלכע איך דערצייל אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך.

אויפן דאָזיקן בילד (אויבן) זעען מיר שיע און שרה באַנקער מיט זייערע דריי קינדער: פראדל־לאה, משה־זלמן און מרים־ריווע. אַלע זענען זיי אומגעקומען אין טרעבלינקע.

אויפן בילד אונטן זעען מיר די משפחה ברענער: דער מבקר וואָלף מיט זיין ווייב רחל, זייערע טעכטער שרה־מלכה און פראדל־לאה און זייער זון קאָפּל. בעת דער מלחמה האָבן זיי געוווינט אין לאָדזש און זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים שוין אין די ערשטע חדשים פון דער אָקופּאַציע אין יאָר 1939. דערציילנדיק וועגן זיי אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך דערפיל איך מיין חוב לגבי די דאָזיקע איידעלע פאָלקס־מענטשן פון אונדזער שטעטל, וואָס איז אַזוי גרויזאַם פאַרניכטעט געוואָרן. זיי זענען איינצלנע פון אַ סך, וואָס זענען אונדז איינגעבאַקן אין האַרצן, אָבער גאָר ווייניק זענען די בילדער, וואָס זענען געבליבן און אָפּגעהיטן דורך טרייע הענט.

מ. אורשטיין



פּאַלאַ פּאַזען

די שבועה פון דורות

די גאַנצע צייט פון דער מלחמה, ווען מיר זענען געווען פאַרוואָגלט אין ווייטן רוסלאַנד, האָבן מיר געטרוימט און געהאָפט, אַז מיר וועלן זיך אומקערן צוריק קיין פּוילן, אין אונדזער היימשטעטל, וווּ מיר וועלן זיך ווידער טרעפן מיט אונדזערע עלטערן, ברידער, קרובים און פריינד.

ווען מיר זענען שפּעטער, נאָך לאַנגע יאָרן, נאָך טעג און נעכט, פולע מיט מי און מאַטער און מיט טויזנטער נסים, געראַטעוועטע פון אָן אַ שיעור טויט־געפאַרן, ענדלעך ווידער אָנגעקומען קיין פּשעדבאָזש, האָבן מיר דערזען דעם מוראדיקן חורבן.

אונדז, מיר, מיין שוועסטער און ברודער, האָט זיך אויסגעוויזן ווי די גוטסלעך וואָלטן אַנטלאָפן פון אונדז און די ערד האָט געברענט אונטער אונדזערע טריט. נישטאָ אונדזערע עלטערן, אונדזערע ברידער און נישט קיינער פון אונדזערע קרובים. נישטאָ קיין שפור פון יידישן פּשעדבאָזש. אַלע זענען זיי אַוועק צום טויט, אין די קרעמאַטאָריעס פון טרעבלינקע.

כ׳האָב זיך דערוווסט, אַז מיין עלטסטן ברודער חיימל איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן איבער דער גאַנצער מלחמה. ער האָט דורכגעמאַכט אַלע פּיינען, שרעקן און טויט־געפאַרן. ווען פּשעדבאָזש איז געוואָרן באַפרייט, איז ער געקומען אַ קוק טון, צי ס׳איז ווער געבליבן פון אונדזער משפחה, צי עס איז נאָך עמעצן געלונגען זיך אָפּצוראַטעווען. ער האָט דעמאָלט געטראָכט אין פּשעדבאָזש נאָך זעקס לעבנגעבליבענע יידן, וועלכע האָבן זיך אויך מיט גרויס נסים אָפּגעראַטעוועט פון טויט. ווי אויסגעלאָשענע האַלעוועשקעס האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט אין שטעטל און געוויינט איבערן חורבן. דאַן זענען זיי באַפאַלן געוואָרן פון אַ פּוילישער באַנדע, וועלכע האָט זיי אויסגעמאָרדעט ביז איינעם. זיי, די פּוילישע אַנטיסעמיטן, האָבן פאַרענדיקט די היטלעריסטישע רציחות.

געזעסן זענען מיר אויף אַ שטיין פון די חורבות, געזען די שטעכיקע בליקן

פון די פוילישע דורכגייער, אָנגעלאָדענע מיט שווערע פינצטערע מחשבות. פון אונדזערע הערצער האָט זיך געריסן אַ געוויין.

מיר האָבן געוויינט איבערן חורבן פון אונדזער שטעטל, איבערן טויט פון אונדזערע נאָענטסטע און טייערסטע, וועמענס אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט האָט אַרויסגעשריגן פון דער ערד.

אין פשעדבאָזש זענען מער נישטאָ קיין יידן.

קיינמאָל וועלן מיר נישט אויפהערן צו טרויערן אויף זייערע פאַרשניטענע יאָרן, אויף זייערע איבערגעהאַקטע לעבנס. מיט צער און צאָרן וועלן מיר טאָג און נאַכט דערמאָנען די רציחות, דעם גרויזאַמען אומקום און מיט אַלע אונדזערע נערוון וועלן מיר מיטלעבן דעם חורבן.

אייביק וועלן מיר אָפהיטן די שבועה וואָס האָט געשוועבט איבער די קעפּ פון אַלע יידישע דורות: ז כ ו ר ו אַ ל ת ש כ ח!

יעקב־קאַפּעל קאופמאַן, ניו־יאָרק

מיט א געפיל פון בענקשאפט צו אונדזער שטעטל

סישטאָ קיין צווייפל, אַז מען דאַרף פאַרצייכענען אַלץ וואָס מען געדענקט וועגן יידישן לעבן אין אונדזער שטעטל; אַז מען דאַרף דערציילן וועגן אַלע, וואָס זענען אַזוי טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן, אָבער דערביי עקבערט די פראַגע, צי וועט דער זכרון אַרומנעמען דאָס אַלץ? צי וועט דער זכרון אימשטאַנד זיין אויסצורעכענען אַלץ וואָס דאַרף פאַרצייכנט ווערן? צי וועט אונדז געלונגען צונויפצושטעלן און אויפלעבן די אַלע געשטאַלטן, וואָס האָבן געלעבט אין אונדזער שטעטל און וואָס זייער אָנדענק איז אונדז אַזוי נאָענט, טייער און הייליק.

שטיי איך איצט מיט אַ געפיל פון בענקשאַפט צו דעם אַלעם, וואָס איז פאַרביי און ועט שוין מער קיינמאָל נישט קומען צוריק און פון האַרצן גייט אויף אַ תפילה, אַז דאָס וואָס איך ועל פרווון פאַרצייכענען, זאָל אַרויסקומען אַזוי ווי די יידן אין שטעטל האָבן זיך עס פאַרדינט און אַזוי ווי זיי ועלן שטענדיק לעבן אין מיין זכרון.

אַ סך יאָרן זענען שוין אַדורך זינט איך בין אַוועק פון שטעטל, ווו עס האָבן געלעבט מיין מוטערס עלטערן, אירע ברידער און קרובים. דאָס איז געווען די משפחה בוקאווסקי. מיין פעטער איז געווען איטשע מלמד. פשעדבאָזש איז געווען אַ פרומע שטאָט, מיט אַ סך חסידים פון פאַרשידענע רביים. אין די חסידים־שטיבלעך איז דאָס לעבן געווען פול מיט התלהבות און שמחה. פון צייט צו צייט פלעגן אויך זיין מחלוקתן צוליב אַ רב. מחלוקתן פלעגן אויך אויסברעכן צווישן חסידישע עלטערן מיט זייער פאָרגעשריטענע קינדער, וואָס זענען אָנגע־שטעקט געוואָרן מיט די אידעען פון דער ברייטער וועלט.

איך זע זיך לערנען אַלס תלמיד ביי דעם ווידאמער עילוי, קופערמינצס איידעם, אַ מענטש מיט אַ סך וויסן און פאַרשטענדעניש.

אין זכרון איז מיר געבליבן דער יוגנטלעכער דראַמקרייז, אין וועלכן עס זענען געווען אַקטיוו בעריש יאכימאָוויטש, שמאי לעווקאָוויטש, נחמיה ווערניק, מלכה דעם שוחטס טאָכטער א. א. עס האָט זיך דעמאָלט געקאָכט אין שטעטל. די פרומע יידן זענען געלאָפן צום רב און ער האָט גערופן די אָנפירער פונעם דראַמקרייז און געפרעגט זיי, פאַרוואָס זיי טוען דאָס. זיי האָבן זיך פאַרענטפערט, אַז די הכנסות, וואָס ועלן אַריינקומען פון דער פאָרשטעלונג, וועלן גיין אויף אַ וווילטעטיקן צוועק, צו העלפן קינדער פון אָרעמע אַרבעטער. דער רב האָט זיי אויפמערקזאַם אויסגעהערט און געבעטן זיך ביי זיי, אַז אויף דער פאָרשטעלונג זאָלן נישט טאַנצן קיין יינגלעך מיט מיידלעך.

מיר איז געבליבן איינגעקריצט אין זכרון די לעבנסלוסטיקייט פון די יידישע יוגנטלעכע אין פשעדבאָזש. זיי זענען געווען פילבאר צו די אידעאַלן און אידעען, וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען פון דער גרויסער שטאָט. יידישע יוגנטלעכע האָבן זיך געפילט אויך צוגעבונדן צום שטעטל און געוואָלט אויך העלפן עס בויען, געוואָלט אָנטיילנעמען אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. איך געדענק ווי אַ סך יוגנטלעכע האָבן זיך געריסן אַריינצוטרעטן צו די פייערלעשער, אָבער זייערע טאַטעס האָבן געקוקט דערויף ווי אויף אַן איבעריקע זאַך, וואָס ציט אָפּ פון לערנען און דערפירט צום חברן זיך מיט גויים.

אַמאָל האָט פּאַסירט, אַז אַ גוי איז אַריינגעפאַלן אין אַ ברונעם און די יידישע יונגעלייט האָבן אים אַרויסגעראַטעוועט. זיי האָבן דערביי באַוויזן אַ

סך מסירות נפש, אָבער נישט גענאָסן פון קיין דאַנקבאַרקייט מצד דער קריסט־לעכער באַפעלקערונג.

בלאַס זענען די זכרונות וועגן דער מחלוקת, צוליב וועלכער דער רב האָט געמוזט פאַרלאָזן דאָס שטעטל און אַוועק קיין ראַספּשע. איינמאָל אין יאָר פלעגט ער קומען אויף קבר אבות. פון זיינע פיר זין, רביים, געדענק איך נאָר צוויי. איינער האָט געלעבט אין וואַרשע. דער אַנדערער איז געווען רב אין פּאַביאַניץ, אין דעם שטעטל וווּ איך בין געבוירן געוואָרן און וווּ מיינע עלטערן האָבן געוווינט אין משך פון יאָרן. איך בין טאַקע אַ זון פונעם פּאַביאַניצער שמואל בעקער.

מיין מוטער, אַ שוועסטער פון איטשע מלמד, האָט געהאַט נאָך צוויי ברידער ישעיה און קאָפּל בוקאָווסקי. מיין פאָטער איז פרי אַוועק קיין אַמעריקע. דאַן איז מיין מוטער צוריקגעפאָרן קיין פּשעדבאָרזש, וווּ מיר האָבן געוואַרט, אַז דער טאַטע זאָל אונדז אַראָפּנעמען, אָבער דערווייל האָבן מיר מיטגעמאַכט אַלע פריידן און ליידן פון די יידן אין פּשעדבאָרזש, וועלכע האָבן זיך אויך אַזוי טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון.

ווען מיר זענען שפּעטער אַוועק קיין אַמעריקע, האָט מען אונדזער הויז גערופן: "קעסעל גאַרדען", ווייל די פּשעדבאָרזשער לאַנדסלייט פלעגן זיך דאָרט צונויפקומען. צווישן זיי זענען געווען: די ראָזנצווייגס, משהל רישפּאַן, משה ווערניק, נח מאַשלאַק, הערשל און חנה זכריהס, אַלטער דאַוונער, לעווקאָוויטש, שמואל שוואַרץ, יחיאל מעשנבערג, וועלכן מען האָט גערופן פּעטער יחיאל.

מיר פלעגן זיך טיילן מיט זכרונות פון אונדזער שטעטל, וועגן די באַדינגונגען און סיטואַציעס פון יענע צייטן. וויפל מען האָט זיך נישט דערווייטערט פון דער היים און פאַרשלונגען געוואָרן אין דער נייער סביבה און אין אַ נייער וועלט, מיט גאָר אַנדערע באַגריפן און גאָר אַנדערן לעבנשטייגער, זענען אָבער די בילדער פון דער אַלטער היים תמיד לעבעדיק געשטאַנען פאַר אונדזערע אויגן; דאָס אַמאָליקע שטעטל מיטן מאַרק, מיט די דאָרטיקע געסלעך, מיט די טיפע בלאָטעס און מיט די פּרעכטיקע וועלדער אַרום.

דאָס שטעטל פּשעדבאָרזש איז געבליבן איינגעקריצט אין דעם באַגינען פון מיין לעבן. ווייל דאָרט האָב איך אויפגעוואַקסן און אָנגעהויבן באַנעמען די אַרומיקע שיינקייט און די ליבשאַפט צו מיין מאַמעס משפחה, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ געטריישאַפט פון איינעם צום אַנדערן.

מיט יאָרן שפּעטער האָט מיין מאַמע אַראָפּגעברענגט קיין אַמעריקע איר ברידער ישעיה בוקאָווסקי און דערנאָך אויך זיין משפחה. ער האָט זיך ווירקלעך גוט איינגעאָרדנט און איז געווען דער פּרעזידענט פון דער פּשעדבאָרזשער סאָסייטי

אין ניו־יאָרק. זיינע קינדער זענען געוואָרן גרויסע געשעפטס־לייט און היטן געטריי אָפּ דעם אָנדענק פון זייערע עלטערנס געבורט־שטעטל, פשעדבאָזש.

די בר־מצווה פון א פשעדבאזשער יינגל אין ניו־יארק

דאָס איז געווען אַ גרויסע שמחה וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט איבער פינף־און־פופציק יאָר צוריק אין דער פשעדבאָזשער שיל אויף דער איסט סייד אין ניו־יאָרק. אין יענע צייטן און אין יענע באַדינגונגען איז עס געווען אַ רייכע שמחה אויף אַ גרויסן פאָרנעם.

מיין פאָטער שמואל קאופמאַן האָט געהאַט אַ ברודער אין פעטערסאָן נאדזוארזי און ער האָט עס אַהערגעברענגט זיין זון צו פייערן זיין בר־מצווה. מיין מוטער האָט צוגעגרייט די גרויסע פייערונג אין שיל, געשטעלט וויין, שנאַפּס, חלות, קיכלעך, הערינג און נאָך אַנדערע מאכלים, מכבד צו זיין די געסט, די מתפללים, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אינעם פייערן די בר־מצווה פון איר שוואָגערס זון.

מיין פאָטער האָט מיטן יינגל געזאָגט די ברכות ביים אויפרופן אים צו דער עליה ביי דער ספר תורה. דער בר־מצווה־בחור האָט נישט געקענט קיין עברי, ווייל אין יענער שטאָט איז נישט געווען קיין חדר און נישט קיין מלמד, וואָס זאָל אים לערנען דאַווענען.

די פייערונג האָט זיך געצויגן אַ גאַנצן שבת. עס איז געווען די שמחה פון די פשעדבאָזשער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק. איך וואָלט גערן אויסגערעכנט אַלע נעמען פון די מתפללים, פון די אַלע פשעדבאָזשער לאַנדסלייט, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דער שמחה, אָבער זייער ווייניק נעמען זענען מיר געבליבן אין זכרון. איך געדענק קודם־כל די רישפאַנס: משהל, פנחס און יצחק־לייב; יחיאל מעשנבערג, הערשל זכריהס, נח מאשלאק, פנחס מילער און ראדעלא. פאַרשטייט זיך, אַז צו די הויפּט־מחותנים האָט געהערט ישעיה בוקאָווסקי.

די שמחה איז געווען געמישט מיט נאסטאַלגיע, מיט דער בענקשאַפט צום אַמאָליקן שיינעם יידישן לעבן אין שטעטל. אַלע האָבן פון גאַנצן האַרצן געווונטשן דעם יינגל אַ גלענצנדיקע צוקונפט.

דאָס דאָזיקע בר־מצווה יינגל איז ביים היינטיקן טאָג איינער פון די גרויסע פערזענלעכקייטן אין ניו־יאָרק. דאָס איז מיין קוזין ד״ר סעם קאופמאַן.

אומפאַרגעסלעך איז פאַר אונדז דאָס שטעטל, די היים פון אונדזערע עלטערן און אורעלטערן. אומפאַרגעסלעך זענען אויך יענע ערשטע צייטן אין אַמעריקע, ווען די פשעדבאָזשער לאַנדסלייט האָבן געהאַט זייער אייגענער שיל אויף דער איסט־סייד אין ניו־יאָרק. זייערע קינדער, די יונגע בחורים און מיידלעך האָבן